STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06093

TIPEN UN BILDER

A. Baroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

TALES BY AB. BAROFF

טיפּען
אוּן
בּילדער
פוּן
אב. בּאראף

אַרויסגעגעבען פוּן דער
יוניאָן פּאַבּלישינג קאָמפּאַניע. ניו יאָרק

S. Schreiber Union Printer

161-63 Broome St. New York

Copyright 1910
by Union Publishing Co.
B. F. and H. S.

במקום א פאָררעדע

דאָס בוך איז געענדיגט, פערטיג פיר דער פרעס, און דער דרוּ־קער מאָהנט א פאָררעדע, ער זאָגט אז אזוי פיהרט זיך די וועלט און ער האָט „עקסטרא“ געלאָזען צוויי זייטליך דאפיר.

צו מיין גרויסען באדויערען בין איך ניט איינפערשטאנדען מיט דיעזען מנהג און מיט דעם פרינטערס פרינציפּ, איך וויל אז מיין בוך זעלבסט זאָל רעדען פיר זיך, אָהן קיינע אונטערפיהרער און ספּעציעלע רעקאָמענדאציאָנען.

אַלעס וואָס דיעזעס בוך ענטהאלט איז געשריבען ערענסט מיט דעם בלוט און פייער פון מיין הערצען, און אלס אזעלכעס לעג איך עס פאר בעפאָר דאָס ווערטהע ליטעראטור ליבענדע פובליקום, און זאָל עס אייך וואָהל באקומען.

מיט אכטונג,

דער פערפאַסער.

אפּריל, 1910.

א מאמע.

גאָססיע איז געוועזן אן איינפאכע מיידעל, ניט קיין פארשוין, נור אויך ניט מיאוס.

זי האָט געהאט א לענגליך ווייסען געזיכט, שאטינע לאנגע האָאָר, אויגען היטרע — אין וועלכע עס איז געלעגען א בייזקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט, זיינען זיי צו אייך געקראָכען אין דער ברוסט, און אייך געשעפּטשעט:

נעהם מיך... נעהם מיך.

קיין גרויסע חכמה איז זי אויך ניט געוועזן, אָבער איהרע אינטערעסען האָט זיא גוט פערשטאנען, און ווען מאָריס איז אָנגעקומען אין דעם זעלבען שאפּ וואו זיא האָט געארבייט, האָט זיא פערשיעדענע מיטלען אָנגעווענדעט אום צו געפעהלען.

מאָררים איז געוועזן א לעבעדיגער — פרעהליכער יונג, א שנעלער גוטער ארבייטער, א פערדיענער, ניט קיין ספּענדער — און אזעלכער איז דער אידעאל פון א סך מיידלאך און דארום איז קיין וואונדער, וואָס גאָססיע האָט זיך ארום געטראָגען מיט פלענער ווי אזוי זי זאָל פאנגען אזא גוטען העבט.

זי האָט זיך געדרעהט ארום איהם, האָט פון צייט צו צייט צוגעשטיפּט מיט איהם, האָט אויסגעפונען וואָס ער ליעבט און האָט עס איהם געבראכט, קורץ קיין זאך איז פאר איהר ניט שווער געווען, אום איהם צו פעראינטערעסירען מיט זיך.

און ער, דער גוטער לעבעדיגער יונג האָט הנאה געהאט — זיין אייטעלקייט איז געקיצעלט געוואָרען פון דעם וואָס דער שעהנער געשלעכט פאדיעט אזוי ארום איהם און ער האָט געשטיפּט — געלאכט, געוויצעלט זיך מיט אלע מיידלעך אין שאפּ, אָבער געוועהנליך מיט גאָססיען מעהר — ווייל זיא איז געוועזן דיא קליגסטע, די אינטערעסאנטעסטע. ער איז געוועזן יונג, אונפּראקטיש, האָט

קיין זאַך ניט גענומען צו ערנסט — אויף דעם פאַמיליען לעבען האָט ער געקוקט ניט מיט אַ אָפּטאָמיסטישען בליק. „פרייהייט“ ווערט געשמידט אין קייטען פון פפליכטען ווען מען הייראַטעט, אַזוי פּלעגט ער זאָגען — און ער האָט געטרוימט פון אַ פרייען לעבען, ניט זיין צו געבונדען און פערפפליכטעט נור צו איינע, ער האָט געוואָלט לעבען, בעוועגען זיך פריי, וואו ווען, און מיט וועמען ער האָט געוואָלט.

אָבער די פּראַקטישע גאָססיע האָט איהר נעץ אויסגעשפּרייט קלוג, און מיט אויסרעכענונג — און פּלוצלונג האָט זיך פאַנאַנדער געטראָגען אַ קלאַנג דאָס זיי — מאָררים און גאָססיע זיינען חתן־כלה.

ווען מען האָט מאָרים'ען אָפּגעגעבען מזל־טוב האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, און האָט גוטמוטהיג געשמייכעלט. — אָבער ווען ער האָט זיך אַרום געקוקט דאָס דער הומאָר איז אַ גאַנץ ערנסטער האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטהאָן פון שרעק; ער האָט געזוכט אויפקלעהרען דעם טעות — נאָר מיטאַרבייטער האָבען איהם געראַטהען מאַכען אַ שוויינ — „אַריינגעפאַלען איז פערפאַלען“. עס איז דאָך אַמעריקאַ — מיט אַ בריטש־אָף פּראָמיס.

און מען האָט איהם מתרה געווען, דאָס ער קען נאָך זיצען אין פּריזאָן. צו שפּעט האָט ער זיך אַרום געזעהען.

און אַזוי האָט פּאַסירט דאָס מאָרים האָט חתונה געהאַט מיט גאָססיען.

די ערשטע צייט נאָך זייער חתונה איז ער אַרום געגאַנגען ווי אַ בעטויבטער.

שטיל איז געוואָרען דער לעבעדיגער זינגער, אָפּגעשטאָרבען איז די מונטערקייט.

אַ פער'חלום'טער האָט ער זיך אַרום געדרעהט אין זיין הויז, אַזוי ווי ער וואָלט אַרומגעוואַנדערט אין אַ פרעמדער וועלטיל, גאָר ניט דער זעלבער מאָררים.

אָבער דערפאַר איז גאָססיע, אויך געוואָרען ניט די זעלבע. לעבעדיגער שטיפערישער שפּרינגען אַרום איהרע אויגלאַך אין איהר קאָפּף, אויף איהר געזיכט שוועבט אַ צופרידענער שמייכעל, און אין דער בייזקייט וועלכעס שפּיעגעלט זיך אָפּ אין איהרע אויגען, זעהט זיך טריאומפף.

זי האָט פערגעסען איהר ראָליע, וועלכע זי האָט געשפּיעלט פאַר דער חתונה. ניט מעהר איז זי די גוטע אויפמערקזאַמע גאָססיע, ניין ! יעצט צייגט זי זיך אין איהר ריכטיגע געשטאַלט. — זי

איז שוין זיכער מיט איהר פאנג, און די בייזקייט וועלכע זי האָט אונטערדריקט די גאנצע צייט וואָס זיי זיינען געווען חתן־כלה, האָט אויסגעבראָכען אין פולער קראַפט, מיט א דאָפּעלטער מאכט. און זי שיט מיט קללות, מיט חרמות, — ברענט און שרפ'ענט דעם אָרט וואו ער שטעהט.

דאָס געפעהלט איהר ניט וואָס ער געהט ארום אזוי פער'־חלום'ט, דאָס לוינט זיך איהר ניט ער זאָל זיך אָפּגעבען מיט בי־כער אָדער צייטונגען, דאָס שטעהט ער ניט ווי זי וויל, קורץ, טאָג איין טאָג אויס — אימער קללות, אימער אונצופריעדענהייט. און איהם ווערט נאָך מעהר אָבשטויסענד די הויז, די היים זיינע.

און זיין קינד וועלכע זי האָט איהם געבאָרען, דעם פּעטינגען אונשולדיגען נפש'ל וועלכען ער ליעבט, אפילו דאָס איז ניט גענוג אום איהם שטארק צו צובינדען צו דער היים.

פּראָסטיג — מיט א קאַלטען ווינד בלאָזט פון יעדען ווינקעל — און עס טרייבט איהם פון זיין הויז...

* * *

מיט דאָרען האָט ער זיך צופעלליג בעקאנט ביי א פערזאמלונג.

זי איז געווען א יונגע איידעלע קינד, פון קליינעם וואוקס, איהר קאָפּ איז געווען בעדעקט מיט א געדיכטען וואלד פון פעך־שווארצע האָאָר, וועלכע זיינען געווען פארקאמט מיט א עסטעטישען גע־שמאַק, איהר געזיכט איז געווען א רונדער, בעצויגען מיט א בלאַס־קייט וועלכעס האָט איהר צוגעגעבען איין ערנסטען אויסזעהען און א טיעף מעלאַנכאָליע איז געלעגען אין איהרע שווארצע גרויסע אויגען.

מאָררים האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דיעזען קינד, אזוי האָט ער זי אָנגערופען אין זיינע געדאנקען. ער האָט ליעב געהאט צו פיהרען ויכוחים מיט איהר, זי איז געווען א קליינע פילאָזאָפקע, טיעפע געדאנקען, קלוגע איינפעללע האָט זי בענוצט אין זייערע דיספוטען.

ענדליך. האט ער זיך ארום געקוקט דאס ער ליעבט דיעזע ערעלען קינד.

וואָכען, מאָנאטען, האָט ער מיט זיך געקעמפּפט, האָט געזוכט צו דערשטיקען דיעזען געפיהל, נור אומזיסט! איהר ליעבער סימ־פּאטישער געזיכט, איז אריין טיעף אין זיין נשמה, האט זיך אריינ־געקליעבען אין זיין ברוסט, און האָט דאָרט געמאכט איהר היים.

און ווען מאָררים האָט שוין לענגער ניט געקענט זיך שטיקען

מיט דיזען געפיהל — ווען זיין הארץ האט געצויגען, געריסען אהנע מיטלייד, האט ער ענדליך זיך ערקלערט פאר דאם נאבעלע קינד... און זי איז געבליעבען זיצען ווי א פעראורטהיילטע צום טויט, עפעס האט זיך איהר ווי אפגעריסען אין הארצען.

זי האט זיך קיינמאל ניט אפגעגעבען קיין רעכנונג, וואס פאר א געפיהל איז דער, וועלכער בעוועגט זי, וואס עס ציהט איהר צו זעהען מאררים, צו פערברענגען מיט איהם.

און יעצט האט זי זיך דערשראקען פאר זיך, פאר איהרע גע־דאנקען.

און זי האט געזוכט ווי צו דערשטיקען די שטימע וועלכע האט אין איהר גערעדט, — דו ליעבסט איהם! דו ליעבסט איהם! און זי האט צו איהם גערעדט, אזוי ווי צו א גוטען קינד — ווייך און שטילל.

זי האט איהם דערמאהנט אן זיין פרוי און זיין קינד, אן זיינע פליכטען צו זיי, האט איהם אויפגעמונטערט, האט איהם געבעטען ניט צו פערשוועכען זייער פריינדשאפט מיט ניט ריינע געדאנקען.

אבער ווען זי איז געבליעבען אליין, איז איהר שטאלץ, איהר מוטה צוזאמען געבראכען — און זי פלעגט וויינען, ביטער וויינען, אויף איהר שיקזאל, אויף דעם שיקזאל פון איהר ליעבען מאררסען, און ענדליך נאך א לאנגע צייט פון שטילע ליידען און פון קאמפף מיט זיך זעלבסט, האט זי געפאסט מוטה, און ווען מאררים איז זיא געקומען בעזוכען ווי געוועהנליך, האט זי איהם ערקלעהרט איהר בעשלוס!

— ניין! מיין ליעבער מאררים. איך פיהל, אז אזא פארצעהר־רענדען ארט לעבען קען איך לענגער ניט פיהרען.

דו ווייסט גוט, דאס איך בין ניט שולדיג, איך האב ניט ער־ווארטעט דאס אונזער נאאיווע פריינדשאפט זאל פערוואנדעלט ווע־רען אין ליעבע.

אך, ווען איך וואלט געוואוסט פריהער דעם רעזולטאט פון אונזער בעקאנטשאפט, ענטלאפען וואלט איך פון דיר, דו טהייעריג־קער, אזוי ווי פון עטוואס שרעקליכעס, גרויזאמעס.

אבער אזוי האט עס פאסירט און יעצט זיינען מיר אלע די אפפער פון אונפארזיכטיגקייט, אבער גענוג, עס קען מעהר ניט זיין אזוי. — עס מוז נעהמען איין ענדע.

געה, צו דיין ווייב, צו דיין קינד. געה! דיר איז לייכטער, דו וועסט געפינען טרייסט, אויב ניט אין די ארעמס פון דיין פרוי,

דאָן אין דער ערציעהונג פון דיין קינד... אָבער איך... און איהר שטי־מע איז ווי פאַרטרונקען געוואָרען פון איין אונענדליכען שמערץ — איך פערבלייב אליין מיט מיין וועהטאָג. אליין מיט איין צובראָכע־נע הארץ....

און מאָררים האָט געפיהלט דאָס איהרע שאַרפע ווערטער, לע־כערען זיין ברוסט, שניידען זיין לייב, און ער איז צוגעפאַלען צו איהר, און מיט ברענענדע, פיבערענדע ליפען האָט ער זיך איינגעגע־סען אין איהרע און זיי זיינען ביידע ווי פאַרטרונקען געוואָרען, פער־אייניגט געוואָרען פון דער אונענדליך גרענצלאָזער ליעבע.

און ער טענה'ט הארציג...

— צושיידען זיך מיט דיר, אוועקגעהן דיך מעהר ניט זעהן, ניט מעהר זיך באָדען אין דעם אונענדליך ברייטען ים פון דער געט־ליכער ליעבע — ניט מעהר זיך וואַרימען אונטער די זיסע וואַרימע שטראַהלען פון דיינע גוטע קלוגע אויגען, ניין! איך קען עס ניט.

פערלאַנג פון מיר, אז איך זאָל אויסשניידען מיין הארץ, און איך וועל עס טאָהן.

פערלאַנג פון מיר אַללעס! נאָר ניט דאָס. — און ווידער און ווידער, קושט ער די בלאַסע ציטערענדע ליפען.

און זי, דאָרע, איז מאַכטלאָז, זי פיהלט זיך אזוי שוואך, ווי א קליין הילפלאָזע פייגעלע.

מיעד פארמאַטערט איז איהר זעלע, און זי איז אזוי ווי פער־שלונגען געוואָרען פון דער קראַמפּ, פון די לאַסקעס פון זיין ליעבע.

און ווי דורך א חלום הערט זי ווי ער רעדט הארציג — מאכט פלענער, דאָס זיי זאָלען אנטלויפען ערגעץ ווייט פון אלעמען, וואו ער זאָל קענען נור איהר דינען, נור איהר ווידמענען זיין גאַנצע צייט, זיין גאַנצען איך. און זי איז ווי היפּנאָטיזירט פון דעם אונבאַגרענצ־טען ליעבעס געפיהל. — איהר פאַרשטאַנד שרייט, פּראָטעסטירט געגען דעם, „פאַרברעכערין!" קלינגט איהר אין די אויערן אָבער די ליפּפּען איהרע רעדען עפּעס וואָס זי באַנעמט ניט, זי פאַרשטעהט ניט וואָס מיט איהר טוהט זיך.

עפּעס האָבען איהרע ליפּען גאָר קיין שייכות מיט דעם קאָפּ. זיי ריידען עפּעס פאַר וואָס זי שרעקט זיך, אָבער וועלכעס זי איז מאַכטלאָז צו בעקעמפּפען. „יאַ מיין טהייערינקער, שעפּטשען איהרע ליפּפּען. זעה פערזאָרג דיין פרוי מיט געלד. זעה זי זאָל ניט ליי־דען דאָן ווען מיר וועלען געניסען גליק... זי וועט קריגען איין אנדערן,

וועלכער וועט זי ליעבען און אכטען און מיר וועלען זיין צוזאמען ערגעץ ווייט, ווייט פון דעם טוממעל..."

און מאררים איז שפעט ביי־נאכט געקומען א היים מיט א פעסטען בעשלוס איבערלאזען זיין גאנצעס געלד צו גאססיען און אוועק...

און יעצט געהט ער ארום אין פראנט רום מיט פערבראכענע הענד מיט איין אויסגעקרימטען געזיכט פון שווערע אינערליכע ליידען.

די גען איז אריינגעדרייט קוים וואס עס שימערייעט, די פולע לבנה, מיט איהר פער'חלום'טען בליק, מיט איהרע זילבער ווייסען טר:ימערישען געזיכט, בעוועגט זיך פאמעלעך, גליצט זיך איבער דעם שפיגעל גלאטען קלאהרען הימעל, זי שפאצירט צווישען די מי־ליאנען שטערען און פער'גנב'עט קוקט זי אריין צו מאררים'ן אין פראנט־רום.

און ער מאררים שטעהט מיט פערבראכענע הענד, קוקט אויף דער טהיר פון נעקסטען צימער, דארט וואו זיין ווייב און קינד שלאפט.

פון זיין ווייב קלעהרט ער ניט אזוי פיעל, ער ווייס דאס זי וועט זיך שנעל טרויסטען אין די ארעמס פון אן אנדערן.

אבער זיין קינד, זיין דוד'ל! וואס איז ער שולדיג? ווארום זאל ער איהם מאכען צו א לעבעדיגען יתום'ל?

ניין! איך טאר מיין עופה'לע ניט פערלאזען — און ער שטעהט מיט אן איינגעגעסענעם בליק אויף דעם בילד פון זיין קינד, נור ער זעהט איהם ווי דורך א טומאן.

אין זיין פאנטאזיע שווימט ארוים זיין גוטע דארעצקע, אזוי בולט און שארף. און זי לאקט איהם, שלעפט איהם צו זיך. און ער שטעהט צווישען צוויי פייערן און זיין הארץ ווערט צוריסען אין שטיקער...

— אך, ווי שוואך בין איך! איך האב געדעכענט דאס איך וועל מאכען דעם שריט אהנע איבריגע אנשטריינגונג, אהנע שוועריגקיי־טען.

און יעצט שטעה איך ביי דעם שוועל פון טהאט, און, קען זיך ניט ענטשליסען דורכפיהרען מיין בעשלוס....

מיטלייד האב מיט מיר! הער איך אין דעם אטהעמען פון מיין פרוי.

פערלאָז מיך ניט! ניט מאַך מיך צום לעבעדיגען יתום! הער איך אין דעם שנאָרכען פון מיין קינד.

נאָך שטונדען לאַנג פון קאַמפּף מיט זיך איז מאַררים ענדליך אריין מיט פעסטע טריט אין שלאָף צימער, וואַרפען דעם לעצטען בליק אויף זיין פרוי, לאָזען איהר אונטער דער קישען דעם בריעף מיט די פיער הונדערט דאָלאַר און געזעגענען זיך מיט זיין קינד, מיט זיין אונשולדיגע עופה'לע.

פעסט און קאַלט איז ער אריין אין צימער, אָבער ווי אַ שוואַ־כער לעמעלע, האָט ער זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע ביי דעם בע־טיל פון זיין קינד.

זיין פייגעלע איז געשלאָפען, מיט די געקרויזטע לאָקען צו־וואָרפען איבער זיין ווייסען שטערן, מיט אַ רוהיגען אויסדרוק אויף דעם שעהנעם רונדען געזיכט.

די רויטע ליפּעלעך זיינען געווען ווי אָנגעשטעלט אזוי ווי זיי וואָלטען בעטען זיך, קוש מיך! ניט פערלאָז מיך פּאַפּאַ...

און מאַררים האָט דערפיהלט דאָס זיין בעשלוס צו פערלאָזען זיין קינד ווערט שוואַכער, ער האָט דערפיהלט דאָס די אַלע לאָגישע ארגומענטען, אַלע קלוגע פּלענער צושווימען זיך, און דאָס ער בלייבט מאַכטלאָז אין די אָרעמס פון זיין קינד...

און זיא איז דאָך עלענד.

אין אַ גלאַטען קלאָרען ים איז זי געשוואומען אין איהרע קינדער יאָהרען.

זי איז געווען אַ געהאָרכזאַמעס קינד.

אַלע האָבען זי ליעב געהאַט, און איהר קינדערשע נשמה האָט זיך געבאָדען אין אונשולדיגען פאַרגעניגען.

אָבער זי ווערט עלטער, דיינקט טיעפער, פאַרשטעהט שנעלער, דאַצו איז זי בעשאָנקען פון דער נאַטור מיט אַ גוטע בעאָבאַכטונגס אויג, און זי האָט אָנגעפאַנגען אונטערשיידען צווישען דעם פאָטערס און דער מוטערס האַלטונג צו איהר, און דאָס איז געווען דער ערשטער ביטערער טראָפּען אין איהר לעבענס בעכער.

אין איהר יונגען נאָך נים שטאַרק ענטוויקעלטען מוח פלעגט אָהנע אויפהער עגבערן.

ווארום זעהט זיך, פיהלט זיך אַזאַ ליעבליכקייט אזא געטליכע ווארעמקייט אין דעם טאַטענס יעדען ריהר און בליק, ווען ערענד אין דער מאַמעס גוטסקייט אין איהר גאַנצער האַלטונג, זעהט זיך נור די גוטע ווייכע פרויען הערץ וועלכע באַמיטלייךעט איין אונבעשיצטע אָרימע שוואַכע פויגעלע?

און צו בעפעסטיגען איהרע געדאַנקען, פּאַסירט און זי ווערט קראַנק, זייער אַן ערנסטע קריינק. די מוטער איז אונרוהיג, פּאַסט אויף איהר אויף, זעהט אַז דעם דאָקטאָרס בעפעהלע זאָלען פּינקטליך דורכגעפיהרט ווערען, און טרייבט די קינדערפון דעם צימער וואו זי ליעגט — ווייל דער דאָקטאָר האָט ערקלעהרט, אַז דאָס איז איין אנשטעקענדע קראַנקהייט... איהר יונגע הערצעלע פיהלט זיך עלענד עס פעהלט איהר איין אמת'ע ווארעמע מוטער הארץ... און דער פּאַפּאַצקע דער גוטער ליעבער מילדער מענש איז אויך ניטאַ, ער איז פאַררייזט — און איין געפיהל פון עלענדקייט כאַפּט אַרום איהר

אָרימע הערצעלע און עס ווייטאָגט... גאיעט... און איהר שטאַרקער קערפּערל האָט געזיפגט, זי איז אויפגעשטאַנען פון בעט, און איהר שוועסטעריל חוה'לע האָט זיך וואַהרשיינליך אָנגעשטעקט פון איהר און איז קראַנק געוואָרען אויף דערזעלבער קראַנקהייט... און די מאַמע איז געוואָרען חושך פון איין טאָג... עס איז זי ניט צו דערקענען, און יעדע בעוועגונג פון איהר קערפּער, אין יעדען שטריך פון איהר אומ־רוהיגען פּאַראַומערטען געזיכט זעהט זיך די ליידענדע האַרץ פון איין מוטער... איין איבערגעבענע ליעבע מאַמע... ניט נאָר איז זי פּינקט־ליך מיט דעם דאָקטאָרס באַפעלע, נאָר זי לאָזט זי, רייזעצקען, וועל־כע איז נאָך אליין קראַנק קיין רוה — זי שיקט און יאָגט זי אַרום, הייסט איהר ווען זי איז מיעד און פאַלט פון די פיס — צו זיין ביי דער קראַנקער חוה'לען, און ווען דער דאָקטאָר האָט זיך געבייזערט וואַרום זי געפינט זיך אין דעמזעלבען צימער האָט די מאַמע איהם געזאָגט, אז עס איז ניט זיין געשעפט, און אז זי אליין קען זיך ניט צורייסען.

און זי ראָזע האָט ליעב געהאַט איהר שוועסטעריל חוה'ען, נאָר צו איהר אין הערצעלע פלעגען זיך פּערגנב'ענען גיפטיגע געדאַנקען פאַר וועלכע זי האָט זיך אליין געשראָקען, אָבער וועלכע זיינען גע־באָרען געוואָרען אויף דעם נייד אויף דעם פערדרוס וואַרום רויבט חוה'לע פון איהר די מוטער־ליעבע...

און זי האָט בעשלאָסען ווען איהר פאָטער וועט קומען איהם ערקלעהרען איהר ווי און פערלאַנגען פון איהם איין ערקלעהרונג וואַרום האַנדעלט געגען איהר די מוטער, איהר ליעבע מאַמע אזוי שלעכט?

ווען איהר פאָטער האָט אויסגעהערט איהרע קלאָגען וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אין א ציטעריגער שטימע וועלכע איז דערטרונקען געוואָרען אין טרערען, האָט ער זי שליסענדיג אין זיינע אָרעמס צוגעדריקט פעסט צו זיין ברוסט און ערקלעהרט איהר, דאָס זי האָט אַ מאַמע, א אמת'ע מאַמע, נאָר זי איז ווייט... ווייט, אזש אין אמעריקא.

ראָזע געדענקט עס גוט, עס איז טיעף איינגעקריצט אין איהר מוח, דער בילד וועלכען זי האָט דאַמאָלס איבערגעלעבט.

זי געדענקט דאָס זי איז מאַכטלאָז געלעגען אין דעם טאַטענס אָרעמס און ער האָט צו איהר גערעדט מיט אַ האַרציג ציטערענדע שטימע, מיט פאַרלאָפענע אויגען פון טרערען, און ווען ער איז שטיל געבליעבען האָט זי זיך מיט איהרע פיבער־רויטע ליפען איינגעפען

אין זיין מילדען געזיכט און האָט אויסגעבראָכען אין א ביטערען געוויין.

די ענטדעקונג, דאָס זי האָט א מאַמע, איין אמת'ע מאמע, האָט זי צומישט, זי איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אזא געפיהל, פיר וועלכען זי האָט קיין נאָמען געקראָגען, עס האָט איהר אזוי זיס הנאה געטהאָן: ענדליך אויסגעפונען, דאָס זי האָט א מאַמען, איין אמת'ע מאמע וועלכע וועט איבער איהר אויך ציטערען ווי מען ציטערט איבער חוה'לען, מען וועט זי אויך האלובענען... אָבער אזוי ווי א פאָרגעפיהל האָט איהר געזאָגט, דאָס דיעזע ענדעקונג האָט צובראָכען איהר קאריערע, רואינירט איהר צוקונפט.

פון יענעם אבענד אָן זיינען אַלע איהרע געדאנקען, אַלע איהרע פאַנטאַזיען געווען פערנומען נאָר מיט איין איינציגען ציעל, און דאָס איז וועגען דער אונבעקאנטער מוטער, און זי וועלכע האָט אזוי פיעל געלעזען וועגען דער געטליך־זעעליגער מוטער־ליעבע, זי וועלכע האָט געהאט אזא גוטע עמפפינדליכע נאטור, זי וועלכע האָט געביינקט נאָך א אמת'ע איבערגעבענהייט פון א מאמעס ריינער הארץ, זי האָט געהאט יעצט נור איין וואונש: פאָהרען צו דער אונבעקאנטער טהייערער מאמעצקען.

דער פאָטער נאָך די אָהנע אויפהערענדע פאָדערונגען פון איהר זייט צו פאָהרען, האָט זיך געמוזט בויגען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז ראָזע זאָל פאָהרען צו דער מאמען אין אמעריקא... און דאן ווען איהר וואונש איז ערפילט געוואָרען האָט ראָזע דערפיהלט עפּעס א מאָדנעם ווייטאָג... יעצט האָט זי דערפיהלט די שווערקייט פון איהר לאגע.

עס ווילט זיך ניט איבערלאָזען א טהייערען גוטען איבערגעבענעם טאטען, א טאטען וועלכער האָט זי געבאָדען אין זיינע לאסקעס און קושען, און זאָגאר די שטיעף מוטער איז איהר יעצט טהייערער געוואָרען — ערשט יעצט האָט זי דערפיהלט דאָס אלע מיט וועמען זי איז דאָ אויפגעוואקסען ביי וועמען זי איז געווען ווי איינגעוואקסען אין הארצען, אז אלע זיינען איהר ליעב — זייער טהייער...

נאָר די פאנטאזיען וועלכע זיינען ביי איהר איינגעוואקסען אין איהר מוח וועגען איהר מוטער האָט גובר געווען און זי האָט בעשלאָסען צו פאָהרען צו איהר טהייערער עלענדער גוטענקער מאמעצקען... און אזוי האָט פאסירט און ראָזע איז ארויסגעפאָהרען אין וועג, איבערלאָזענדיג נאָך זיך זיסע עראינערונגען פון קינדער יאָהרען, א גוטען עדעלען מענש וועלכען זי האָט געקענט אלס טאטען.

עס איז לעבעדיג אין איהרע עראינערונגען די באגעגענים מיט איהר מוטער.

זי איז געוועז מיעד פון דער רייזע — איהר נשמה איז געווען פאר'חלש'ט פון בייגקענים אין די פאנטאזיען, מיעד פון פארשטעלונגען — און אָהנע פארשטעהען וואס פאר א סארט געפיהל עס האט זי דאן ארומגעכאפט האט זי זיך אריינגעווארפען אין די ארעמס פון דער מאמען, און זיי האבען זיך איינגעגעסען מיט זייערע ליפען איינע אין דער צווייטער — און מורמלענדיג עפעס אונבעשטימטעס פאר איהר ווערטער האט זי זיך געדריקט פעסטער, שטארקער צו דער מאמען און האט אויסגעבראכען אין א געוויין.

זי האט זיך דאמאלס קיין רעכנונג געגעבען פון איהרע געפיהלען צו איהר נייער ליעבער מאמען, זי, ווי די מוטער, זיינען ביידע געווען פארטרונקען פון דעם געפיהל וועלכער ווערט ביי א מענש געבוירען ווען זייערע גאנצע רעיונות זיינען געריכטעט נור צו אזא ריכטונג....

די ערשטע עטליכע טעג איז ראזע געווען אונטער אזא צושטאנד וואו פסיכאלאגיע האט נאך געשפיעלט א קליינע ראליע — זי איז געווען מיעד פון דער רייזע, פון דער אנשטרענגונג פון דענקען, און בייגקען, און ווען איהר מאמע האט ארום איהר ארומגעפאדיעט, איז איהר בייגקענדע זעעלע, וועלכע האט געצויגען נאך צערטליכקייט געווען בעפריעדיגט — זי האט זיך עפעס געפיהלט אזוי גוט — אזוי וואויל...

נור אט און זיי האבען זיך בערוהיגט זי ווי די מוטער האבען איבערגעלעבט די עררעגונג פון מענשען, יעצט ערשט האט ראזע דערזעהען דעם אונטערשיעד צווישען דער מוטער און איהר פאטער, זאגאר צווישען איהר מוטער און איהר שטיעף-מוטער, עפעס א מאדנע פרעמדקייט האט זיי פונאנדער געשיידט, זיי זיינען שוין געווען ביידע ערוואקסענע מענשען מיט פעסטגעשטעלטע כאראקטערע, מיט אויסגעארבייטע אידעען וועלכע זיינען געווען אין ווידערשפרוך.

זיי ביידען זיינען געווען איינגעליעבט יעדערע אין איהר וועלט מיט איהרע אנשויאונגען, און האבען ניט געפיהלט קיין געמיינשאפטליכעס, וועלכעס זאל זיי בעוועגען עטוואס נאכגעבען איינער דער צווייטער.

ראזע האט די ערשטע צייט בעמיהט זיך פיעלעס צוליעבטהאן איהר מוטער, זי האט פארשטיקט איהרע ווינטשע און פערלאנגען, אבער עס האט ניט געקענט פאר א לאנגע צייט אנהאלטען, דען

איהר פרייע נאטור, איהר אפענער כאראקטער האט איהר ניט ער־לויבט צו זיין א היפאָקריטקע, זי האט ניט געקענט צוליעב דער מאַמען, צו וועלכער זי האט געפיהלט נור א פרעמדקייט, פארבייגען אלעס וואס עס איז איהר געווען טהייער.

ראצו האט צו זייערע שטרייטען געהאלפען דער געוואלדיגער קאָנטראסט פון כאראקטערע... אלעס וואס ראזע האט געטהאן האט ביי איהר מאמען געהייסען עולות און בארעשקייטען.

ביכער זיינען שמיכער, לעקטשורס — איז גלאט באלבען, אדער זיי ריידען פון פייער און וואסער. צייטונגען — שמאטעס, אידעען איז משוגעת, קורץ אלעס וואס ראזע האט געליעבט און געאכטעט, איז פון איהר מוטער פערשפאָטעט און בעשמוצט געווארען — און זיי האבען זיך אפט איבערגערעדט און ראזע האט בעשלאסען מיט א וויטאג אין הארצען צו פערלאזען איהר ליעבע מוטער....

און אזוי האט פאסירט און ראזע האט געמופט צו פרעמדע אויף לאדזשי.

שווער איז איהר עס אנגעקומען, ים'ען מיט טרעהרען האט זי פערגאסען, אלע איהרע זיסע פאנטאזיען פון א זעעליגער מוטער־ליעבע זיינען צושוואומען, און עס איז איבערגעבליבען ביי דער ארעמער אין הארצען א וואונד, איין אונבעגרענצטער וויטאג...

א פעסימיסטקע איז ראזע, דעם לעבען און אלעס זעהט זי נור אין שווארצע פארבען.

און יעצט קומענדיג פון שאפ א פערמאטערטע, א געקריינקטע פון דער מאנאטאָנער ניט הארציגער ארבייט... זיצט זי אין איהר רומקע ביי דעם פענסטער קוקט איבער די גרויסע שמוציגע טענע־מענט הייזער... קוקט אין דער אונענדליכקייט און איהר נשמה באדט זיך אין א ים פון יסורים... און אין איהר מוח שווימען בילדער פון איהרע קינדער־יאהרען — פון יענע זיסע יאהרען ווען זי האט זיך ניט געפיהלט אזוי עלענד. און ווען זי האט נאך געגלויבט אין דער מענשהייט — אין איבערגעבענהייט אין א זיסער אונבעגרענצטער געטליכער מוטערליעבע, אין א פארמאטערטע, ניט אויסטהוענדיג זיך, האט זי זיך א ווארף געטהאן אין בעט, האט פארגראבען איהר געזיכט אין די קישענס און האט אויסגעבראכען אין א היסטערישען שלוכצען...

ער איז ענטוישט.

אדאָלף זיצט מיט ביידע הענד אונטער געשפּאַרט דעם קאָפּ, זיין בלאסע אינטעליגענטעס געזיכט איז ווי אויסגעקרימט פון אינערלי־כע שמערצען. אויף זיי ווינקעלדיגען גרויסען שטערען זיינען אויס־געלייגט טיעפע קנייטשען.

ער זיצט, קוקט פאר זיך אין דעם בוך, וועלכער ליעגט אָפען, אָבער ער קען ניט לעזען. ער פיהלט א בלוטיגען ווייטאָג, זיין הארץ ווערט פארדריקט פון א ביטערן געפיהל, זיינע אויגען ווערען ווי אי־בערגעצויגען מיט א לייוואנד, און די בוכשטאבען אין דעם בוך ווע־צושמאָלצען, גיסען זיך צוזאמען אין איינעם עפּעס גרויסעס און שווארצעס, וועלבעס שרעקט איהם און טרייבט ארויף אויף איהם אן אומעט.

מיט די האלב צוגעמאכטע, פול מיט בלוטיגע טרעהרען אויגען זיצט אדאָלף קוקט אין בוך און זיינע געדאנקען טראָגען זיך ארום זעהר ווייט.

אין זיין צוטומעלטען מוח שווימען בילדער איינע נאָך די אנ־דערע פון זיינע קינדער יאָהרען, און ער זעהט אין זיין פאָרשטעלונג, ווי אָט, דאכט זיך גאָר ניט לאנג, איז ער א יונגער מענש פול מיט לעבען און ענערגיע געווען, א יונגער מאן וועלכער האָט פארלאָזען זיין אלטע היים מיט אויסגעארבייטעטע צוקונפטס פּלענער.

ער, אדאָלף, איז ערשט ניט לאנג געקומען אין דאָס גאָלדענע לאנד. פרעמד איז איהם דאָס לעבען, די זיטען, ער האָט נאָך ניט צייט געהאט זיך ארומקוקען, וואו ער האלט אין דער וועלט; ער האָט נאָך זאָגאר זיך ניט צוגעשלאָגען צו א פּאסענדע ארבייט. אלע זיינע גרויסע ציעלען אינ'ם לעבען האט ער געמוזט איבערלאָזען פאר

דער צוקונפט, און האָט זיך געזעצט ארבייטען, אלס אָפּרייטאר ביי וויסטען.

שווער און עקעלהאפט איז איהם דאָס ארבייט, דער שאָפּ — אבשטויסענד; א פּראַקטיגע קאלטקייט האָט געיאָגט פון אלעם אין דעם וויסטען פינסטערען קבר, וואָס מיר רופען שאָפּ, און פינסטערע געדאנקען האָבען ווי פּארטרונקען אדאלף׳ן. זיין וועלטעל, די שעה־נע, די רייכע, וועלכע איז ווי פערשוואומען געוואָרען מיט שרעקליכע שווארצע וואָלקענס און געדאנקען פון פּארצווייפלונג האָבען זיך איינ־געגעסען אין זיין מוח, און אין דיעזען צושטאנד האָט ער זיך באַ־געגענט מיט בעקי׳ען.

בעקי איז געווען א חן׳עוודיגע מיידעל; איהר רונדער ווייסער געזיכט איז געווען בעגאָסען מיט אן איידעלע, ווייכע ווי סאמעט, סימפּאטיע; צוויי קלוגע גרויסע אויגען האָבען ארוים געקוקט פון איהר קאָפּ, וועלכער איז געווען באדעקט מיט פעך שווארצע האָאר. א באלעזענע און גוט ענטוויקעלטע פּראקטישע פריילליין מיט א לע־בעדיגען ריהרעוודיגען כאראקטער איז בעקי געווען, און אדאלף האָט זעהר ליעב געהאט צו זיין אין איהר געזעלשאפט, מיט איהר זיך אמוזירען, און האָבען מיט איהר ויכוחים איבער אלערליי פראגען.

איז ער געווען פארליעבט אין איהר? אָה, ניין! ער האָט זי ליעב געהאט אלס א פריינדין, ער האָט אמת הנאה געהאט צו פערברענגען מיט דער קלייניקער לעהרערקע, ווי ער האָט זי גערופען, ווארום אין אלע דיסקוסיאָנען האָט זי צו איהם גערעדט, ווי צו א שיללער. ער האָט ליעב געהאט צו הערען איהרע דרשות; האָט ליעב געהאט צו זעהען די בעגייסטערונג אויף איהר געזיכט, און ווי די צוויי גרויסע אויגען איהרע פלעגען זיך ווי אָנצינדען, ווען זי האָט זיך געקאָכט איבער א טהעאָרעטישע פראגע.

ניין! ער האָט ניט געטאָרט צו לאָזען צו זיך אזא געדאנק! ער האָט געוואוסט, דאָס ווען ער זאָל זיך איבערגעבען אין דעם נעץ פון גאָט אמור, דאן איז אן ענד צו אלע זיינע טרוימען וועגען א בעסערען ציעל אין לעבען, דאן וועלען אלע זיינע צוקונפטס־פּלענער צושווימען אין פוסטען רוים, און דארום האָט ער זיך געהיט פון דעם שעהנעם געשלעכט, געזועהען צו זיין מיט זיי פון וויטען.

אויף בעקי׳ען האָט ער געקוקט, ניט ווי אויף אלע פרויען. זי איז א קלוגע, א גוטע, און ביז דעם העכסטען גראד אידעאליסטיש; איהר ליעגט ניט אין זינען אזעלכע נארישקייטען, ווי די געוועהנליכע פריילליינס, און ער האָט פּעסט געגלויבט, דאָס ווען ער זאָל חלילה

פארליעבען און ערקלעהרען זיך אין ליעבע צו איהר, וואלט זי איהם רופען צוריק, ווארום זי איז דאך זיין אמת'ע פריינדין און זי וועט דאך ניט וועלען זעהען זיין קאריערע רואינירט.

אט אזא גלויבען האט ער געהאט אין זיין פריינדין, און אין זיין פיבער ברענענדען מוח לעבט אויף יענער בילד וועלכער האט איהם רואינירט און צובראכען.

א שטיקענד ברענענד שרפ'ענדער טאג איז עס געווען, א גאנצען טאג האט די זונן אהן רחמנות געברענט, געבראטען די שטיינער און אייזענס פון די גאסען און הייזער; פון אלעם האט אפגעשלאגען מיט א שטיקענד שמעלצענדער לופט, מען האט ניט געקענט אטהעמען, סלעק איז געווען און זיי זיינען אין א קאמפאניע אויסגעפאהרען.

אויסגעריסען זיך פון דער שטאדט מיט איהר פארפעסטעטע, פארגיפטעטע לופט, פון איהר שטענדיגען טומעל און רעש, פון דעם גוואלדיגען חאאס, אהין אין די גרינע פעלדער, וועלדער זיינען זיי אוועק.

ער, א קינד, וואס איז אין דער אלטער היים אויפגעוואקסען אויף דער נאטור, ער, וועלכער איז פאר אזא לאנגע צייט געריבט געווארען פון זיין אמת'ע יוגענד פריינדין — די נאטור, ער האט אלע מאהל געזוכט ארויסצורייסען זיך פון דער שטאדט, אהין ווייט, ווייט פון די מענשען אין וואלד אין דער רייכער געטליכער נאטור, זיך לאזען פארטרינקען פון דעם פאעטישען געפיהל, וועלכער ווערט געבארען אין מענשען, ווען זיי קומען געזיכט צו געזיכט מיט דער רייכקייט פון דער נאטור.

אדאלף האט זיך פארלארען. קומענדיג אין וואלד, האט ער זיך דערפיהלט אזוי לייכט ווי א הירש, זיינע געדאנקען זיינען צושוואומען און א גליק־זעליגקייט פון א אונשולדיגען קינד האט איהם ארומגעכאפט.

אדאלף האט געכאפט בעקי'ען פאר א האנד און האט זיך געלאזט לויפען ווייט ווייט... טיעף אין וואלד, זיי זיינען געלאפען, געשפרונגען אזוי ווי יונגע אונשולדיגע קינדער. זייער בלוט האט היים געזאדען אין זייערע יונגע קערפערס, זייערע באקען האבען געברענט, און אזוי לאנגזאם האבען זיי זיך אפגעטהיילט פון דער גאנצער געזעלשאפט, און האבען זיך דערזעהען אין א געדיכטער אלעע

פון קליינע רייכע בוימלאך, וועלכע האָבן צו וואָרפן זייערע גע־דיכטע צווייגעלאך, באדעקט מיט גרינעם סאמעט, ווייכע בלעטעלאך און האָבן איבער זיי ווי געבילדעט א חופה פון די שמעקענדע גרינע בלעטער. אין דער לופטען, אויף צווייגען פון די בוימער, זיינען ארום געשפרונגען פויגעלאך און האָבן געזונגען א שירה צו דער נאטור. די לופט איז געווען אָנגעפיהלט מיט א זיס ערקוויקענדען ארמאט, וועלכער האָט זיי ווי פאר שכור'ט. א ליעבער ווינטעלע האָט געבלאָזען און זיך אזוי ווי געסודעט מיט די בוימער און האָט פארבייגעהענדיג צו געשטיפט מיט די שעהנע ווייכע בלעטער.

די גאנצע נאטורס בילד איז געווען אזוי רייך באצויבערענד, דער הימעלשער קאָנצערט אזוי געטליך זיס, דאָס זיי ביידע האָבן זיך ווי שיכור'ע אראָפגעלאָזען אויף די ווייכע לאנגע גרינע גראָז. עפּעס אונבעוואוסט פאר איהם האָט ער דערפיהלט אין זיינע ארעמס דעם ווייכען וואַרעמען קערפּער פון זיין בעקי'ען, און ווי פארטרונקען פון עטוואָס אונבעוואוסטעס, האָט ער זיך געפּרעסט צו זיין ברוסט, באַ־דעקט איהר געזיכט מיט הייסע ברענענד ליידענשאפטליכע קוסען, און בעקיע האָט זיך אלץ געטוליעט פעסטער, שטארקער, צו איהם... איהר ווארעמער קערפּער האָט איהם ווי אָנגעצונדען און איהר אטהעם האָט געברענט זיין געזיכט, ער האָט זיך געדריקט פעסטער צו איהר און זיי האָבן זיך צוזאמען געגאָסען מיט דער נאטור...

אדאָלף געדענקט דיעזען בילד, זיין צוקרימטער געזיכט גלייכט זיך אוים אונטער דעם איינדרוק פון דיעזע עראינערונגען, אָבער באלד אנדערע בילדער שוועבען און לעבען אויף אין זיין מוח, און דאָס געזיכט קנייטשט זיך אונטער דעם דרוק פון שמערצען.

מיעד און זיס פאר'חלום'ט איז ער געקומען אהיים יענעם פאר־נאכט; עפּעס ווי א שיכור'ער האָט ער געפיהלט אז ער האָט עפּעס אָפּגעטאָהן א מיאוסע זאך, נאָר ער האָט ניט פארשטאנען, ער האָט זיך פארמאטערט אריין געוואָרפען אין בעט און איז איינגעשלאָפען, אָבער די ערוואכונג איז געווען א שרעקליכע...

אדאָלף איז שוין א טאטע פון א ליעבע קינד.

וואו זיינען אהין געקומען זיינע טרוימען, זיינע פאנטאזיען וועגען שטודירען, וועגען א ציעל אין דעם לעבען?

אדאָלף מוז און דארף יעצט ארבייטען, ער האָט א יאָך, א ווייב און א קינד צו מפרנס זיין, און עס איז ניטאָ קיין צייט, א גאנצען

טאָג זיצט ער און שאַפט ווי איבער געוואַלד דיעזע נודנע ארבייט, און אבענדס ווען ער קומט א היים, געפינט ער אויך קיין רוה...

ניין, בעקיע, זיין בעקיע, איז גאָר געוואָרען איין אנדער מענש!

בעקיע די אידעאַליסטקע, בעקיע די קלוגע, גוטע, בעקיע די איידעלע אָט יענע איז פערבליבען דאָרט אין וואלד, אין דער געדיכטער אַלעע פון די בוימער, דאָרט צווישען די גרינע גראָז האָט ער זי איבערגעלאָזען, און דאָס איז ניט מעהר ווי א שאָטען.

טאָג ווי נאכט אונצופריעדענהייט, איבעררייזדעניסען, און פון לערנען קען ער ניט קלעהרען.

יסורים, צרות אין שאַפ, ערגערניס, ביטערע ענטוישונג אין דער היים האָבען איהם צובראָכען און ער איז געוואָרען א גייסטיגער קריפּעל.

ניין! עס האָט אזוי לייגער ניט געקענט אָנהאַלטען, מען איז דאָך עפּעס פרייע פערזאָנען, אידעאַליסטען... צוויי גרויסע מענשען, וועלכע דענקען, דאָס זיי האָבען פערשטאנד... ווארום זאָל מען זיך רייסען? מען קען דאָך זיין גוטע פריינד פון ווייטען, אויב מען קען ניט פיהרען קיין רוהיגען לעבען צוזאמען, נו, זי האָט דאָך געדארפט פערשטעהען, אַז ער איז א שוואכער פערדיענער, קען ניט מאכען א לעבען מיט זיינע ווייזדושעס... ער האָט איהר אזוי געזאָגט. וואָס קען ער דען אנדערש? זאָל ער געהן גנב'ענען?

און ער איז זיך פאנאַנדערגעגאנגען מיט איהר.

יעצט איז ער דאָס געקומען פון זיין קינד, וועלכען ער איז געגאנגען בעזוכען.

אָך, וואָס פאר א געוואַלדיגע יסורים, וואָס פאר גייסטיגע שמערצען האָט איהם געקאָסט דער ערשטער וויזיט צו זיין פויגעלע...

זיין קינד, זיין מלאכ'יל, זיין אלעס, ערשט דריי וואָכען ווי ער האָט עס ניט געזעהען און עס האָט איהם, דעם פּאַפּא ניט דערקענט.

אָך, ווי זיין הארץ האָט עס געבלוטעט!

פויגעלע, דאַלעצקע, זיסענקער מלאכ'יל!" שפּיעלצייג האָט ער געבראכט פאר דאָס קינד, דאָס קינד פרעהט זיך מיט די פערדעלעך, מיט די קארס, אָבער צו איהם, צו דעם אומגליקליכען טאטען צייגט זי ניט יענע ליעבע, יענעם צוטרויען, וועלכע קליינינקע קינדער צייגען געוויינליך צו זייערע עלטערען.

און זי, דוקא וועלכער ער איז רואינירט געוואָרען, זי וועלכע האָט צובראָכען זיין יוגענד, זי זיצט אין צווייטען צימער און חאַ־האצעט...

חא! חא! חא!

א פראָסטיגער שוידער איז אריבער איבער זיין קערפּער און אזוי ווי שניידענדע נאָדלען וואָלטען שטעכען אין זיין לייב אזוי האָט ער געפּיהלט.

דער געלעכטער האָט איהם ווי ווילד געמאכט, א משונה'דיגער גיפטיגער געפיהל האָט איהם ארומגעחאפּט, אריינלויפען אין דעם צימער חאפּען בעקי'ען פאר דער וויסער האלז און שטיקען... ווער־גען, און קוקען אויף איהר געזיכט, וועלכער וועט זיך אויסקרימען פון שמערץ, קוקען אויף דעם ארויסגעשמעלטען צונג, און אויסשיעסען אין א ווילדען לאַכען...

אָבער פּלוצלונג האָט ער ווי צוריק באקומען זיין בעוואוסטזיין, דאָס קינד, דאָס עופה'לע האָט זיך צוגעוואָהנט צו איהם און האָט מיט דעם זילבער קלינגענדען קינדערשען געלעכטער געשפּיעלט זיך און האָט גערופען פאפא... פאפא... און האָט אריבער געשריען דער מאמעס לאַכען.

אדאָלף האָט א חאפּ געטהאָן זיין עופה'לע אין זיינע הענד, האָט עס באדעקט מיט ליידענשאפטליך־הייס־פאטערליכע קוסען און האָט עס איבערגעלאָזען ביי די שפּיעל־צייג...

ער זיצט יעצט אליין אין זיין צימער, זיין קאָפּ איז אָנגעפּילט מיט יאוש געדאנקען. ער איז מיעד פון דעם לעבען... ער פיהלט זיך אזוי צובראָכען, ער זעהט זיך געשליידערט אין אָבגרונד פון יסורים און ליידען.

משונה'דיגע געדאנקען פּלאָנטערען זיך אין זיין אָרימען קאָפּ, דאָס הארץ ווערט געדריקט פון א געוואלדיגען וויימאָג... שווערער און שווערער פיהלט ער, וויא א שוואַרצע גרויסע ווילדע חיה, דריקט איהם מיט איהר קערפּער; טיעפער, טיעפער, פיהלט ער ווי די בלוט־דורשטיגע חיה עסט זיך איין מיט איהרע גוואלדיגע גרויסע ציינער אין זיין קערפּער.

א אומענשליכען וויימאָג דערפיהלט ער אין זיין לייב — אין די אויגען ווערט איהם פינסטער... און ער דערפיהלט אין זיין האנד

דעם קאַלטען רעוואָלווער... איין קויל, און איין ענדע צו זיינע שרעק־ליכע ליידען... איין שאָס און ער ווערט בעפרייט פון די עוויגע שמערצען.... פעסטער... שטאַרקער דריקט ער דעם פּיסטאָלעט אין זיין האנד וועלכע ווי אָהן זיין ווילען הויבט זיך אויף און ציעלט זיך צו זיין שטערען... זיין מוח איז ווי אָפּגעטהיילט געוואָרען פון זיין שאַרבען... און ער האָט דערפיהלט א שרעקליכע ציטערניס אין זיין קערפּער, וועלכער האָט זיך ווי אַ ריס געטהאָן און האָט אָנגעהויבען פאַלען טיעפער, טיעפער אין א שרעקליכען גרויסען אָבגרונד — און אין דיעזער פינסטערניס זעהט ער זיין קינד... זיין טהייערע פויגעלע, אזוי ווי אַ הייליגער מלאכיל פליהט אין דיעזען רוים און מיט די גוטע, ריינע בלאָע אונשולדיגע אויגען קוקט זי אויף איהם, און מיט איהרע רויטינקע פּוכקע ליפּעלאך בעט זי זיך.

ניט פאַרלאָז מיך!... פּאַפּא!...

וואס זאל זיא טאהן?

אין אַ פּול געפּאַקטען קאַר שטעהט זי אַנהאַלטענדיג זיך אָן אַ סטראָפּ. אויף איהר קלאָהר ווייסען מילדען סימפּאַטישען געזיכט איז צוגאָסען אַ שווערער אומעטה, איהר ווייסער שטערן קנייטשט זיך ווי אונטער אַ שווערע אַנדרינגענדע פראגע, וועלכע זי מוז פאַרענטפערען, איהרע שווארצע קלוגע אויגען קוקען פאַר זיך, דורך די ווינדעס פון די שנעל לויפענדע קארס וועלכע טראָגען זיך ווי פון טייוואָלים געיאָגט, און לאָזען נאָך זיך איינע נאָך די אַנדערע די גרויסע ריזען געביידעס, און די ביזנעס וועלט...

זי קוקט פאַר זיך, אין איהר קאָפּ טומעלט עפּעס איין אונבעשטימטער געפיהל נאָגט און פרעסט איהר אין הארצען.

אַ צובראָכענע אַ מידע איז פעניע געקומען אהיים און ביי דעם אבענד־ברויט ווען זי איז געזעסען מיט דער פאמיליע ביי דעם טיש האָט זי זיך בעקלאָגט דאָס זי מוז אויפגעבען דעם פּלאַן, זי קען זיך ניט צופּאַסען צו דער באשעפטיגונג, זי קען ניט זיין קיין פאַרליידי, עס ליעגט ניט אין איהר נאטור צו הערשען און אונטערדריקען אנדערע.

אַלע אין הויז האָבען זיך פון איהר אויסגעלאכט און דער ברודער איהרער האָט זי אויפגעפאָדערט ארויסוואַרפען פון קאָפּ דעם משוגעת, דאָס זי איז אַ פּרינציפּעלע, אַ אידיאַליסטקע, מען קען זיך ניט העלפען, מען לעבט אין אומשטענדען דאָס ווען דו וועסט ניט רייסען און אונטערדריקען, וועסט דו ווערען בערויבט און צוטראָטען.

— דו דאַרפסט ניט פאַרגעסען — האָט ער פאָרטגעזעצט — דאָס דו קענסט שוין מעהר ניט ארבייטען ביי דער מאשין, געדיינקסט דאָך וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט, נו מאָ וואָס זשע קענסטו טאָהן, ווילסט זיך פאַראורטהיילען צום טויט אָדער צום אונטער גאַנג?

— אך איהר קענט עס ניט פארשטעהן — האט פעניע גע־טענה'ט — איהר קענט עס ניט פיהלען, איהר ווייסט ניט פון דיא גייסטיגע שמערצען וועלכע איך שטעה אויס א גאנצען טאג, איך געה ארום מיט א שמייכעל אויף מיין געזיכט, אבער מיין הארץ ווערט שיער ניט צושפאלטען פון וועהטאג און פארדרוס... אך איהר פערשטעהט מיך ניט, איהר פארשטעהט ניט ווי שווער עס איז צו צופאסען זיך צו אזא באשעפטיגונג וועלכע שטעלט דיך אוועק אין דער רייהע פון דעם באס געגען זיינע ארבייטער.

— איך בין דאך אליין איין ארבייטארין געווען, איך האב דאך אויך דורך געפיהלט אט דיזעלבע ביטערע געפיהלען וועלכע די אר־בייטער קריגען ווען איך גיב זיי די ארבייט צו פיקסען, אדער ווען איך פאדער פון זיי אז עס זאל ווערען געמאכט בעסער. איך האס דאך שקלאפעריי, אונטערדריקונג, און יעצט בין איך א פערטהיי־דיגערין פון דעם באס, פון דעם מענש וועלכער ווערט רייך אויף דעם חשבון פון זיינע שקלאווען, און זיין דורשט אויף מעהר ווערט ניט געשטילט... ניין ער פערלאנגט פון מיר דאס איך זאל איהם צייגען דאס איך בין ווערטה דאס געלד וואס ער צאהלט מיר, און איך זאל נאך מעהר אויספרעסען רייכטהום פאר איהם פון זיינע ארבייטער.

איך פרעג אייך ליעבענקע וואס פאר א מאראלע רעכט האב איך צו פאדערען פון די ארבייטער בעסערע שעהנערע ארבייט, ווען איך ווייס אז זיי ווערען דאך יעצט ניט באצאהלט נאך דער ווערדע נאך.

ווען איך זעה די בליקען פול מיט פעראכטונג וואס די ארביי־טער ווארפען אויף מיר פיהל איך ווי מיין הארץ ווערט ווי באגאסען מיט בלוט, עס איז דא מאמענטען ווען איך וואלט זיי, די נעראנים אנגעשפיגען אין געזיכט און געזאגט זיי וואס איך דיינק וועגען זייער שוואכקייט און אונבאהילפליכקייט, אבער באלד וואלט איך דאכט זיך ארויסגעריסען מיין הארץ און וואלט עס זיי אוועקגעלייגט און זאלען זיי זעהען ווי די הארץ פון זייער פיינד, ווי זיי רעכענען מיך, ווי איהר הארץ נאיעט, בלוטעט פון דעם וואס זי מוז טאהן אט אזא עקעלהאפטע ארבייט, צו זיין א וואפע אין דעם באס הענד געגען זיי, מיינע אמת'ע מיטברידער....

אויפגערעגט און צורייצט איז פעניע אוועק צו זיך אין צימער, זי איז געווען אזוי מיעד און עס האט איהר אזוי געמאטערט די פראגע „וואס זאל זי טאהן?"

וועלענדיג זיך אביסעל צערשטרייען האט זי גענומען א בוך צום לעזען.

איינציגע מאהל האט זי אנגעפאנגען אבער נאך דעם ווי זי האט געזעהען דאס איהר מיה איז אומזיסט, האט זי מיט כעס א ווארף געטאהן דאס בוך און האט זיך ארייגעווארפען אין בעט...

אין איהר פאנטאזיע האט זיא געזעהען פיעלע גליקליכע ביל־דער פון איהר פארגאנגענהייט, אט זעהט זי זיך צוריק מיט אכט יאהר, א יונגע פריילין מיט א רונדען געזיכט אויף וועלכען עס איז געווען צוגאסען א רויטע פארב און האט איהר צוגעגעבען איין אמת'ע נאטירליכען געזונטען חן, איהרע אויגען האבען געברענט מיט יו־גענד־פייער און האבען געקוקט אויף אלעס מיט ליעבע, מיט פרייד, איהר יונגע אונשולדיגע הארץ האט געקלאפט שנעל, און האט גע־בליהט אין א בלומען וואלד פון שעהנע רייכע האפענונגען, א לע־בעדיגעס קינד איז זי געווען, ווען זי איז אנגעקומען צו ווייסטען ארבייטען... פריילך איז איהר געווען, איהר קערפער איז געווען יונג און בעוועגליך, און איהר אונשולדיגער הארציגער געלעכטער האט זיך אפגערופען אויף אלע אפערייטארס, אפילו אויף יענע אונגליק־ליכע נפשות וואס זיינען נעבאך געווען ווי דערטרונקען אין זארג פון פרנסה פאר זייערע פרויען און קינדערלאך, אפילו אט ביי אזעל־כע האט איהר געלעכטער ארויסגערופען א שמייכעל אויף זייערע טרוקענע ליפען — און א לעבעדיגען פייער אין זייערע אויסגעלאָ־שענע בליקען...

א גוטע ארבייטערין איז זי געווען, געלד האט זי פארדינט, און האט געהאפט אויף בעסערע צייטען.

זי האט געהאפט, ווי אלע איהרע מיטשוועסטער האפען צו קריגען די בעקאנטשאפט פון א גוטען שעהנעם יונגען מאן, און נעה־מען איהם אלס לעבענס באגלייטער, מיט איהם צוזאמען אויפיקסען א רוהיגען היים און לעבען דארט ביידע ווי צוויי טייבעלאך...

אזוי האט פעניע געהאפט... אזוי האט זי געטרוימט, אער דער שיקזאל האט אנדערש געוואלט. פאר די לאנגע יאהרען וואס זי האט געארבייט, וואס זי איז געקומען אין געזעלשאפטען האט זי ניט געטראפען דעם יעניגען וועלכער זאל אנציגדען אין איהר האר־צען יענע ליעבע וועלכע באוועגט די קלוגע פראקטישע פרויען אויפ־געבען זייער פרייהייט, זייער אלעס...

פיעלע פון איהרע פריינדע, גענאסען פון דער באוועגונג און זאנסט צימליך גוט אפ יונגע לייט זיינען נאך איהר נאכגעלאפען,

האָבען איהר אָנגעבאָטען זייערע הערצער און זייער ערגעבענהייט, אָבער זי האָט זיי ענטזאָגט... ניין, זי האָט ניט געקענט בעגעהן אזא שריט ווי פיעלע פון איהרע שוועסטערין וועלכע, מיעד פון דעם לעבען אין שאָפּ גיבען זיך איבער צו ווען עס איז אבי ארויסרייסען זיך פון שאָפּ... ניין, זי איז ניט געווען קיין פּראַקטישע, חשבונות, אויסרעכענונגען אין דיעזער פראגע האָט זי ניט צוגעלאָזען...

און אזוי האָט זי אָבגעארבייט ביי דער מאשין לאנגע יאָהרען.

פאַרשוואונדען איז דאָס רויטע רונדע געזיכט, אוועק איז פון איהר דער יונגער פייער, מיעד איז זי געוואָרען פון דעם ווארטען און האָפען, און זי האָט אָנגעפאנגען איינגעהן...

שווער קראַנק איז זי, פעניע געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען איהר פערבאָטען צו ארבייטען....

רוהען מוז זי, און אזוי האָט פעניע אין מיטען דעם סיזאָן גענומען וואקיישאָן, עטליכע דאָלאר האָט זי געהאט אָפּגעשפּאָרטע, און מיט דעם ברודערס הילפע איז זי אָבגעזעסען דריי מאָנאטען אין הויז האָט זיך געקורירט און געפּפּלעגט.

לעבעדיג איז פעניע געוואָרען, אזוי ווי תחית המתים איז זי אויפגעשטאנען, איהרע שווארצע אויגען האָבען ווידער באקומען דעם לעבעדיגען ברענענדען גלאַנץ. זיי ריידען, זיי לאַכען, איהר געזיכט איז ניט אזוי אָפּגעגאָסען ווי אין אמאָליגע יאָהרען, דערפאר אָבער איז איבער איהם צוגאָסען איין איידעלער רייצענדער חן, איהר קערפּער איז גלייכער סטראַינער, און איהרע באוועגונגען לעבעדיגער, פלינקער געוואָרען.

פעניע פיהלט זיך יונג.. זי פיהלט ווידער דאָס הייסע בלוט איהרע ראַש צירקולירען אין איהר קערפּער...

צו דער מאַשין טאָר זי ניט געהן ארבייטען, אָננעמענדיג דעם ראַטה פון איהר ברודער האָט זי נאָך געזוכט א שטעלע אלס פאָרליידי, און יעצט שוין צוויי וואָכען ווי זי איז א פאָרליידי אין א גרויסען שאָפּ... און פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס זי האָט איבערגענומען די ארבייט צו זיין א פאַרטרעטערין פון דעם באָס האָט זי דערפיהלט איהר מיזעראַבלע ראָליע. אָט ליעגט זי און עס דוכט זיך ווי זי זעהט די אויגען פון די אפּריימאַרס וועלכע קוקען מיט איראָניע און אזוי ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהר רייצען: „דו קליינינק פּיאָווקע“!

אָך צו דען פארשטעהען זיי ניט, אז אויך זי האָט א מאָגען, אז אויך זי האָט א לוסט צום לעבען, וואָס זאָל זי טאָהן!?

ווידער זיך זעצען ביי דער מאשין, ביי דער מאשין וועלכע האט אבט לאנגע יאהר געזויגען איהר בלוט, איהר מארך פון די ביינער... אך ניין! זי וועט עס ניט טהאן... זי מוז זיך איינלעבען מיט דעם געדאנק אז ווען מען קען ניט אריבער מוז מען ארונטער...

און ווידער זעהט זי, אט היינט, עס דוכט זיך איהר אט יעצט האט זי געגעבען דעם אפעריטאר גאנצע זיעבען ווייסטען צו פיקסען. זי קען דעם ארבייטער שוין פון א צייט, פון לאנגע יאהרען, זי וויים דאס זיין פלאץ האט ניט געדארפט זיין אין א שאפ, נאר די ביטערע אומשטענדען, אט די זעלבע שלעכטע אומשטענדען וואס האבען זי געמאכט פאר א קנוטע אין דעם באס הענד, זיי האבען געבראכט און האלטען דיעזע מענשען אין דעם שאפ, און איהם האט זיא גע־דארפט געבען ארבייט פיקסען... זי קען דאך זיך ניט העלפען, זי מוז דאך זעהען אז אלס זאל זיין אין ארדנונג, זאנסט דארף דאך דער באס ניט איהר דאזיין אין שאפ. זיא זעהט ווי ער נעהמט די ארבייט, ער שווייגט... זאגט ניט קיין ווארט... קיין זילבע, נאר זיין פנים קרימט זיך פון פארדרוס, זיינע ברעמען לאזען זיך ארונטער, און די ליפען ווי זיי וואלטען ריידען. אך דו נארישע שקלאווען... זי פיהלט ווי דאס בלוט קלאפט איהר אין געזיכט, זי פיהלט דאס באלד און זי וועט אויסשיסען אין א געוויין, זי האט געוואלט אז ער זאל עפעס זאגען... אז ער זאל פראטעסטירען, וואלט זי אזוי שלעכט ניט געפיהלט אבער ער שווייגט און איינבויגענדיג די קאפ איבער דער ארבייט, רייסט ער נערוועז די קאטען...

זי איז אנטלאפען פון איהם... האט זיך בעהאלטען, דעם גאנצען טאג האט זי איהם אויסגעמידען, זי האט זיך געפיהלט אזוי קליין... אזא מיאוסער ווארעם.. איין ביטערער עקעל האט זי ארום געכאפט און אין קאפ האט געשטורמעט.

דער זייגער האט שוין געשלאגען די צווייטע שטונדע נאך האלבע נאכט און פעניע האט נאך אלס ניט געלייזט די פראגע וואס זאל זי טאהן.

מיאוס, עקעלהאפט איז איהר געווארען דאס לעבען, זי זעהט זיך טרינקענדיג אין בלאטע און איהר הארץ ווערט אנגעפיהלט מיט א רחמנות אויף איהר קליינקייט, אויף איהר הילפלאזינקייט, און א מיעדע א צובראכענע פאלט פעניע אריין אין א אומרוהיגען שלאף.

מיעד פון לעבען

ווי דורך א חלום האָט ער געהערט, ווי זי האָט שטיל געעפּענט די טיהר און ווי זי האָט די זעלבע נאָך זיך פאַרשלאָסען, ער האָט געהערט איהרע טריט ווען זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזען פון די טרעפּ, און ווי זיי זיינען אַלץ שטילער, שטילער געוואָרען ביז זיי זיינען אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען...

ער ליעגט אין בעטעל. אין צימער איז פינסטער. זיא האָט פאַר איהר אוועקגעהן אויסגעלאָשען די גאַז, צו וואָס זאָל עס ברע־נען? א שאַדען. זי אַרבייט דאָך אַזוי שווער און ביטער.

ער ליעגט און קוקט פאַר זיך אין דער פינסטערניס, דער קאָפּ איז שווער, ווי מיט בליי אָנגעפיהלט, דער קערפּער איז אַזוי ווי אָהן לעבען, אַלע אברים, ווי אָפּגעשטאָרבען, נאָר די האַרץ די אָרימע פיהלענדע האַרץ קלאַפּט ניט רעגעלמעסיג... און נאַיעט רייסט...

די געדאַנקען שווימען ארום אין קאָפּ אַזוי ווי אין א פּוסטען רוים אָהנע אָרדנונג אָהן א סיסטעם, זיי יאָגען און שטורמען אַזוי ווי שטאַרקע ברויזענדע וועלען פון דעם ים, רייסען אוועק גאַנצע שטיקער פון זיין מאַרך און שליידערן אָהן רחמנות אין דער טיעפער שוואַרצער פינסטערנעס...

ער ליעגט, פיהלט ניט זיין דאַרען צובראָכענעם קערפּער, עס דוכט איהם דאָס ער איז טויט... נאָר די האַרץ... און דער מאַרך זיי־נען די איינציגע, וואָס פיהלען און בעוועגען זיך אין דיעזען טויטען צובראָכענעם פאַרוויאַנעטען קערפּער...

עס יאָגט אויף איהם אַרויף א שרעקליכע אימה די דיקע פינס־טערקייט, אין וועלכער ער קוקט ווי מיט גלעזערנע אויגען, און אין זיין אָרימער פאַנטאַזיע שווימען אין דיעזער בייזער פינסטערנעס פאַרשיעדענע שרעקליכע פיינליכע בילדער...

ווי לאנג איז עס? ווי לאנג צוריק?... ווי קורץ האָט זיין לע־
בענס גליק געדויערט... אַך ווי קורץ...

קראַנק, שטאַרק קראַנק איז ער געוואָרען ער האָט זיך געשטיקט מיט דעם, האָט פון זיין ליעבע דזשעני'ן פארבאָרגען, ער האָט גע־האַפט, דאָס עס וועט דורכגעהן... עס וועט בעסער ווערען...

לאנגזאם, לאנגזאם האָט זיך דער געדאנק, דאָס ער איז קראַנק, שווער קראנק, איינגעגעסען אין זיין מאַרך... פון דאָרט איז עס ארי־בער אין זיין יעדען אבר.

נערוועז, אויפגערעגט, צוטראָגען איז ער געוואָרען. אין דער אויפמערקזאמקייט פון זיין ליעבער קאמעראדין, אין דעם מילדען ווייכען בליק פון איהרע גרויסע אויגען, האָט זיך איהם געדוכט, דאָס זי וויים, אַז ער איז שווער קראנק, און זי האָט רחמנות אויף איהם.

אין אזעלכע מאָמענטען פלעגט ער ווערען אָנגעפיהלט מיט א ביטערען כעס אויף זיין שוואכקייט... אויף זיין דזשעני'ן.

ניין, ניט קיין רחמנות פערלאנגט ער פון איהר, איהר הייסע ברענענדע ליעבע באגערט ער, איהר געטליכען ווארעמען ליידענ־שאפטליכען פייער פערלאנגט ער!

אָבער דזשעני האָט זיך דערוואוסט פון זיין אומגליק... דאָס גליק איז פערשוואונדען געוואָרען...

„ניין! דו וועסט מעהר ניט געהן ארבייטען... איך וועל געהן ארבייטען... — וועסט נאָך געזונד ווערען, מיין טייערער"! — אזוי האָט זיא הארציג געטענה'עט.

ער געדיינקט דיעזע סצענע. בולט און שארף שווימט זי אין דער סארער פינסטערנעס פון זיין צימער.

א ווילדער כעס האָט איהם דאן ארומגעכאפט, א פערלאנג צו זאָגען איהר, דאָס ער דארף ניט איהר רחמנות, דאָס ער פערלאנגט פון איהר קיין טובות.....

ניין! ער איז ניט קראנק, ער קען ארבייטען, ער וועט אר־בייטען.. ער אליין.. נאָר ניט קיין רחמנות.. אזוי האָט ער געוואָלט דאן זאָגען איהר, אָבער פון אויפרעגונג איז זיין געזיכט ווי אָפגע־גאָסען געוואָרען מיט א קאלטען שוויים.

זיין הארץ האָט ווי מיט האמערס געקלאַפט און א שטארקער טרוקענער הוסט האָט איהם אָנגעפאנגען שטיקען, ווערגען... און אָנ־האפענדיג זיך מיט ביידע הענד אין זיין ברוסט האָט ער מיט שטאר־

רע אויגען געקוקט אויף דעם גרויסען רויטען... רויטען בלוטיגען פלעק...

און ער איז אין דער היים געבליבען! מיאוס איז איהר געוואָרען פאר זיך אליין. ער איז ווי א קליינענקער צוטראָטענער וואָרעם...' באדט זיך אין שמוץ, און בלאָטע און דאך זוכט ער נאך צו עקזעסטירען...

ער קען עם לייגער ניט פארטראָגען ער קען ניט צו קוקען ווי דזשעני, די איידעלע, ארבייט אזוי שווער, האָרעוועט מיט איהרע אלע כוחות אין שאפ און נאכהער ווען זי קומט א היים געהט זי ארום איהם ווי ארום א הילפלאָזען שוואכינקען קינד... ער קען ניט קוקען איהר אין די אויגען, וועלכע זיינען אָנגעפיהלט מיט אזוי פיעל מיטלייד און רחמנות צו איהם... ניין!.. ניין!... ער זעהט ניט מעהר יענעם הייליגען ברען אין איהרע אויגען וואָס האָט איהם אזוי גליקליך געמאכט... ניטאָ יענער הייליגער פלאם, וואָס האָט איהם אזוי געטליך געוואַרעמט.....

רחמנות... רחמנות... דאָס איז אין איהר בליק... דאָס איז אויסגעדריקט אין אלע איהרע האנדלונגען...

ער איז א לאַסט... א שווערע לאַסט אויף די שולטער פון דיעזער רייגער נשמה... ער האָט זיך געלייגט ווי א שטיין אין איהר וועג און לאָזט זי ניט געהן פאָרווערטס... ער האָט איהר פארצאמט דעם וועג פון רוהע און פריעדען און האָט זי פאראורטהיילט צו צרות... צו עוויגע מאטערנעס....

וואָס פאר א רעכט האָט ער צו רואינירען זי, די איידעלע נשמה?!

וואָס פאר א נוצען ברייגגט ער מיט זיין עקזיסטענץ?!

אזוי ווי א עקעלהאפטער צוקוועטשטער וואָרעם וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין א ווייך ווי סאמעט גרינע בלעטעל, און רואינירט דאָס שעהנע הערליכע לעבען פון דיעזער שמעקענדער בלעטעל, נור צוליעב זיין מיאוסען, קליינינקען, עקזיסטענץ, אָט אזוי זעהט ער זיך, דעם קליינינקען וואָרעם איינגעגעסען מיט זיין שמוציגען צוּבראָכענעם קערפער אין דעם זאנפטען פול מיט לעבען נשמה פון זיין אָרימער דזשעני'ן און רואינירט, פרעסט אויף איהר איידעלע הארץ, צוליעב וואָס? האָ?!...

צוליעב זיין מיאוסען קליינליכען עקזיסטענץ...

ניין!... ניין!... ער האָט קיין רעכט צו זיין אין איהר וועג...

ער קוקט פאר זיך אין דער פינסטערניס, וועלכע פארשווינדעט

לאנגזאם, און די פריה־מאָרגען ליכט רייסט זיך אריין אין זיין צי־מער... ער פיהלט עפּעס אזוי ווי ער האָט געהאט א שווערען לאנגען חלום... דער קאָפּ איז שווער. ער קען איהם ניט ריהרען, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געווען ווי אָפּגעטהיילט פון זיין קערפּער...

די געדאנקען דרעהען זיך אָהנע רוה און אָרדנונג... ער איז אזוי מיעד.. אזוי צובראָכען... דאָס הארץ.. ציהט, פּרעסט.. ווייטאָגט אזוי אונבאגרענצט שטארק, און קלאָפּט האסטיג.. טיאק.. טיאק... טיאק..

אָט דאכט זיך און זי וועט גאָר ארויסשפּרינגען, זי וועט פאר־לאָזען איהר פּאָסטען..

דער אטהעם איז שווער און ער סאָפּעט ווי א מאשין... ער וויל אריינציהען לופט... און זיינע לונגען ארבייטען ווי פּאמפּען...

לאָנגזאָם מיט אלע כוחות שטארקט ער זיך און זעצט זיך אויף און קוקט דורך דעם פענסטער, דורך וועלכען עס רייסט זיך אריין טאָג... דער הימעל איז בעצויגען מיט א שווארצען געדיכטען וואָל־קען, וועלכער הייננט נידריג איבער די הויכע הייזער, און דער טור־מאן וויקעלט אלעס אריין אין א סארען מאנטעל...

ער אטהעמט שווער, און דער הוסט שטיקט איהם, ווערגט איהם אָהן רחמנות. אויפשטעהן ווילט זיך איהם... ער וואָלט געוואָלט אז זיין דזשעניצקע זאָל יעצט זיין אין דער היים... ער איז דאָך אזוי מיעד.. ער פיהלט זיך דאָך אזוי עלענד... ער שרעקט זיך פאר זיינע געדאנקען... ער האָט מורא צו פארבלייבען מיט זיך אליין...

נאָך אמאָל וואָלט ער געוואָלט זי, זיין ליעבענקע זעהען... נאָך א מאָהל וואָלט ער געגארט געקוסט ווערען פון איהרע זיסע ליפּען.. נאָך א מאָהל וואָלט ער געוואונשען דורכלעבען א פייערדיגען ערערגענ־דען מאָמענט פון איהר הייסער פלאמענדער ליעבע...

נאָך איין מאָהל — און דאן — און ענד ! ער וועט ניט מעהר זיין אין איהר וועג... ניין!..

ניט מעהר!...

דער ניגון.

אהיים איז באָרים געקומען אַ מיעדער, א צובראָכענער, די שרעקליכע שטיקענדע לופט אין דעם שאַפּ, די ניט הארציגע אר־בייט, די ביטרע בליקען פון פּאָרמאַן האָבען איהם היינט מעהר ווי אַלע מאָהל געעקילט, און אַ הייסען וואונש צו קומען צו זיך אין צימער און איבערגעבען זיך צו זיינע שווערע געדאנקען, האָט איהם אַ גאנצען טאָג געמאטערט.

ער זיצט אין זיין צימער פון וועלכען די ווינדאוס קומען אריין אין אַן עירשאַפּט, די נאַטור מיט איהר רייצענדער זוהן, דער וואַ־רעם ווייכער זומער ווינטעל האָבען שטארק צו קעמפּפען, בעפאָר זיי קענען צוקומען און אריינקוקען אין זיין רום.

באָרים זיצט ביי דעם טיש און קוקט אריין אין אַ בוך, נאָר ער קען ניט לעזען, משונה׳דיגע געדאנקען פּלאָנטערן זיך אין זיין קאָפּ, און אַ פערמאַטערטער לייגט ער דעם בוך אוועק אָן אַ זייט, פּער־לעשט דעם פייער און לייגט זיך אין בעט אריין.

באָרים ליעגט אויסגעצויגען מיט דעם רוקען אראָפּ און קוקט אויף דעם סילינג אויף וועלכען עס טאנצען שטראַהלען פון ליכט וועלכע שלאָגען אָפּ פון אַ צימער פון דער הויז געגענאיבער.

ער ליעגט אַ פערמאטערטער, פיהלט ניט קיין אבר, אזוי ווי אין אַ היפּנאָטיזירטען צושטאַנד געפינט ער זיך, אין קאָפּ שווימען ארום שטיקלאַך, פּיצלאַך געדאנקען, וועלכע האָבען קיין אָנפאַנג און קיין סוף.

פּלוצלונג האָט איהם ווי אַן עלעקטרישע קראַפט ארויסגעוואָר־פען פון דעם בעטעל, מיט אַ בלאַסען געזיכט, ציטערנדען קערפּער, און אויגען אין וועלכע עס איז געווען אויסגעדריקט ווייי און שרעק איז ער געשטאנען אין מיטען צימער און האָט זיך איינגעהערט.

א ווייבע, זיסע פרויען שטימע האָט געזונגען, און די טרויעריגע זיסע מעלאָדיע האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אין דער לופטען און האָט איינגעדרונגען צו באָרים'ן אין צימער, ער שטעהט און מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטהעם הערט ער זיך צו, צו דער בעצויבערנדער שטימע, און זיין בלאַסער געזיכט קרימט זיך פון שמערצענדע עראינערונגען.

אזוי ווי א שיכור'ער האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום פענסטער, האָט אָנגעשפּארט זיין פיבער־ברענענדען קאָפּ אָן די גלאָז פון דעם פענסטער און האָט מיט פערצווייפעלטע בליקען געזוכט פון וואַנען קומט די זיסע שטימע, יענע הערליכע מעלאָדיע וועלכע האָט איהם אזוי פיעל גליק פערשאפט, און וועלכע ברייגנט איהם יעצט, נור ביטערע עראינערונגען, פון צושטערטען גליק, ענטטוישטע פאַנטאַזיען, און פערלאָרענע ליעבע...

ער שטעהט און הערט זיך איין, זיין גאַנצער קערפּער ציטערט ווי פון א שרעקליכען פיבער ארומגענומען, די קניע בייגען זיך, און עס דוכט זיך אז אָט באלד און ער וועט צוזאַמענברעכען...

און די זיסע געהיימניספאָלע טרויעריגע שטימע קלינגט אָפּ אין דער עירשאפט „ניע דליא מעניא פרידיאָט וועסנא“, און אזוי ווי זי וואָלט זיך בעטען רחמים... הילפע... סימפּאַטיע... איבערגעבענהייט.

א צובראָכענער, נאָס אָפּגעגאָסען מיט שוויים האָט באָרים זיך אריינגעוואָרפען אין בעט, און זיין קאָפּ האָט געקלאַפּט ווי מיט טויזענדע האמערס, די הארץ איז צוזאַמענגעדריקט געוואָרען פון אָן אונבעגרענצטען וויי, און שווערע שלוכצען האָבען זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אין דעם צימער, און האָבען אקאָמפּאַניערט דער טרויריגער מעלאָדיע „ניע דליא מעניא פרידיאָט וועסנא“.

באָרים ליעגט און אין זיין אָרימען קאָפּ שווימען דורך פריילינגע, הארץ־ברעכענדע בילדער פון זיין דורכגעלעבטער פערגאַנגענהייט.

אָט זעהט ער פאר זיך א ליעבען זומער פאר־נאַכט, די לבנה האָט מיט א מאַיעסטעטישער פראַכט ארומגעשפּאַצירט אין דעם קלאָרען הימעל צווישען די מיליאָנען שטערען, און האָט מיט חן אראָפּגעקוקט אויף דער אָרימער ערד, ער איז געזעסען אין פּארק מיט חברים, און האָבען דעבאַטירט איבער טעגליכע פּאַסירונגען, פּלוצלונג איז זיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען געוואָרען פון א זיסע פרויען שטימע וועלכע האָט ארומגעשפּאַצירט מיט א פריינ־

דין, אָהנע בעוואוסטזיין האָט ער זיך אויפגעהויבען האָט איבערגע־לאָזען זיינע חברים דיסקוטירענדיג און ער האָט נאָכגעפאָלגט דיא שטיממע וועלכע האָט פאַר איהם וויא א זיסע געטליכע מיוזיק גע־קלונגען, איהר רייצענדער קערפּער, און די שנעל בעוועגענדער חנ׳־עוודיגער גאנג האָט באָריסען שיעור משוגע געמאכט, און אָהנע צו האָבען א פּלאַן אויסגעארבייט איז ער זיי נאָכגעגאנגען.

ער זעהט דאכט זיך אָט יעצט דעם בילד, ווען נאָך לאנגע מיה, פון פיעלע אבענדען האָט ער געשלאָסען מיט איהר בעקאנטשאפט, ווי ער האָט זיך פּערלאָרען און ווי זיין גאנצע יונגע בלוט האָט איהם א שפּאַר געטהאָן אין געזיכט אָט ווי א קליינער אינגעל ווען מען כאַפּט איהם ביי אָפּטאָהן עפּעס א שפּיצעל, אזוי האָט ער געפיהלט ווען זיא האָט מיט איהרע גרויסע טיעף בלאָע דורכדרינגענדע אויגען געקוקט אויף זיין געזיכט, איהר בליק האָט איהם ווי בעצויבערט, איהרע בלאָע לאסקענדיגע אויגען האָבען אזוי ווי געערדט און געדרונגען טיעף צו איהם אין הארצען.

און אָט ער זעהט זיך כמעט אלע אבענד אין איהר געזעלשאפט, און מיט וואָס פאַר א פריידע זיין הארץ פלעגט אָנגעפיהלט ווערען ווען ער פלעגט קוקען אויף איהר חנ׳עודיג־בלאסען געזיכט, אויף איהרע רייצענדע בעוועגונגען און זיין זעעלע פלעגט זיך באָדען אין גליק ווען ער פלעגט קוקען אין איהרע גוטע ריידענדע אויגען וועלכע האָבען איהם ווי אויפגעמונטערט — און געגעבען האָפענונגען.

און באָריס זעהט זיין הייסען וואונש ערפילט, ער איז מיט מזל פעראייניגט געוואָרען מיט זיין חוה׳לען, זי איז זיינע, זיינע. ער ציטערט שוין ניט טאָמער וועט קומען אַן אנדערער, א גליקליכערער, און וועט זי זיין ענגעל ביי איהם צונעהמען. — ניין, יעצט איז זי זיינע, זיינע און ער איז גליקליך.

און אָט זעהט ער זיך יעדען אבענד אין דער געזעלשאפט פון זיין גוטער חוה׳לען, א מיעדער, א געקרייגקטער פלעגט ער אוועק פון שאפ, אָבער אזוי שנעל ווי ער איז געווען אין דער היים מיט זיין חוה׳לען האָט ער פערגעסען אַן אלעם וואָס האָט איהם גע־קריינקט, און בעליידיגט, ליעב האָט ער געהאט אריינקוקען אין איהרע בלאָע אויגען, וועלכע זיינען געווען טיעפער ווי דער ים, און אין וועלכע ער פלעגט זיך באָדען פון גליק. אזוי ווי א בעצויבערנ־דער פלעגט ער זיצען מיט זיין חוה׳לען, האלטען איהרע הענד, קו־קען אויף איהר מילדען סימפאטיש בלאסען געזיכט, וועלכער פלעגט באצויגען ווערען ניט מיט א נאטירליכע רויטקייט ווען זי פלעגט מיט

איהר זיסע זאנפטיגע שטימע זינגען איהר ליעבלינג ליעד, „נע דליא מעניא פרידיאט וועסנא", איהר שטימע פלעגט ווי ציטערען און קלינגען מיט א טיעפען וויי...

נאר ער, בארים, איז געווען אזוי גליקליך, אזוי פערשיכור'ט פון דער אונבעגרענצטער ליעבע דאס ער האט ניט בעמערקט ווי די שטימע פון זיין חוה'לען וואס ווייטער האט זי געקלונגען, מיט מעהר וויי, מיט מעהר טרויער.

פלוצלונג האט בארים דערזעהען זיין גליקליכע וועלטיל וויא פארטרונקען פון שווערע שווארצע וואלקענס, וועלכע האבען גע־שראקען מיט פערניכטונג.

אפט האט ער געטראפען זיין חוה'לען א פארוויינטע און מיט טרעהרענדע אויגען, האט ער לאנג געבעטען זיא זאל איהם ערקלעהרען די אורזאכע פון איהרע טרערען, פון איהר טרויער, א צייט לאנג האט זי געלייקענט, נאר ענדליך האט זיא זיך געמוזט בייגען צו זיינע אהנע אויפהערענדע פערלאנגען צו וויסען די אור־זאכע פון איהר וויי.

און זי האט באריסען דערצעהלט דאס זי איז קראנק, שווער קראנק, דאס איהר קראנקהייט איז אויסצעהרונג וועלכע זיא האט געקראגען בירושה פון איהר פערשטארבענער מוטער, דאס זיא פיהלט אז זי האט געגען באריסען בעגאנגען א גוואלדיגען פערברע־כען וואס זי האט איהם ניט ערקלעהרט פריהער איידער זיי האבען פערבונדען זייער שיקזאל. ער געדיינקט דעם שרעקליכען בילד, עס לעבט אין זיין מח יענע שרעקליכע סצענע, ווי ער האט זיא געכאפט אין זיינע ארעמס, האט אויסגעקושט יעדען אבר, האט זי געדריקט צו זיין אָרימער הארץ, אזוי ווי ער וואלט זי זוכען בעשיצען פאר עטוואס שרעקליכעס, און האט זי געטרייסט.

פון יענעם אבענד איז זיין וועלטיל ווי חרוב, צושטערט געווא־רען, דאס לעבען האט פאר איהם פערלארען דעם גאנצען רייז, ער האט געזעהען זיין חוה'לען, זיין נשמה איינגיין, אפשטארבען, ער האט געזעהען די זון פון זיין וועלטעל ווי זי ווערט אויסגעלאשען, און מיט א בלוטענדע הארץ פלעגט ער זיך צוהערען צו איהר טרויע־ריג ווייכער שטימע, וועלכע האט שוין געקלונגען מיט אן אונבע־גרענצטען וויי, ווען זי פלעגט זינגען „ניע דליא מעניא פרידיאט וועסנא".

און אט זעהט בארים ווי זיין חוה'לע איז אוועקגעפאלען, און ווי די הערבסט לופט שטיקט און ווערגט זי, און ער האט בעשלאסען

דאָס זי מוז פאַהרען אין קאָלאָראַדאָ, טראָץ דעם וואָס די פּראָפעסאָ־רען האָבען איהם געזאָגט דאָס עס וועט גאָר ניט העלפען. ער האָט אַלעס פערקויפט, האָט זיך פערבאָרגט און האָט זי אוועקגעשיקט אַהין וואו דער היפּעל איז מילד, די לופט איז ווייך און גוט צו אַזעל־כע אונגליקליכע.

באָריס זעהט די סצענע און זיין האַרץ נאָיעט, פרעסט... ער געזעגענט זיך מיט חוה'לען, מיט זיין נשמה. — זיי וויינען מיט ביטערע טרערען, ער קען ניט אַפּרייסען זיינע אויגען פון איהר בלאַ־סען מאַרטירער געזיכט, און אין זיין קאָפּ עגבערט אָהנע אויפהער טויזענדע שרעקליכע פיינליכע פראַגען.

ווער ווייסט וועט ער נאָך זעהען זיין נשמה? וועט ער זי ארויס־רייסען פון די נעגעל פון דער שרעקליכער אויסצעהרונג? וועט ער זיך נאָך ווידער באָדען אין דעם בלאָען קלאָרען בליק פון איהרע אויגען? וועט ער הערען איהר זיסע זאַנפטיגע שטימען? ווער ווייסט!? ווער ווייסט?!...

און ער דריקט חוה'לען, קוסט איהר בלאַסען געזיכט אָהנע אויפ־הער, הערט זיך ניט צו אויף די פריינד'ס פּראָטעסטען דאָס עס איז אַן אנשטעקענדע קראַנקהייט, מען דאַרף פאָרזיכטיג זיין, א ביטערער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיינע בלאַסע ליפּען.

פאָרזיכטיג!... אַך נאַרען האָט ער צו זיי געזאָגט, וואָס קי־מערט מיך, וואָס שרעקט מיך? דער לעבען אָהן מיין חוה'לען איז א פּוסטער, א פינסטערער פאַר מיר, און אויב מיין חוה'לע וועט ניט געראַטעוועט ווערען, דאַן איז דאָס בעסטע דאָס איך זאָל פאַרענדיגען מיט מיין נוצלאָזען לעבען. אָט אַזוי האָט ער האַרציג, מיט א שטי־מע דערשטיקט פון טרעהרען גע'טענה'ט צו די פריינד.

און אַזוי איז זיין אוצר, זיין נשמה אוועק, אויף קיין מאָל ניט קומען צוריק. די אונגליקליכע האָט זאָגאַר ניט ערדרייכט דעם אָרט, דאָרט וואו זי האָט געהאָפט צו רעטען איהר לעבען, — אויף דעם וועג איז זיא געשטאָרבען...

באָריס געדיינקט, דאָס ווען ער האָט דאָס דערהערט, איז זיין האַרץ ווי אָפּגעשטאָרבען, ער איז ארומגעגאַנגען ווי אין א עולם התוהו, האָט אויפגעגעבען זיין לעבען, האָט ערוואַרטעט דעם טויט, אָבער א ווערטיל זאָגט, „דער מענש איז שטאַרקער פון אייזען“, ער איז געבליבען לעבען, זיין וועלטיל איז א צושטערטע, קיין פרייד, קיין גליק. מאָנאָטאָנע שלעפּען זיך די טעג, וואָכען און מאָנאַטען,

אַלעס וואָס ער האָט דורכגעלעבט, זיין חוה'לע איהר ליעבעס בלאַסעס געזיכט, איהר זיסע שטימע, איהר גאַנצע עקזיסטענץ, איז פאַר איהם געבליבען ווי אַ זיסער חלום.

און יעצט האָט יענע געהיימניספאָלע פרויען שטימע וועלכע האָט געזונגען, אָט יענע הארצרייסענדע ליעד, אָנגעצונדען אין זיינע געהירען אַ פערצעהרענדעס פייער, דאָס הארץ איז צוזאמען געדריקט געוואָרען, דער גאנצער קערפער איז ווי אויפגעטרייסעלט געוואָרען, און כאַפּענדיג זיין קאָפּ אין זיינע הענד, האָט ער מיט אַ ציטערנדע שטימע פון אַ הארציגען וויינען געבליפּעט „ניע דליי מעניי פרידיאט וועסנא"...

ראכע.

מערדער!... פּאַליס!... פּאַליס!... האָט דורכגעשניטען די לופט א פערצווייפעלטע. שטימע

א אנשטענדיג געקליידעטער יונגער מאן איז נאָכגעלאָפען א עלטערן מענש, מיט א בלוט בעגאָסענעם געזיכט און האָט אָהנע אויפהער געשריען: מערדער!... פּאַליס!.. פּאַליס!...

די שטראָמענדע מענשען זיינען פּאַראַליזירט געוואָרען, טויזענדע הערצער האָבען שנעל געקלאפּט, און טיעפע סימפּאַטיע האָט דורכגעדרונגען די מאסע צו דעם יונגען מענש, וועלכער האָט געשריען מיט באַנומענע קולות און וועמעס געזיכט איז געווען צושניטען אין איינינגע פלעצער פון וואנער רויטע, הייסע מענשליכע בלוט האָט בעגאָסען זיין אנצוג און האָט געלאָזט א סליאַד אויף דעם סיידוואָק.

טויזענדע הענד האָבען זיך געדריקט אין פויסטען, טויזענדע העלדזער האָבען געברומט, אזוי ווי א שרעקליכע כוואַליע האָט זיא זיך געריסען צו דעם עלטערן מענשען, וועלכער האָט זיך געשטופּט צווישען דער מאסע, א בלאַסער מיט ווייט אָפענע אויגען פון שרעק מיט ציטערנדע ליפּען האָט ער עפּעס געמורמעלט, וועלכעס איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם ברויזענדען ברומען פון דער מאססע.

— לאָזט איהם ניט אוועק, — האָט זיך געהערט א געשריי פון צווישען דעם שטראָם מענשען און עס איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון הונדערטע, און ווי א ווילדער רעווען האָט די טויזענד קעפּיגע מאסע אויסגעשטויסען.

דער רחמנות צו דעם פאַרבלוטיגטען האָט זיי ארומגעכאפּט, און זיי זיינען געווען פערטיג אָננעהמען זיך זיין קריוודע מיט דעם וואָס זיי זעלבסט, וואָלטען אויף פאַרגאָסען די בלוט פון דעם עולה טהוער.

אין דעם טומעל האט זיך איינגעגעבן דעם טויט־בלאסען מענשעל ארויסרייסען זיך פון די וועלכע האבען איהם געריסען גע־שטויסען, ער איז אונבאמערקט אריין אין א האל האט זיך ארויפ־געכאפט אויף א רוף איז אריבער אייניגע הייזער און איז ארויס אין א צווייטער גאס.

א טויט בלאסער, א צובראכענער, א צודריקטער האט ער גע־קלעטערט אויף שטיגען און איז אריין אין זיין צימער.

שווער סאפענדיג האט ער זיך אראפגעלאזען אין טשער, און מיט ווילדע בליקען האט ער געקוקט פאר זיך...

א קאלטער שווייס האט איהם ווי בעגאסען, אין הארצען האט אזוי שמערצפאל געריסען — די קאפ איז שיער צושפאלטען גע־ווארען פון די ביטערע שווערע געדאנקען.

מארים האט זיך געפיהלט אזוי מיעד, די אימה פאר דער אויפ־גערעגטער מאסע, דאס צושניטענע געזיכט פון זיין ביטערען ערנס־טען פיינד האבען אזוי ווי געטאנצט אין דער לופטען און האבען איהם ווי געשטיקט.

שרעקליך בייסענדע, פרעסענדע עראינערונגען האט איהם גע־בראכט די יעצטיגע פאסירונג.

שוין לאנג, גאנץ לאנג, ווי ער האט פערלארען דאס בעסטע, דאס טהייערסטע וואס ער האט פערמאגט, זיין ליעבע חבר׳טע, זיין טהייערינקע מעריע — זיא איז געשטארבען, אזוי גרויזאם פון איהם אוועקגעריסען געווארען, אין דער מיטטען פון איהר בליהען, זיא איז געשטארבען, זיין נשמה, איבערלאזענדיג איהם א טעכטערל — א פיצעלע בייבעלע — א טהייערע קעצעלע, דער מאמעס חיות איז עס געוועזן און ביז דעם לעצטען אטהעם־צוג האט זי ניט אפגע־לאזען איהר פיצינקע לילעצקע — א קליינינקע, ווייסענקע, פעטינ־קע מיידעלע מיט צוויי גרויסע בלאע אונשולדיגע אויגעלאך.

מארים טהייערער, האט די שטארבענדע געמורמעלט, קוים וואס מען האט געקענט הערען.

„מארים!... איך שטארב... איך לאז דיך איבער אליין.. נאר דאך וועסטו האבען א טרייסט אין דיין פערלוסט, זעה אונזער פויי־געלע, היט זיא,„ באשיץ זיא... זיי צו איהר א טרייער פאטער... זיי איהר א מאמע אויך... זיי גוט צו איהר... זיי געזונד ליעבע לי־לעצקע... „און מיט דעם נאמען פון איהר פויגעלע, זייער קינד איז זיא געשטארבען

ליעב האט מארים געהאט זיין פויגעלע, דאס טהייערע עופת׳לע

— דיא גאַנצע ברענענדע ליידענשאַפטליכע ליעבע וואָס ער האָט געפיהלט צו זיין פערשטאָרבענער מעריען האָט זיך קאָנצענטרירט אין דעם איינציגען פלאַטץ, און משוגע ווילד האָט ער געליעבט זיין קינד... געהיט האָט ער זי ווי זיין שוואַרץ־אפּפעל פון די אויגען. — קיינע שווירינקייטען האָבען איהם ניט אָפּגעהאַלטען פון דורכ־פיהרען איהרע אלע ווינשע.

און לילעצקע האָט געוואַקסען, האָט געבליהט אזוי ווי אַ שעהנע בלום אונטער דער צערטליכער אויפפּאַסונג פון איהר איבערגעגע־בענעם פאַטער...

מאָרים האָט געאַרבייט שווער, האָט זיך ניט פערגינט אין אי־בעריגען ביסען, טאָמער וועט זיין פויגעלע, זיין לילעצקען זיין ווייניג.

אין סקול האָט ער געשיקט זיין אוצר און האָט געהאַט דעם נחת צו זעהען דאָס טעגליך און זיין בלוט ווערט רייצענדער, שעה־נער, ליעבענסווירדיגער, און דעם טאַטענס הארץ האָט נאָר אין דער שטיל תפילה געטאָהן אַז זיא, זיין טהייערעס קינד זאָל אויס־געהיט ווערען פון צרות וועלכע זיינען דאָ אין אונזער שעהנער וועלטיל.

און עס שווימט ארויף אין זיין קאָפּ דער בילד ווי ער געהט מיט זיין פויגעלע צו אַ פורים־באַלל און דאָרט קוועלט דעם טאַ־טען'ס הארץ פון נחת, זיין קינד שיינט ווי אַ בריליאַנט, און יונגע לייט געהען ממש אויס כאַטש האָבען די זכיה צו פיהלען איהר בע־צויבערענדען בליק פון איהר צוויי גרויסע בלאַע אויגען, און אלע זיינען איהם מקנא זיין גליק...

און ער עראינערט זיך, ווי ער, מר. מאַקס איז פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר איהם מיט זיין לילעצקען.

אַ גוטען איינדרוק האָט ער געמאַכט אויף איהם — און די עראינערונגען שווידערן אויף מאָריסעס גאַנצען קערפּער און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און אַ ווילדע רציחה כאַפּט איהם ארום, ער האָט חרטה וואָס ער האָט נאָר צושניטען זיין מילדע גע־זיכט, וועלכע האָט זיין קינד רואינירט... טוידטען האָט ער איהם געדאַרפט!... געמוזט!...

און מאָרים'ן טומעלט ווידער אין קאָפּ — ווער האָט זיך גע־קענט ריכטען אַז אונטער דעם מילדען געזיכט, אנשטענדיגען באַ־נעהמען זיך, שעהנע ווייכע מאַניערען און זיסע שטימע, ווער האָט געקענט חלומ'ן אַז אָט דער מאַקס איז נאָר אַ קאַדעט, אַ לומפּ.. איי־

נער פון די נידעריגסטע ברואים וועלכע שענדען דעם נאָמען מענש מיט זייערע מעשים תעתועים.

און אזוי איז די שלאַנג אריינגעקומען צו איהם אין הויז און ער, דער טאַטע, וואָס האָט זיך ניט פערגונען דעם לעבען, ער וואָס איז פאַרטיג געווען מקריב זיין דאָס לעבען פאַר לילעצקעס פריעדען, ניט נאָר האָט ער ניט פראַטעסטירט און האָט פעריאָגט דיעזען מאַקסען, נאָר ער האָט זאָגאַר אַנגעטרויט צו איהם זיין טהייערען אוצר'ל, זיין זיבעצעהן יעהריגע לילעצקע, זיין טהייערע איידעלע קינד.

און פּלוצלונג שווימט ארויף אין זיין מוח יענער בילד, וועל־כער שוידערט איהם אויף. ער איז געקומען אהיים פון דער אר־בייט און האָט געטראָפען זיין רוהיג נעסט צובראָכען, צושמעטערט, און זיין פויגעלע אוועקגערויבט, א בריוועלע האָט ער געפונען, וואו זיין אוצר, זיין לילעצקע, אזוי ווי זי וואָלט שרייבען מיט בלוט — און צווישען די שורות האָט ער דאכט זיך געלעזען ווי זי בעט זיך אויף רעטונג — נאָר זיא איז שוואך ליידענשאפטליך איז זי פער־ליעבט אין איהר מאַקסען — און אַלע זיינע ווינשע מוז זי ערפילען, זי וויים אז ער מאָרים, איהר טהייערינקער טאַטע וועט האָבען יסורים וואָס זי איז אוועק פון איהם אָהן זיין ערלויבנים, נאָר זאָל ער זיין רוהיג, זי איז דאָך אוועק מיט מאַקסען, מיט דעם גוטען איידעלען מאַקסען, וועלכער האָט עס פון איהר פערלאַנגט און וואהר־שיינליך שטעקט אין דעם א סורפּריז פאַר זיי, ער האָט איהר פער־זיכערט דאָס שנעל וועלען זיי קומען צוריק און זי וועט זיין גליקליך מיט איהם און איהר פאָטער?...

שווער, שרעקליך ביטער האָט מאָרים געפיהלט קוקענדיג אויף דעם בריעף פון זיין ליעב קינד, זיינע אויגען זיינען פערגאָסען גע־וואָרען מיט טרעהרען, און די בוכשטאַבען האָבען זיך ווי צוזאמענ־געגאָסען, און ער, מאָרים האָט ווי צוזאמענגעבראָכען איבער דעם בריעף...

א לאַנגע צייט פון יסורים, ניט מענשליכע ווייטאָגען האָט מאָ־רים איבערגעליטען, און פון זיין קינד קיין ידיעה געהאט, אָט ווי אין וואַסער איז זי אריין. די ערשטע איניגע וואָכען האָט ער נאָך געהאָפט זי וועט קומען צוריק, עס איז מן הסתם מאַקסעס א קאַפּריז, און אפשר, איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק, אפשר איז גאָר מאַקס א מיליאָנער, עפּעס מאָדנע בענעהמונגען האָט ער געהאט... אָבער ווען עס איז פאַראיבער צוויי וואָכען און עס איז אין קול ואין

עונה, איז ער געלאָפען אין פּאָליציי, צו פריינד, בעקאנטע און האָט איינגערעדט איינגעריסען א וועלט.

מאָריס דריקט זיין ברענענדע קאָפּ פעסט מיט זיינע צוויי הענד. אין הארצען טריפט ווי בלוט און ער פיהלט דאָס דער מארך ווערט ווי ארויסגעריסען פון זיין קאָפּ.

מאָריס זעהט א שרעקליכען בילד, א בילד, וועלכע האָט זיך טיעף איינגעגעסען אין זיין זכרון און טרייבט איהם מאנכעס מאָהל צו וואנזינן: ער איז געזעסען א ווינטער פאַרנאכט האָט בעוויינט זיין פערלאָרענע טאָכטער ווען א קלאַפּ אין טיהר האָט איהם אויפ־געוועקט און ווען אויף זיין ענטפער, די טיהר האָט זיך געעפענט, האָט ער דערזעהען פאר זיך! נאָר גאָט! וואָס טהוט זיך עס מיט איהם! — חלומט ער ניט קיין שרעקליכען בייזען טרוים!?

ניין! ער טרוימט ניט — דאָס איז זיין לילעצקע, זיין פויגעלע, נאָר ווי שרעקליך האָט זי זיך געענדערט, עס איז נאָר געבליבען א סקעלעט — א סימן פון זיין בליהענדער בלום...

אין זיינע אָרעמס איז זיא, זיין טאָכטער געלעגען ווי א צובראָ־כענע, רואינירטע פויגעלע. — האָט זיך פעסטער געטוליעט צו זיין ברוסט, אזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען מען וועט זי קומען צונעה־מען צוריק צו יענעם אבשייליכען שרעקליכען לעבען.

און דער טאטע קושט זיין אויסגעמוטשעטע טעכטעריל, גלעט איהרע האָר פון קאָפּ מיט זיינע ציטערנדע הענד, און וואשט איהר בלאסען געזיכט מיט זיינע זודיגע טרעהרען.

און א שרעקליכע געשיכטע האָט זיא די אומגליקליך־פער־פיהרטע דערצעהלט, א געשיכטע וועלכע האָט דעם טאטען אויפגע־טרייסעלט, א געשיכטע וועלכע קען טרייבען יעדען מענשען צו וואהנ־זין, צו מאָרד. פארפיהרט האָט זי מאקס, רואינירט זי, מיט הונ־גער און קנוט געצוואונגען זי צו פיהרען יענעם שרעקליכען לעבען, וועלכער צובראָכט דעם קערפּער, רואינירט די זעעלע פאר אימער... אנטלאָפען איז זי פון דעם שרעקליכען אָבגרונדפּ אנטלאָפען איז זי פון דעם שרעקליכען פעסט... אָבער א צובראָכענע.... א רואינירטע איז זיא אויף אימער..

ביטערע, שרעקליכע ראָכע פאר זיין קינדס לעבען, פאר איהרע אונמענשליכע יסורים האָט ער געשוואָרען צו נעהמען אָן דעם וויל־דען בעסטיע, וועלכער האָט זיין קינד רואינירט און זיין לעבען צו־בראָכען

און יעצט זיצט מאָריס, קוקט מיט ווילדע אויגען, דריקט זיין קאָפּ מיט די פיבער הייסע הענד.

דאָס געזיכט פון זיין קינד'ס פערפיהרער, פון דעם לומפּ האָט ער צושניטען. — ער וועט שוין ניט מעהר האָבען א חנ'עוודיגעס געזיכט, ער וועט שוין ניט קענען מעהר פערפיהרען, רואינירען אונשולדיגע קינדער, נאָר ער, מאָריס איז נאָך ניט זאט מיט דער ראַכע... ניין די מיאוסע הארץ פון דעם שורקעס קערפּער האָט ער געדאַרפט אויסשניידען און ווארפען פאר הינד. — און ער איז ניט צופרידען מיט דער ראַכע...

און אזוי זיצט ער און די הארץ וויינט, — ברעכט, און ער קלערט ווי די מאַסע אין גאס איז אָנגעפיהלט געוואָרען מיט סימפּאַטיע צו דעם שורקע, און ווי זי, די גרויס שטראָמענדע מאַסע, האָט געוואָלט איהם, דעם ליידענדען, דעם רואינירטער פאָטער צוּרייסען... פערניכטען... זיינע יסורים זיינען דאָך אונמענשליכע, זיי רייסען גרויזאם אָהנע ערבאַרמען די צובראָכענע הארץ, אָבער ווער ווייסט פון זיינע ליידען? ווער ווייסט פון זיינע יסורים?

ווער דיינקט פון די טויזענדע צובראָכענע הערצער וועלכע שרייען ניט, נור שטילע הערצרייסענדע זיפצע זיינען די איינציגע זילבען וועלכע רייסען זיך פון זייערע צובראָכענע הערצער, און ווערען ניט געהערט אין דעם גרויסען טומעל פון דעם מענשליכען כאָאס.

די אָפענע וואונדען זעהט מען און מיטלייד ווערט ערוועקט אין טויזענדע הערצער צו דעם ליידענדען... אָבער פערבאָרגענע יסורים זיינען דאָך שרעקליכער, גרויזאַמער.

און אזוי שווימען משונה'דיגע געדאַנקען אין זיין קאָפּ... מאָמענטענווייז פיהלט ער פון א ווילדער רציחה ארומגעכאַפּט. ביז איז ער אויף דער שטראָמענדער מאַסע, וועלכע האָט זיך אָנגענומען פאר דעם לומפּ, און האָט איהם געשטערט. א ווילדער פערלאַנג האָט איהם ארומגעכאַפּט, ארויסלויפען אין גאס ארויסרייסען זיין אָרימע בלוטענדע הארץ און זאָלען זיי זעהען די שרעקליכע וואונדען, די גרויזאמע גייסטיגע יסורים וואָס דער שורקע האָט איהם פערורזאכט.

און מאָריס פיהלט ווי אין זיין קאָפּ ווערט ווי אָנגעצונדען א שרעקליכער פייער, זיין קערפּער ווערט ווי אויפגעטרייסעלט, עפּעס פיהלט ער ווי ער וואָלט זינקען אין א שרעקליכען טיעפען אָבגרונד... און פאַלענדיג מיט דעם קאָפּ צו דעם טיש איז זיין קערפּער אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון א היסטערישען ווילדען וויינען...

א טראפּען בלוט.

(א פאנטאזיע)

א שטילע ערקוויקענדע זומער־נאכט. דער הימעל איז העלבלא און די מאיעסטעטישע לבנה שפּאַצירט אין איהר גאַנצען פּראכט ארום אין דעם קרייז פון די מיליאָנען פינקעלנדע שטערן מיט א הימלישען חן, און קוקט פריינדליך אראָפּ אויף אונזער אָרימער מוטער ערד. א שטילער ווינטעלע בלאָזט און גלעט די גרינע ווייכע בלעטער און וויגט איין די הויכע בוימער וואָס זעהען זיך גאַנץ ווייט.

איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען. ווארפענדיג זיך פון זייט אויף זייט, ציילענדיג די מאָנאָטאָנע קלעפּ פון דעם זייגער, האָב איך געזוכט צו פערטרייבען די געדאנקען, זיך איבערגעבען אין די אָרעמס פון דעם מלאך פון שלאָף, דעם ערלייזער אויף עטליכע שטונדען פון דעם שווערען אונערטרעגליכען לעבען, פון די אימער פּלאָגענדע געדאנקען.

אומזיסט האָב איך געקעמפּפט. די בעפרייאונג איז ניט געקומען, און איך בין ענדליך אויפגעשטאנען. איין בעגעהר צו שרייבען האָט מיך ארומגענומען — אויסצודריקען כאָטש אויפ׳ן פּאַפּיר וואָס איך וואָלט געוואָלט שרייען צו דער גרויסער ליידענדער מאַסע... וועקען די פערשלאָפענע צום גרויסען גערעכטען קאמפף...

אין דער דונקעלהייט פון דעם צימער האָב איך געפונען טינט, פעדער און פּאַפּיר און האָב זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער אויף וועלכען עס האָבען זיך אָבגעשטעלט די זילבערנע שטראהלען פון דער פולער לבנה... אונטער דעם איינפלוס פון דער רייכער פּאָעטישער נאטור שרייבען, אויסגיסען מיין הערץ, וועלכעס איז פול מיט איין אונבעגרענצטע ליעבע צו דער ליידענדער מענשהייט...

אויסדריקען מיין טיפע פעראכטונג און שרעקליכען האסס צו דער אונגערעכטער פערפוילטער געזעלשאפט...

האלטענדיג די פעדער אין מיין האנד, האב איך זיך פערטראכט, קוקענדיג צו דעם הימעל, צו דער העלער לבנה פול מיט רייץ, אזוי ווי איך וואלט זוכען איבערזעצען פון דער שטומער הימלישער שפראכע עטוואס פאר די ארימע מענשענקינדער...

פלוצלונג האט עס אנגעפאנגען אין מיינע אויערען צו זשומען, קאכען און זידען... איך האב מיין בליק אבגעווענדעט פון דער לבנה און מיט אינערליכע אויפרעגונג האב איך געזוכט ארום זיך, זעהען וואס עס האט פאסירט. וואס קאכט עס? וואס זידט עס? ווער האט דאס געשטערט מיין רוה און מיינע געדאנקען?...

און מיין בליק איז ווי צוגעשמידט געווארען... דאס וואס איך האב געזעהן, האט אין מיר פערגליווערט דאס בלוט אין די אדערן, און מיין הערץ איז ווי פערשטארבען געבליבען.

אויף דעם פאפיער איבער וועלכען איך האב אין דער לופטען געהאלטען מיין פעדער, איז געווען א גרויסער טראפען טינט, וועלכער האט געקאכט, געזאדען. טינט? ניין! בלוט! מענשליכע בלוט!

אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין דער געהיימניספאלער דונקעלהייט, האט עס א דריקענדע מרה־שחורה אויף מיר געווארפען.

בלוט! ווי קומט בלוט אין מיין טינטער? וועמעס בלוט איז עס? אך, ווי עס שווידערט מיך! דער זידען, דער קאכען פיבערט מיר אין די אדערן!

פלוצלונג—הער איך!... א שטימע קלינגט, אזוי ווייך, אזוי שניידענד. . . אזוי ווי זי וואלט קומען פון ערגעץ ווייט. . . ווייט. . . ווי פון אונטער א קבר. זי קלינגט אין דעם זידען, אין דעם קאכען פון דעם טרסאפען בלוט !...

„מענש! אויף דעם הימעל קוקסט דו? אויף דער לבנה זוכסט דו א טהעמא צו שרייבען? זוכסט אז פון אויבען זאל מען דיר דיקטירען וואס צו שרייבען פאר דער אונענדליך גרויסער ליידענדער מאסע? צו וואס זוכען שטאף פיר דיין שרייבען אין די הימלען! וואצו זיך אבגעבען צו בעשרייבען די גרויסקייט, רייכקייט פון דער נאטור? צו וואס, — ווערהענד אזא גרויסע מענשהייט פיגסטערט אין ווייס ניט פון דעם? דערצייל דיינע מיטמענשען פון די אירדישע שקלאפענקינדער, פון זייער יוגענד־פרישען לעבענסזאפט, וואס

ווערט אויסגעזייגט, צוטראָטען; פון דער גרויסער מענשליכער חיה ווי זי פערצוקט די יונגע מענשליכע לעמעלעך — איינצעלנע ביל־דער, דאָך זיינען זיי קאָפּיעס פון מיליאָנען אזעלכע אין אונזער שיינער וועלטעל?

„מענש!" האָט עס ווייטער געקלונגען, „הער מיך אויס. הער די קורצע לעבענס־געשיכטע פון דעם, אין וועמעס אָדערן איך האָב געוונען. דערצייל דער וועלט פון די ליידען, די גרויזאמע שמערצען וואָס ער האָט איבערגעליטען, ביז דער מלאך־המות, דער ערלייזער, האָט איהם אין זיינע אָרעמס אוועקגעטראָגען, אהין, פון וואַנען מען קומט ניט מעהר, אהין וואו עס איז נישטאָ קיינע הערשער און בעהערשטע, קיינע הערען, קיינע שקלאַפּען; אהין אין דעם טיעפען אָבגרונד פון פערגעסענהייט, און האָט מיך געבראכט אריין אהער, אין דיעזער שווארצער פליסיגקייט."

עס שווינדעלט מיך, עס ווערט מיר קאַלט. איך מאַך צו די אויגען און הער ווייטער...

„ער איז געבאָרען געוואָרען ביי אָרימע עלטערן, ער האָט גע־האַט דאָס אומגליק צו זיין ביי זיי דער זעקסטער. קיין שמחה איז ניט געווען ביי זיין קומען אויף דער וועלט, קיינע בעלער, שטיל... פערקעהרט, ער איז אַרויפגעפאלען ווי א שטיין אויף די בעשווערטע קעפּ פון זיינע עלטערן. זיי האָבען איהם עמפּפאַנגען מיט א האַרץ פול מיט וועה. זיי האָבען שוין גענוג אָפט געהונגערט, און יעצט נאָך איינער... פערשטאַרקט ער די שווערע לאַסט... און וואָס פאַר איין ערציהונג קענען זיי איהם געבען! וואָס קען איהם ערווארטען אין דער בלוטיגער יאַגד נאָך ברויט אין דער פינסטערער וועלט?

„אָט מיט אזעלכע געדאנקען און געפיהלען האָט מען איהם בעגעגנט... נאָך אַלס קינד, איין עופה'לע האָט ער שוין געפיהלט דאָס ער איז א לאַסט — א שווערע לאַסט פיר זיינע שוואכע אָרימע עלטערן... און ניט איינמאָל, ווען זיין אָרימע מוטער האָט געקוקט אויף דאָס שוואכע אָבגעצערטעס קינד, אויף די טרוקענע ליפּעלעך און דעם בלאַסען געזיכט, האָט זיך ביי איהר פער'גנב'עט א געדאַנק, „גלייכער ער זאָל שטאַרבען, שטאַרבען, און אויפהערען מוטשען זיך"...

אָבער ער האָט ווי אַלעם צום טראָץ געלעבט און געוואַקסען. ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט רייף צו ווערען, נאָך שוואך קערפּערליך, נאָך אַלס קינד וועלכער האָט געדאַרפט זיך שפּיעלען אויף דער

פרייער לופט, שפרינגען פון בערגעל צו בערגעל האָט ער געמוזט שוין פערדינען זיין ברויט, פעדלען מיט ציימונגען... ניט איינמאָל אין די קאַלטע ווינטער־טעג איז ער געקומען אהיים א פערגליווערטער, מיט א בלאָען געזיכטעלע, אויף וועלכען עס זיינען געוועז פערפראָ־רענע טרערען. אהיים?... דאָרט וואו עס האָט איהם ערוואַרטעט דיזעלבע אונבאַרמהערציגע קעלט, וואו ער האָט געקענט מיט א ליידיגען מאָגען בעהאַלטען זיך אונטער עטליכע שמאַטעס, צו דער־וואַרעמען די פערפראָרענע גלידער...

ניט איינמאָל איז ער געקומען אין די שרעקליכע זומער־היצען, א בלאַסער, א נאַסער, מיט איין אָבגעמאַטערטען קערפערל, צו־שטאָכענע פיסעלאך אהיים.

ניט איין מאָל האָט דאָס יונגע קינד פערגאָסען שטילע ביטערע טרערען, ווען א שלעכטער פאָליסמאַן האָט איהם געטריבען פון אָרט צו אָרט.

אזוי איז דאָס קינד געוואַקסען, ארומשפרינגענדיג אין די סטריטען פון קאָר צו קאָר, רייצענדיג זיך מיט דעם מלאך־המות, שרייענדיג מיט איין וויינענדיגע, הייזעריגליכע שטימע, „עקסטרא— עקסטרא!“...

דער טראָפען בלוט איז שטיל געבליבען... מיך קוועלט... מיך מאַטערט... עס שטייט פאַר מיר דאָס יונגע, בלאַסע עופה׳לע. — קוקט אזוי וויינענד, מילד אויף מיר... הילכיגער, שניידענדער, האָט עס ווידער אָנגעפאַנגען צו זידען.. נאָך שרעקליכער האָט עס גע־קלונגען אין מיינע אויערען — און דער טראָפען בלוט האָט ווידער אָנגעפאַנגען:

„צו 12 יאָהר האָט איהם זיין פאָטער מיט דער הילפע פון גוטע רעקאָמענדאַציאָנען אריינגעבראַכט אין א טינט פעקטאָרי... ערשט יעצט האָבען זיך אָנגעפאַנגען זיינע צרות. איינגעשפאַרט אין א פערפעסטעטע לופט, אונטער דער אויפזיכט פון א ברוטאַלען פאָרמאַן, פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאַכט, האָט ער מיט זיין שוואַכען קערפער געמוזט ארבייטען אָהן אָפרוה. אריינצי־הענדיג אין זיך די פערגיפטעטע שטאָפען. לאַנגזאַם, אָבער זיכער, האָט די שעדליכע לופט אונטערגעגראָבען זיין קערפער... שוואַכער און שוואַכער זיינען געוואָרען זיינע אברים. בלאַסער און איינגע־שרומפפטער איז געוואָרען זיין געזיכט. נאָר שטיל. ער האָט גע־שלעפט דעם שווערען יאָך אָהן פראָטעסטען, צוגענומען מיט פער־

ביסענע ליפען די גראבע בעהאנדלונג און אפטע שטוסאקעס פון דעם פארמאן. אויסגעהערט מיט א פערדריקטעם הערץ ווי איינינע פון די ניט ענטוויקעלטע ארבייטער פלעגען זיך וויצלען איבער זיין שוואכען קערפערל.

„שטונדען לאנג פלעגט ער אין דער שטיל, ווען קיינער האט ניט געזעהען, פערגאסען בלוטיגע טרערען אויף דעם שיקזאל פון זיינע ארימע עלטערן, אויף דעם שיקזאל פון דער גרויסער ליידענ־דער מאסע ארום איהם, וועלכע ער האט זיך אויסגעלערנט ליעב האבען. די אימער פלאגענדע געדאנקען און זארגען פיר דעם שטי־קעל ברויט האבען זיין שארפען גייסט און שטארקע דיינקונגס־קראפט ענטוויקעלט אין איין ריכטונג און טראץ דעם וואס ער האט קיינע בילדונג גענאסען פלעגט ער פילאזאפיש דענקען איבער די אונגערעכטיגקייטען פון דער וועלט. ביי נאכט פלעגט ער זיך ווארפען פון זייט אויף זייט זוכען ערקלערען דעם שווערען רעטהע־ניש פון דעם פינסטערען לעבען. צו א וואס די גאנצע פראצעסיאן? געבארען, געליטען, געשטריטען, געקעמפפט און געשטארבען!... צו וואס, ווען דער לעבען איז אזוי קורץ? ווען ער האט אין זיך אזוי פיעל גיפט, און עס איז אזוי שווער איבערצוטראגען די פירכטער־ליכע ליידען! צו וואס? ווען דאס לעבען איז אזוי ארעם אין גליק?“...

נאך העכער, נאך ראשער האט דער טראפען געזאדען... איך בין געזעסען מיט קראמפפהאפטע צוזאמענגעדריקטע פויסטען און האב זיך צוגעהערט...

„שווער און לאנגזאם האט זיך געצויגען א טאג נאך א טאג. ער האט גענומען פיהלען, דאס זיינע כחות פערלאזען איהם, דאס זיין ענדע וועט באלד קומען, דאס זיין עלענדעס לעבען איז שוין ניט ווייט פון די טרעפען פון דעם קבר. איהם האט עס ניט געקימערט. נור די שוואכע עלטערן, די ליידענדע מאסע — וועגען זיי האט ער געטראכט... און זייערע צרות האבען פערביטערט זיינע לעצטע שטונדען...

און אזוי איז די צייט געגאנגען איהר וועג, עווינ די עקעלהאפ־טע ארבייט צו פיללען די באטעלאך מיט טינט. אין יעדען טינטער האט ער איין טראפען פון זיין בלוט ארייננעמישט... גייט, איהר טראפענס בלוט, אין די טינטערס. גייט!... זאלען די גוטע זעעלען, וועלכע וועלען זיך געהמען די אויפגאבע צו וועקען דעם ליידענדען שקלאף צו זיין בעפרייאונג, שרייבען מיט מיין בלוט. ווען איך האב

אין מיין קורצען לעבענס־וועג ניט געקענט העלפען די ליידענדע שקלאפען,, ווען איך האב אין פערלויף פון מיין עלענדען עקזיסטענץ ניט געקענט טהון מיין פליכט, און יעצט, ווען איך בין געקומען צום בעוואוסטזיין איז שוין צו שפעט, טא זאל כאטש מיין בלוט פער־ברויכט ווערען פיר דער הייליגער אויפגאבע פון אויפקלערונג, פיר דעם וועק־רוף צו אלע ליידענדע צו בעפרייען זיך!

„אזוי האט זיין עדלעס הערץ געפיהלט, און טראפען ביי טראפען האט ער פון זיין בלוט געגאסען אין די טינטערס... שוואַ־כער איז געווארען זיין קערפער, בלאס, מיט א געלקייט איז זיין הויט בעצויגען געווארען, די טראפענס האבען זיך ביסלעכווייז אויסגענומען. נור איך האב נאך מיין פאסטען ניט פערלאזען; אזוי ווי א טרייער פאטריאט וויל ניט פערלאזען ביז ענדע דאס שלאכט־פעלד, אזוי בין איך נאך ארומגעלאפען אין דעם צובראכענעם קערפער. איין פערוויסטונגס־פעלד איז דאס געוועזען... זיין גאנצער קערפער האט אויסגעזעהען ווי א רואינירטעס לאנד נאך א שרעק־ליכען בלוטיגען קריעג. א פוסטקייט, א לעערקייט, א חורבן איז געוועזען אין דעם קערפער... קיין איין גאנצער אבר. צומאלען, צוברע־קעלט, פערפוילט.

„און מיט א שרעקליכע קללה אויף זיינע בלאסע טרוקענע ליפען האט ער מיך, זיין לעצטען טראפען בלוט, אריינגעגאסען אין דעם טינטער. געה, דו לעצטער טראפען בלוט, דו האסט דורכגע־לעבט אין מיר די גאנצע צייט פון מיין פלאגענדען לעבען... דו האסט בייגעוואהנט אלע יסורים און ערנידערונגען, דו האסט גע־פיהלט ווי מיין הערץ האט געבלוטעט אויף די גרויזאמע ליידען פון מיין קלאס... געה, און זאל דיין שטימע געהערט ווערען... געה און פלוך די רויבער־באנדע, וועלכע זיצט אזוי ווי א שרעקליכע פיאווקע אויף דעם קארק פון די מיליאנען שקלאפען... ברייננ זייער סיסטעם א פלוך, וועלכער זאל איהם אפשטעלען און מאכען זיין גיפטיגען אטהעם אויסהויכען. און דאן וועסט דו האבען ערפילט די הייליגע מיסיאן וועלכע איך גיב דיר איבער... געה... און בריינג דער מענש־הייט גליק!“

דער זשומען און זידען פון דעם טראפען בלוט איז שטיל גע־ווארען... די לבנה האט זיך געזעצט אין מערב זייט, און דער מארגענ־שטערן האט זיך געצייגט אויף דעם קלארען הימעל. דאס ווינטעלע האט געבלאזען מיט א ליעבליכע ווארימקייט.

עס האָט זיך שוין געהערט דאָס ריהרען פון די מענשען צו דעם אַלטעגליכען לעבען, צו דער יאָגענעס נאָך ברויט... און איך בין נאָך אַלץ געזעסען מיט מיין בליק איינגעגעסען אין דעם טרוקען, רויטען, בלוטיגען פלעק.

צו בעדויערען אדער צו פעראכטען?

זי איז געווען אַ שיינע יונגע פרוי, מיטעלוואוקס, איין ליעב־ליכער, אָנציהענדער רונדער געזיכט, אויף וועלכען עס פלעגט אימער שפיעלען אַ צויבערליכע ראָזע פאַרב. שיינע, גרויסע, קלוגע אויגען, בעפוצט מיט גרויסע, שווארצע, גלאַטע ברעמען. אַ וואונדערשיינעס קאָפּ בעפוצט מיט אַ געדיכטען וואלד פון לאַנגע שווארצע האָר, וועלכע האָבען דאָס געזיכט ווי איינגעפריימט אין אַ שעהנער רע־מעל... שיינע, רויטע ליפען, און ווען זי פלעגט זיי עפענען, האָבען זיך ארויסגעזעהען צוויי רייהען פון פערעלדיגע, שניי־ווייסע ציינער. אַ שיינעם אַלבאַסטער־ווייסען האלז, וועלכער האָט אָנגעצייגט אויף אַ קונסטפאָל־רייצענדען קערפער. זי איז געווען פון אַ רייכער פאָטישער, ליידענשאַפטליכער נאַטור. איהרע בעוועגונגען זיינען געווען לייכט, צויבערליך פריי.

זי האָט געוואָלט לעבען און געניסען. זי האָט ליעב געהאַט שיינע געזעלשאַפטען; זי האָט געוואָלט לערנען, פערשטעהן. עס האָט איהר געצויגען ערגעץ ווייט... ווייט... אונבעוואוסט וואָהין. איהר ליידענשאַפטליכער גייסט האָט געפאָדערט אַ האַרץ פול מיט לעבען.

* * *

ער איז געווען אַ קריינקליכער, אַ פוילער מענש. זיין טרויעריגע געזיכט איז געווען בעצויגען מיט איין אַנטיפאַטישע געלקייט, און האָט אָנגעצייגט אויף אַ קרענקליכען קערפער.... צוויי קליינע סאַרע אויגען, אָהן לעבען, אַ מענש, וועלכענס קערפער האָט בעשטעטיגט אויף אַ געהיימניספאָלען קריפּעל — אַ קריפּעל אין קערפער ווי אין גייסט.

אין אַבגעזונדערטער מענש, האָט פיינט געהאַט געזעלשאַפ־טען. די גרויסע וועלט, אין וועלכער ער לעבט, געהט ניט ווייטער ווי ער און זיין הויז... די פראַגען פון דער וועלט זיינען ביי איהם אין דער פאָרם „האָבען אַלע און אַלעס אין דר'ערד" און מאַכען געלד. אַ ריכטיגער געלד־גייץ. אין זיינע פרייע שטונדען איז זיין ליעבלינגס־ארבייט געווען צו זיצען און ציילען דאָס פערדינטע געלד... שרייבען די טרוקענע ציפער און כפל'ען. קיינע אידעען, קיינע פראַגען, ווייט פון דער מענשהייט אַליין...

און ער איז איהר געזעצליכער מאַן...

זי פיהלט זיך אומגליקליך. זייערע נאַטורען זיינען ענטגעגענ־געזעצטע. זי איז פול מיט לעבען. ער מיט פוילקייט. זי זוכט אויפ־קלערונג, ליכט. ער זוכט גאָר ניט ערהאַבענעס. זי וויל לעבען אין געזעלשאַפט; ער אין איינזאַמקייט. און זי ליידעט, עס פוילט איהר עדעלעס הערץ. זי מוז זיינע קאַפּריזען, זיינע בעפעהלע געהאָרכען, אויספאָלגען — דען זי איז דאָך זיינע... ער האָט דאָך אַ „ביעל אָון סייל" אויף איהר... זי איז דאָך זיין פּריוואַט אייגענטהום...

אימער זעהט זי פאַר זיך זיין קאַלטען טרוקענעם געזיכט, די צופוילטקייט פון זיין קערפּער, און זי קעמפפט מיט איהר געדאַנקען, מיט איהר ליידענשאַפטליכער נאַטור, פערשטיקט אין זיך איהר גע־פיהלפאָלעס הערץ... ליידעט און שווייגט...

יאָהר נאָך יאָהר איז פאַרבייגעגאַנגען, און צום טראָץ וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט גענוג געלד, צום טראָץ וואָס זיי זיינען געוואָרען וואָהלהאַבענד, פיהלט זי זיך דענאָך אומגליקליך... זייענ־דיג פערזאָרגט מיט די מאַטעריעלע זייט פון דאָס לעבען, האָבענדיג אַ זאַטען מאָגען, ניט האָבענדיג קיין מורא פאַר דעם מאָרגען, פיהלט זי נאָך מעהר איהר גרויסען פיין...

און אַזוי ווי אַ געפאַנגענע פויגעלע, וועלכע איז פערזאָרגט אין דער גאָלדענער שטייגעלע מיט כל־טוב, ציהט איהר דאָך צו דער פרייער נאַטור, אַזוי איז מיט דיעזער אומגליקליכער פרוי. עס פעהלט איהר דאָס בעסטע, דאָס שעהנסטע, דאָס ערהאַבענסטע — די „פרייהייט".

און די לאַנגע יאָהרען פון ליידען ווירקען און צושטערען איהר געצוואונגענע רוהיגקייט, פון גלייכגילטיגקייט האָט זי איהם אָנגעהויבען האַסען, איהם דעם יעניגען, צו וועלכען זי מוז זיין פער־פליכטעט מיט איהר פרייהייט, וועלכער איז די אורזאַכע פון איהרע

ליידען. עס עקעלט איהר אָב זיין קראַנקער קערפּער. עס עקעלט איהר זיין צוקריפּעלטער גייסט. עס ווערט איהר אַלעס פרעמד און אָבשיילִיךְ, און עס ציהט איהר דאָס הערץ, און עס בייִנקט זיך, און עס ווילט זיך לעבען, געניסען פון דעם בעכער דער ריינער ליעבע...

* *

*

זי האָט „איהם" בעגעגענט ביי אַ בעקאַנטער. ער וואַר פון שיינעם וואוקס, בלויע טרוימערישע אויגען, אַ שעהנע אינטעליגענטע געזיכט, אויף וועלכען עס איז געלעגען צוגאָסען אַן אַנגענעהמע ליעבליכקייט.

זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט. איין בליק, איין דורכדרינגענדער בליק, און זייער פריינדשאַפט איז געשלאָסען געוואָרען...

ער האָט גערעדט מיט אַ שעהנער זיס־קלינגענדער שטימע. האָט איהר ערקלערט פון אידעען און פפליכטען, פון דער ליידענדער מענשהייט, און די אומגליקליכע האָט צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען בעגעגענט אַזעלכע שיינע „פיעל־ריידענדע" אויגען, אַזאַ בעגייסטערונג! אַזאַ גרויסע האַרץ מיט אַזוי פיעל ליעבע. צום ערשטען מאָל האָט זי דערהערט פון זאַכען, וועלכע זיינען איהר געוועזען פרעמד, אָבער דאָך צו וועלכע עס האָט איהר אונבעוואוסט געצויגען. און ווי זיס עס קלינגט, ווי שיין און ערהאַבען... פול מיט לעבען און קאַמפּף... מיט ליעבע און האַסס... און עס ציהט איהר צו אַזאַ שטורמישען לעבען.

זיי האָבען זיך געזעגענט מיט אַ פערשפּרעכען ווידער צו זעהן זיך. אַזוי זיינען אַוועק טעג, וואָכען, מאָנאַטען. זיי האָבען ניט געפיהלט ווי דער גאָט „אַמור" וועבט זיינע נעטצען פעסט אַרום זיי. זי האָט ליעב געהאַט הערען זיין זיסע שטימע, זיינע קלוגע אויפקלערונגען, זיין טאַלאַנטפאָלע רעדענס־אַרט. זי האָט ליעב געהאַט אריינצוקוקען אין די בלויע, טרוימערישע, פייעריגע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַ וועלט פול מיט לעבען און ליעבע...

און דער יונגער מאַן איז געוועזען גליקליך. ער האָט ליעב געהאַט דיזע אומגליקליכע געפאַנגענע פויגעלע. ער האָט ליעב געהאַט צו קוקען אויף דעם שיינעם רייצענדען געזיכט, אויף איהרע פוכקע הענט, און די קינסטליך געטאַקטע פינגערלעך... ער האָט ליעב געהאַט דיזע פרוי, וועלכע האָט געוואָלט לעבען, לערנען, קעמפפען

און שטערבען. אימער זיינען זייערע געשפּרעכען געווען פון איין פראגע, די ערלייזונג דער מענשהייט, פון דער צופוילטקייט פון דער יעצטיגער סיסטעמע.

ווער ווייס ווי לאנג זייער צוזאמענטרעפען זיך וואלט געווען א נאאיווער?... אבער דער מאן האט זיך דערוואוסט און האט מעהר ניט געוואלט ליידען. זיין הארץ האט פערדעכטיגט. אויף קיין פלא־טאנישע ליעבע האט ער ניט פערשטאנען. זיין אייפערזוכט האט געברענט און ער האט איהר פערבאטען אליין צו געהן שפּאציערען, אדער צו מאכען וויזיטען. ער האט אנגעשטעלט שפּיאנען צו היטען זי אין הויז. ער אליין האט זי ניט אבגעלאזען אויף א שריט. ער האט מיט חוצפּה געזוכט צו בעליידיגען און ערנידעריגען דעם, וועל־כען זי האט געהאלטען פאר דער ארענטליכקייט אליין. עס האט ניט געהאלפען וואס זי האט איהר מאן ערקלערט דאס זי האט איהם קיינמאל ניט געליעבט, און טראטץ דעם איז זיא ביז יעצט געווען ריין און האט איהר טרייהייט ניט געבראכען, אבער יעצט, ווען עס איז שוין אזוי ווייט געקומען, בעט זי איהם צו פערהיטען אז זי זאל קיין מאראלישען פערברעכען ניט בעגיין... זאל ער זיך שיידען מיט איהר... עס האט ניט געהאלפען איהרע טרערען, איהרע קלאגען.

ער האט זיין אפּפער ניט געוואלט אפּלאזען. זי האט איהם דאן ערקלערט אז ער זאל פערשטעהן, דאס ווען ער וויל זי ניט בעפרייען, זאל ער וויסען, דאס איהר קערפּער איז זיינער, אבער אין גייסט בעלאנגט זי צו יענעם, וועלכער פיהלט... דיינקט מיט איהר...

אבער קיינע ערקלערונגען האבען ניט געהאלפען. ער האט ניט געאכטעט איהרע פערלאנגען, האט זי געשימפּפט, בעליידיגט, זי גע־שראקען, אז ער וועט אין דער עפענטליכקייט ערקלעהרען, דאס זי פיהרט אן אונאנשטענדיגעס לעבען, אום זי זאל ווערען פעראכטעט פון אלע בעקאנטע. א שווערען, ביטערען קאמפּף האט זי געהאט; זי האט שרעקליך געליטען.

אזוי זיינען פאראיבער זעקס מאנאטען. די בלוטיגע אייפער־זיכטיגע הערץ פון איהר מאן האט זיך א ביסעל אבגעקיהלט. ער האט איינגעזעהען דאס ער איז צו־ווייט פערגאנגען. ער האט געזע־הען ווי די בלום ווערט פערוועלקט, רואינירט.

און די אונגליקליכע האט צייט געהאט, אין פערלויף פון זעקס מאנאט, וועלכע זיינען געווען פאר איהר איין עווינקייט, צו

פיהלען און פערשטעהן איהר אומגליק, אויף ווי וויים זי ליעבט דעם פון וועלכען זי איז אזוי גרויזאם אוועקגעריסען.... איהר הארץ האט געצויגען און זי האט געפיהלט דאס זי ווערט צובראכען, צוריסען... דאס איהרע געדאנקען ווערען פערווירט.

און ענדליך, נאך א לאנגען שווערען קאמפף צווישען דער ריינער ליעבע און דער העסליכער פפליכט, האט זי בעשלאסען ווי־ דער זעהען דעם, וועלכען זי ליעבט אזוי הייליג. דורך די מיהע פון איהרע א פריינדין האט זי איהם ווידער געזעהען...

אבער יעצט איז שוין זייער ליעבע געווען די טהעמא פון וואס זיי האבען גערעדט... דער איינדרוק פון זייערע ליידען איז געווען צו שטארק.

יעצט האט זיך געצייגט אין דער ריכטיגער קלאהרהייט דאס זיי ליעבען זיך אונענדליך.

איך וויים ניט אויב נאך יעצט זעהען זיך דיעזע צוויי גוטע זעלען... אויב נאך יעצט קענען זיי האבען די גליקליכע גייסטיגע פערגעניגענס... אויב נאך יעצט קען דיזע אומגליקליכע געניסען פון דער ריינער ליעבע...

דארף מען אבער פעראכטען דיזע פרוי פאר איהר האנדלונג? פערדינט זי אונזער סימפאטיע? איז דיעזע פרוי צו בעדויערען אדער צו פעראכטען?

נײַ יאָהר געדאַנקען

פון אַן אַרבייטער.

אַ שטאַרקער שניידענדער פראָסט לאָזט זיך פיהלען. די קוילען אין אויוועז טליען קוים. עס איז שטיל אין הויז.

די קינדערלאַך, פערפראָרענע, בעהאַלטען אונטער דער אַלטער אויסגעריבענער דעקע, שלאָפען שוין. די פרוי, מיעד פון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט מיט די עופה'לאַך, פון שווערע זאָרג, שלאָפט איין אונרוהיגען שלאָף.

שטיל. נור דער טיקטאַק פון דעם וועק־זייגער הערט זיך, און פון צייט צו צייט — די טריט פון אַ פאַרשפּעטיגטען דורכגעהער.

איך זיץ און קלער; שווערע רעיונות האָבען אָנגעפילט מיין שוואַכען קאָפּ. טרויעריגע הערצרייסענדע בילדער שוועבען דורך אין מיין געדאַנקען.

די לופט אין צימער ווערט קעלטער, דער בייזער פראָסט לאָזט זיך פיהלען און מאָלט שעהנע רייכע בלומען אויף די פענסטער.

דאָס קליינע לעמפּיל לייכט מיט אַ מרה־שחורה'דיגע ליכט און וואַרפט טונקעלע שאָטענס אויף די ווענד.

שאַ... שטיל... נור וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַלען און פייפעריירען? וואָס איז דאָס פאַר אַ גערודער, אַ פריי־דענגעשריי אין די גאַסען? וואָס שרייען דאָס די פּלוצלונג אַריינ־שטראָמענדע מאַסען אין די גאַסען? וואָרום זיינען אויף די יונגע קינדערלאַך אין אַזאַ שפּעטער שטונדע ביי נאַכט אַרויס אין די גאַסען? און עס שיסען קאַנאָנען און עס פליהען ראַקעטען?...

עס איז צוועלף אוהר ביי נאַכט און מען קומט אָנזאָגען דער מענשהייט דאָס דאָס אַלטע יאָהר איז אַוועק און אַ נייעס קומט אָן!...

נו, וואָס איז דאָ פאַר אַ שמחה? וואָס האָט צו בעדייטען די בשורה? ווייסען מיר שוין פאָראויס, אַז דאָס נייע יאָהר וועט

פערלייכטערען דעם ביטערען מזל פון די טויזענדע שקלאפען, וועלכע ציהען דורך זייער לעבענס־וועג אין פינסטערנים און אין נויטה? קענען מיר ווירקליך עבפפאנגען דאס נייע יאהר מיט פרייד?...

אך, ווי עס פערקוועטשט דאס הארץ! וואס פאר איין אומעט עס יאגען ארויף אויף מיר די גרילציגע טרומפייטען, די אויער־רייסענדע פייפערייען! אט הערט זיך איין אומעדיגער, הערצרייסענדער פייף, און עס האלט איהם אונטער דער באס ברומענדיג, אזוי ווי זיי וואלטען קלאגען, בייזערען זיך אויף די נארישע ארימע הונגעריגע מענשעלאך, אויף די דארינקע, בלאסינקע ארבייטער: קינדערלאך די פערפרארענע, וועלכע שרייען, פרייען זיך מיט דער אנקונפט פון דעם נייעם יאהר.

אונגליקליכע פראלעטאריער! קענען אייערע הערצער אנגע־פילט ווערען מיט א האפנונג אז דאס קומענדע יאהר וועט ענדערען אייערע גרויזאמע ליידען?

קענט איהר זיך פרייען, ווען פון אלע ווינקעלעך פון אונזער גאלדענעם לאנד הערען זיך כארען פון אכצען און קרעכצען פון טויזענדע צובראכענע הערצער? קענט איהר זיך פרייען, ווען טוי־זענדע אונגליקליכע היימאטסלאזע וואלגערען זיך אין די לאנגע קאלטע ווינטער־נעכט אונטער דעם פרייען הימעל, ניט האבענדיג קיין שטיקעלע ארט, וואו אוועקצולייגען די שוואכע צובראכענע מידע גליעדער?

קענט איהר זיך פרייען, ווען טויזענדע יונגע בלומען פון דעם ארבייטער׳ס קינדערלאך ווערען פערוועלקט, אויסגעזויגען אין דער פערפעסטעטער לופט פון די פאבריקען, וואו זייער גייסט ווערט פערקריפעלט, די קערפערס רואינירט און זיי שלעפען געהארכזאם דעם לעבען־לאנג די שקלאפען־קייטען?

אך, ווי מיין הערץ בלוטעט אויף אייך...

ווי קען מען עס אלעס צוזעהען, דורכפיהלען און בלייבען רוהיג?

נאך א יאהר איז פערשוואונדען אין דעם תהום פון פערגאנ־גענהייט, ער האט איבערגעלאזט נאך זיך, אויף דעם שלאכטפעלד, א גרויסען בארג פון צוקריפעלטע, צובראכענע רואינירטע קער־פערס.

די גאנצע תוכחה האט ער אויף דער גרויסער ארימער אר־בייטענדער מענשהייט אויסגעאיבט, מיט פייער און וואסער... מיט קאנאנען און שווערדען, מיט הונגער און קעלט. א שרעקליכען חורבן

האָט ער געמאַכט אין די רייהען פון דעם שאַפענדען געדולדזאַמען שקלאַף, טאָ זאָל ער פערשווינדען אין דער פינסטערער העלע!
אָבער דאָס נייע יאָהר בריינגט פאַר אונז נישט קיין פרעהליכעס!...

ווידער דאָס זעלביגע חושך'דיגע לעבען!

ווידער שווערע פראַצע פאַר אַ הונגער־לוין.

ווידער וועט דער גרויזאַמער ווינטער מאַכען פריערען די אברים פון דעם פראָלעטאַריאַט'ס קינדערלאַך.

ווידער דער זעלביגער שוויים און די בלוטיגע טרערען.

אַך, ניט פאַר אונז איז זיך צו פרעהען מיט דער אנקונפט פון דעם נייעם יאָהר. ניט פאַר אונז איז זיך משמח צו זיין מיט די אַלע יאָהרעס־צייטען, דען זיי ענדערען ניט אונזער פינסטערען מזל.

פון קאלעדזש אין משגעים הויז

אסתר'קע האט זיך פויל געצויגען אויף דעם בעטעל, זי האט זיך געפיהלט אזוי מיעד, אזוי צובראכען.

דער פריה־מארגען איז געווען א פייכטער, דער הימעל איז גע־ווען בעצויגען מיט שווארצע געדיכטע וואלקענס, און א דראבנער רעגענדיל האט אהנע אויפהער געטריפט.

די טראפענס רעגען האבען געקלאפט אין די שויבען פון איהר צימער אזוי ווי זיי וואלטען זי וועקען, און רופען צו דער ארבייט. זי ליעגט מיעד און ציהט זיך פויל, זי וואלט געוואלט אט אזוי ליע־גען לאנג, זעהר לאנג.

זי איז אזוי מיעד פון דעם לעבען, אלעם גוטעם, אלעם בליה־ענדעם האט זי שוין געלאזען אין דעם שאפ, זי האסט דעם שאפ, די ארבייט ; איהר נשמה ציהט צו א הערליכען, עדעלערען לעבע.. אבער די נאקעטע ווירקליכקייט וועקט זי אויף פון איהרע טרוימען.

פון צווייטען צימער טראגען זיך צו צו איהר, קלאנגען פון איהר שוועסטער'ס טענות : פאר־וואס מען גיט נאך אזוי פיעל איהר אסתר'קען.

— דענקסטו, מאמעצקע, — רעדט הארציג איהר שוועסטער,
— דיינקסטו אז איך וואלט אויך ניט געוואלט זיין א געבילדעטע? דיינקסטו אז איך האב אויך ניט אזעלכע שטרעבונגען ווי אסתר'קע, צו שטודירען, געהן אין קאללעדזש, אבער איך זעה די אומשטענדען זיינען ניט גינסטיג און איך האב זיך צוגעפאסט צו דעם לעבען, איהר פיהרט איבער אסתר'קע מיט דעם וואס איהר דריקט אויס אזוי פיעל סימפאטהיע צו איהרע קאפריזען.

אסתר'קע הערט די טענות און איהר הארץ ווערט צוריסען פון וועה, זי האט רחמנות אויף איהר שוועסטעריל, וועלכע ארבייט

שוועד און בערויעדט איהר שיקזאל, אָבער עס שניידט איהר ווי מע־סערס די אייביגע טענות דאָס אסתר׳קע איז קאַפּריזנע.

— זי פאַרשטעהט מיך ניט, זי פאַרשטעהט מיך ניט — מור־מעלט זי צו זיך אַליין.

אַ פאַרמאַטערטע האָט זי זיך אַרויסגעריסען פון איהר געלע־גער און האָט זיך פויל אָנגעצויגען.

אין צווייטען צימער האָט זי געטראָפען די קאַפע פאַרטיג פאַר איהר, און ניט־ווילענדיג צייגען דער מוטער, וואָס פאַר אַ ווערמאָג עס פילט אין איהר נשמה, טרינקט זי איבער־געוואלד די קאַפע און איילט זיך פאַרלאָזען די הויז.

עס רוישען און זשומען די מאַשינען, עס קלינגען געשרייען, געלעכטערס פון די ארבייטער, אָבער די געפילדערס או קלאַפעריי פו די מאַשינען זיינען שטאַרקער או דאָס מענשליכע געלעכטער ווערט דערטרונקען אין דעם כאָאָס...

אסתר׳קע זיצט ביי דער מאַשינקע, ביי דער קאַלטער געפיהלאָ־זער מאַשין, וועלכע ווערט אָבער ווי לעבעדיג ווען מענשליכע כוחות און שכל קומען אין באַריהרונג מיט איהר.

זי זיצט און אין איהר מוח טומעלט, שוין פיעלע מאָהל האָט זי בעשלאָסען אויפגעבען די געדאַנקען וועגען לערנען — און זיך צו געוואָהנען צו דער ארבייט, צו דיעזען אַרט לעבען אָבער זי קען ניט, זי פיהלט זיך פרעמד אין שאַפּ, און די ארבייט עקעלט איהר, עס איז נישטאָ אין איהר קיין זיסקייט, קיין האַרציגקייט...

ניין זי קען זיך ניט צו פּאַסען צו דעם לעבען. ניין זי קען ניט זיצען און פערוועלקען אין דיעזען גיהנום.

איהר וואונש איז בעפרייען זיך פון דיעזען מאַנאַטאַנעם לע־בען, אין אַ בלומען רייך פּאַעטישער וועלט וויל זי לעבען. זי וויל, זי מוז פאַרטזעצען איהר שטודיום, איהר לערנען.

אַט מיט אַזעלכע מחשבות פלעגט זי זיצען ביי דער ארבייט.

אין דער היים אבענד ווען זי האָט געזעהען די פרייליכע גע־זיכטער פון איהר שוועסטער און ברודער אָדער האָט געהערט ווי זיי האָבען זיך בעריהמט פיעל זיי האָבען פאַרדינט, פלעגט עס איהר הערצליך פאַרדריסען — עס האָט זיך איהר אימער אויסגעדוכט אז זיי טהוען עס אויף צו להכעים אום איהר צו רייצען — און אַ וויל־דער צאַרען פלעגט אָן פיהלען איהר אָרימע זעעלע — אָבער ווי אי־בער געוואלד פלעגט זי זיך בעהערשען, און פלעגט דערשטיקען איה־רע וואונדען טיעף אין איהר האַרצען.

א פאַראומערטע געהט אסתר'קע ארום אין צימער און רעדט האַרציג צו זיך...

אך דער שאַפּ... דער שאַפּ... איך קען עס דאָך ניט אריבער טראָגען, איך קען דאָך זיך ניט איינלעבען מיט דעם געדאַנק, דאָס איך זאָל מוזען אָבפינסטערען מיינע יאָהרען ביי דיעזער נודנער אר־ בייט.

אך ניין! ניין! פלעגט זי אויסשרייען מיט טרערען אין איהר שטימע, איך מוז זיך ארויסרייסען פון דיעזען לעבען. — לערנען וויל איך, מוז איך, שטודירען, אין קאָללעדזש וועל איך זיין, צו א גרע־ סערען הערליכערען ציעל איזם לעבען וויל איך שטרעבען.

יעדען אבענד אזוי שנעל ווי אסתר'קע ווערט פארטיג מיט דעם סאַפּיר, פארשפּאַרט זי זיך אין פראָנט רום און לערענט, און שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, ווען דער טאַטע אָדער מאַמע כאַפּען זיך אויף טרעפען זיי נאָך אסתר'קען איבער די ביכער, און מיט גוואַלד צווינגען זיי זי געהן שלאָפען.

אויף מאָרגען איז אסתר'קע ניט אויסגעשלאָפען, מיעד און נער־ וועז, און די אנשטריינגונג ברעכט איהר קערפער, זי פארלירט בים־ לאָך וויין די פארב פון איהר געזיכט, און פון צופיעל לעזען ווערען איהרע אויגען ענטצינדען.

נייע צרות, נייע לייד פאר די אָרימע עלטערן, און ווען אין א קורצער צייט ווערען איהרע אויגען בעסער, פאָלגט זי ניט די געבעט און פאָדערונג פון די עלטערען ניט צו לעזען אזוי פיעל, נאָר מיט מעהר חשק כאַפּט זי זיך צו צום לערנען אין איהרע ביכער.

עס העלפט ניט דאָס וויינען פון דער מאַמען, דאָס בייזערען זיך פון דעם טאַטען, ניין, זי קען ניט — די ביכער זיינען די איינציגע קוועלע פון איהר פארגעניגען.

ניין! ניין טהייערינקע, פאַלט זי דער וויינענדער מאַמען אויף דער האַלז, דו פארשטעהסט מיך ניט, מיינע ביכער זיינען די איינצי־ גע ליכטיגע שטראַהלען אין מיין לעבען, איך מוז לערנען, שטודירען, און ווי צום שנעלסטען ארויסרייסען זיך פון שאַפּ... פון דעם גיהנם...

דער טאַטע מיט דער צובראָכענער מאַמען מוזען זיך אונטער־ געבען, זיי קענען ניט רויבען פון איהר דעם איינציגען פארגעניגען.

אָבער אסתר'קעס אויגען ווערען נאָך מעהר ענטצינדען און די דאָקטוירים האָבען איהר שטריינג פערבאָטען צו לעזען, שרייבען און ארבייטען.

*

א שרעקליכער קלאפ איז עס געווען פאר דער ליידענדער פא־מיליע.

אסתר'קע זיצט גאנצע טעג ווי א שטומע, א שווערע טיעפע מעלאנכאליע האט זי ארום געכאפט — זי זיצט א בלאסע מיט צו־ווייטאגטע, צינטער רויטע אויגען אזוי ווי א פארשטיינערטע. עס העלפט ניט די הארציגע טענות פון טאטע מאמע — זייער בעטען זיך ביי איהר ניט צו זיין אזוי פארצווייפעלט.

א טיעפע מרה שחורה רינגעלט אסתר'קען פעסטער און פעסטער ארום, איהרע רויט אויגען בלאנדזשען, איהר געזיכט ווערט זוי פאר־טרונקען פון א שווערען אומעטה און זיפצען הארציגע קלינגען אין די צימערען.

אלעס, אלעס האט זיך פערשוואוערען געגען איהר, טענה'ט זיא, זי וועט עס ניט איבערלעבען, איהר מארך קעהרט זיך ביי איהר אין מוח, זי האט דאך געקענט אין דריי וואכען ארום האלטען, עקזאמען און זי איז זיכער מיט א גוטען רעזולטאט און יעצט וואס וועט ווערען פון איהר גאנצע אונערמיעדליכער ארבייט.

קיין שום זאך קען אסתר'קען ניט צערשטרייען, אונאויפהערענד קלאגט זי אויף איהר שיקזאל. און ווען די עלטערן פערקוקען זיך כאפט זי זיך צו, צו די ביכער, עסט זיך איין אין זיי מיט איהרע רויטע צו־וואונדעטע אויגען, אבער באלד דערפיהלט זי א שרעקליכען ברענענדען שמערץ, איהרע אויגען ווערען פערגאסען מיט בלוטיגע טרערען, און זי ברעכט צוזאמען איבער דעם בוך.

און דער טאטע, מאמע זעהען ווי זייער אוצר, זייער נחת געהט איין, זיי זעהען ווי עס צאנקט דאס לעבען פון זייער נשמה און זיי קענען ניט העלפען, זיי האבען נאר צוריסענע הערצער און ים'ען מיט טרעהרען....

און עס האט פאסירט דאס וואס זיי האבען ניט ערוואַרטעט.

זיצענדיג ביי דעם טיש, עסענדיג סאפער, איז אסתר'קע אויפ־געשפרונגען, מיט א פלאמענד רויטען געזיכט, מיט ווילד ברענענדע אויגען, האט זי געכאפט א מעסער אין האנד און האט מיט א פרמ־דע שטימע צו זיי אויסגעשריען. ווארום קוקט איהר ווי מען מוט־שעט מיך?! ווארום שוויגט איהר?! — ביז ווי לאנג וועט איהר ציהען די מארך פון מיין קערפער!?... אט זעהט! ער געהט שוין!... ער וויל מיין הארץ!... חא הא, הא הא,... האט זי אויסגעשריען אין א ווילדען געלעכטער און האט א וואָרף געטאָהן דעם מעסער צו דער טיהר... אט אזוי.. הא־הא.. הא.. גוט געטראפען.. שטארב דו בלוט־

דורסטיגע חיה וועלכע זויגט די בלוט פון טויזענדע אָפּפער!.. און פלוצלונג איז זי מאַכטלאָז א פאַל געטאָהן אויף דעם טיש...

דער אַלטער צוּבראָכענער גרייז גראָהער טאטע איז געבליעבען ווי פערשטיינערט פון וויי... די אָרימע אונגליקליכע מאַמע האָט אויסגעבראָכען אין א הארץ רייסענדע געוויין, און האָט געריסען איהרע גראָהע האָר פון קאָפּ, שוועסטער און ברודער האָבען זיך א וואָרף געטאָהן צו אסתרקען, אָבער זיינען ווי פאַראַליזירט געוואָרען פון איהר ווילדען בליק...

שכנים האָבען דערהערט דעם רעש, מען האָט געשיקט נאָך אַן אמבולאַנס...

דער אלטער איז נאָך אַלץ געשטאנען ווי פערגליווערט... זיין הארץ איז ווי אָפּגעשטאָרבען... דער ברודער און שוועסטען זיינען געפאַלען איינער דעם צווייטען אויף דעם האלז מיט א שרעקליכען יאָמער.

און די אָרימע אומגליקליכע צובראָכענע מאמע האָט זיך א לאָז געטהאָן צו די דאָקטוירים מיט א ניט מענשליכען קול...

מיין אסתר׳קע!... גזלנים!... מיין קינד!... און איז געפאלען בעוואוסטלאָז צום באָדען.

אסתר׳קע האָט מיט גלעזערנע אויגען געקוקט פאר זיך, האָט זיך געלאָזט פיהרען פון די אמבולאנס דאָקטוירים, און האָט געלאכט.. חא־חא... חא־חא....

א חלום.

א גאַנצען טאָג האָט די זונן געברענט ווי א גליהענדער פייער. די גרויסע געביידען, די שטיינערנע טראָטואַרען און די ברוקירטע סטריטען זיינען געווען אָנגעגליהט און האָבען פון זיך אָבגעשלאָגען א העלישע היץ, וואָס האָט בעשאַפען א קוואַלפּאַלע, שטיקענדע, פערפעסטעטע לופט. די גאַנצע מענשהייט האָט שווער געאָטהעמט, האָט געהאָט א שוויס־באָד. מיט אונגעדולד האָט מען געוואַרט אויף דעם אבענד, וועלכער וועט אפשר עטוואָס לינדערען די ברענענדע שרעקליכע היטץ, געהאָפט אויף א פארנאַכט, ווען א שטילינקער פריי־שינקער ווינטעלע בלאָזט אזוי ווי מיט ליעבע און גלעט די פון שוויס נאַסע געזיכטער פון די ליידענדע...

די זון, פייעריג רויט, האָט זיך ענדליך אראָפּגעלאָזען אין מערב זייט. דער הימעל איז ריין מיט בלויער פארב בעצויגען, ער־טערוויז מיט בלוט־רויטע פלעקען.

די גרויסע שווערע טהירען פון די פאבריקען האָבען זיך גע־עפענט און אָנגעפאַנגען אויסשפייען זייערע אויסגעזויגטע אָפּפערס... אָפּגעמאַטערטע, שוואַכע פון א גאַנצען אונערטרעגליכען טאָג ארבייט אונטער אזא ברענענד־שטיקענדער היטץ אין דעם גיהנום פון א שאַפּ־אַטמאָספערע, האָבען זיך די ארבייטער געצויגען אין א לאַנגע רייהע. איינגעבויגענע, מיט לאַנגזאַמע טריט האָבען זיך קאַפּיטאַלס־קרבנות געצויגען אזוי ווי א פראָצעסיאָן פון טויטע. זיי זיינען גע־גאַנגען אָפּרוהען עטוואָס די פערשוואַכטע, צובראָכענע גליעדער און זאַמלען קרעפטען פאַר דעם נעכסטען טאָג צו ציהען דעם שווע־רען יאָך...

איך בין געווען איינער פון דער לאַנגער פּראָצעסיאָן. מיט יעדען טריט האָב איך זיך געשלעפּט איבער די געפאַקטע סייד־

וואָקס און מיין האָפנונגסלאָזער בליק איז געפאַלן אויף דער אונ־ענדליכער לאַנגער רייהע פון דער שקלאַפענדער מאַסע, אויף די שוואַכע, אָפגעצערטע, פאַר דער צייט געעלטערטע געזיכטער, אויף די טיעפע קנייטשען, וועלכע האָבען זיך אויסגעלעגט אויף די בלאַסע שטערינס, אויף די טיעף־זיצענדע אויגען, וועלכע האָבען געגלאָצט סתם אין דער וועלט אריין... איך האָב געקוקט אויף דער גרויסער מאַסע רואינירטע, צוקריפעלטע קערפערס, און מיין הערץ האָט מיר אזוי שמערצפאַל געצופט, געריסען, און עס האָט אזוי שניידענד געוויינט אויף דעם אונענדליך גרויסען גרויזאַמען שמערץ פון דעם אונוויסענדען פראָלעטאַריאַט...

שווערע געדאַנקען האָבען זיך געפלאָנטערט אין מיין מח... שרעקליכע פעסימיסטישע פראַגען האָבען מיך ניט געלאָזט רוהען... ווען וועט די מאַסע פון איהרע ליידען ערלייזט ווערען? ווען וועט זי קומען צום בעוואוסטזיין, דאָס גאָר זי איז בערעכטיגט צו געניסען פון דער פרוכט פון איהר ארבייט? ווען קען זי לערנען פערשטעהן איהרע אינטערעסען, ווען זי איז אזוי צובראָכען און איהר גייסט איז שטומפּ? ווען? אך ווען?

ווי וואָלט איך וועלען אריינקוקען אין דער פינסטערער צו־קונפט... זעהען וואָס עס ערוואַרטעט דיעזע גרויסע ליידענדע מענש־הייט. ווי שווארץ די צוקונפט זאָל ניט זיין, וואָס פאַר א ביטערער שיקזאל עס זאָל אונז אין איהר ניט ערוואַרטען, דאָך אָבער, ווען מיר וואָלטען געקענט אריינקוקען אין איהר און געווען בעוואוסט פון אונזער שיקזאל, אונזערע יסורים וואָלטען געווען פיעל קלענער... דער זיין ווי אונטער א שלייער, צו זוכען אין דער פינסטער — דאָס מאַכט די ליידען פיעל שווערער...

אָט מיט אזעלכע געדאַנקען בין איך לאַנגזאַם געגאַנגען פאָר־ווערטס, און אַלץ נייע געזיכטער האָט מיין בליק אָנגעטראָפען, די פּראָצעסיאָן איז געווען אונענדליך לאַנג. יונגע און אַלטע, פרויען ווי קינדער, אַלע מיט פערטריקענטע ליפען, מיט בלאַסע איינגעשרומ־פענע געזיכטער, מיט אויסגעלאָשענע בליקען, און ווען פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט א געלעכטער, האָט עס אין דיעזער טרויערי־גער שטונדע אָפּגעקלונגען ווי א טייפעלס געלעכטער, וועלכער לאַכט זיך אויס פון די גרויזאַמע ליידען פון דער פערשקלאַפטער מענש־הייט, און נאָך מעהר האָט עס מיין הערץ פערדריקט, א שווערען אומעט האָבען דיעזע געלעכטערס ארויפגעיאָגט אויף מיר... ניין!

ניין! דאָס זיינען ניט געווען פרייע, גליקליכע, צופרידענע געלעכ־טערס; דאָס זיינען געווען געלעכטערס, אין וועלכע איך האָב גע־הערט ימים שמערצען, מאַטיוועו, וועלכע האָבען מיט אזוי פיעל טרויער, מיט א הערצענס־יאָמער, אַפּגעקלונגען אין דער לופטען, און האָבען זיך פונאנדער געטראָגען איבער דער גרויסער וועלט...

און ווידער מוטשען מיך פראגען... וואָרום איז עס? דער גע־לעכטער, דער אויסדרוק פון גליק און צופרידענהייט, אזא רייכע גע־שאַנג פון דער נאטור, און אויך דיעזע מתנה פערגיפטעט! און אויך אין דיעזען געטליכען געשאַנק פיהלט זיך די גרויסע ביטערקייט! אך, זאָגט מיר, ביז ווי לאנג וועט מיך דיעזער טרויעריגער געלעכ־טער אזוי פלאָגען? ביז ווי לאנג וועט מיין בליק בעגעגענען אזעלכע יונגע בלומען פאר דער צייט אָבגעפליקטע, אויסגעדריקטע און צו־טראָטענע?... ביז ווי לאנג וועט דער בלינדער שלעפען געהאָרכזאם דעם שקלאַפען־יאָך!... אך, ביז ווי לאנג?

און פלוצלונג האָב איך דערהערט א גאנצען ארקעסטער מוזיק שפיעלען... אזוי טרויעריג־זיס, אזא הימלישען מאָטיוו... ס'האָט זיך געהערט אין די טענער אן אויפמונטערונג, א האָפנונג... ס'האָט אזוי ווי דערצעהלט פון העלדען, וועלכע האָבען געליטען, געקעמפפט און געזיעגט... אָט ציהען זיך טרעלען טענער פיאניסימאָ, אזוי ווייך גלעטענד; עס הערט זיך, ווי זיי ציטערען און אזוי ווי זיי וואָלטען וויינען, זיך בעטען... און פלוצלונג כאַפּט עס אונטער דער טענאָר אזוי ווי אָנווערענדיג די געדולד צום ווארטען, פאָדערט עס זיינע רעכטע... און אָט הערט זיך א צוזאמענגוס פון פערשיעדענע טענער, ראכע, קאַמפפס־ און טריומפירענדע טענער... און אין דיעזען מבול פון געטליכע טענער הער איך א שטימע וועלכע קלינגט אזוי צאַרט, אזוי זיס און געטליך... זי רופט און זי מונטערט: „מאַן! זיי ניט פערצווייפעלט. ניט מיט וויינען און ניט מיט זיפצען קענסטו ליג־דערן די ליידען... ניט מיט מוטשען זיך מיט אונענדליכע פראגען וועסטו העלפען בעפרייען דעם אונגליקליכען שקלאַף... ניין! זיי א מאַן, קוק מיט אָפענע אונערשראָקענע בליקען די געפאהר אין גע־זיכט, נעהם אין דיין האנד דעם בוך פון אויפלעהרונג און ליכט און געה אין די פינסטערע העלען פון דעם פראָלעטאריאַטס קברים, קוק ניט אויף די שמערצען, וואָס דיר וועט אויסקומען אויסצושטעהן... זאָלען דיך ניט אָבהאלטען אפילו די גרויזאמסטע ליידען... געה צו די בלינדע, ברייננ זיי ליכט, ווייז זיי דעם וועג און ווען א יעדער

פון איך, די וועלכע מוטשען זיך מיט אונאויפגעקלעהרטע פראגען, די יעניגע וועלכע גריבלען זיך אין דער פינסטערער צוקונפט, וועלען זיך נעהמען מיט מוטה צו א מעהר ערפאלגרייכע ארבייט, ווען יעדער פון אייך וועט אויפאפפערען זיין „איך" און וועט ניט אכטען אויף די שטיינער, וועלכע וועלען געשליידערט ווערען אין איהם פון דיזער בלינדער מאסע צו וועלכע איהר קומט מיט ליעבע און אויפקלעהרונג — דאן וועט שלאגען די לעצטע שטונדע פון דער אונגערעכטער געזעלשאפט און די ליידענדע מענשהייט וועט טריומפירען...

א טרייסעל האט מיך אויפגעוועקט, און ווען איך האב זיך א ביסעל דורכגעריבען די אויגען און בין געקומען צו זיך פון דעם זיסען חלום, האב איך געהערט ווי מיין פרוי בייזערט זיך:

„א מענש זאל האבען א נאטור, נאר צו גריבלען זיך אין די ביכער... געקומען מיעד פון דער ארבייט געהט מען אין בעד־רום און מען מאכט זיך בעקוועמער. האסט געהערט, וואס פאר א ברומען ער האט עס אנגעגעבען, אזוי ווי ער וואלט געפיהרט קריעג מיט דער גאנצער וועלט!

די לעצטע ווערטער האב איך קוים געהערט. איך בין פערשלאפען אוועק אין בעד־רום מאכען זיך בעקוועמער. די לופט איז געוועז שטיקענד... די האלבע לבנה האט טרויעריג אראבגעקוקט אויף אונזער נאריש וועלטיל... ערטערווייז האבען זיך אויף דעם הימעל געצייגט פאסען פון געדיכטע שווארצע וואלקענס, אזוי ווי זיי וואלטען בריינגען דער אין שוויים איינגעטונקטער מענשהייט א בשורה, דאס א רעגען וועט קומען א ביסעל אבפרישען די שטיקענדע געפרעסטע לופט... איך האב זיך אויסגעצויגען אויף מיין בעטעל. אין מיינע אויערען האט געקלונגען די געהיימניספאלע זיסע ענגעלשטימען... און איך האב טיעף געזיפצט....

א חלום, א זיסער חלום.

בין איך משוגע?

איהר לאכט פון מיר? משוגע זאגט איהר?

און איך זאג אייך, דאס די גרויסע, רייכע „ציוויליזאציאן" עקעלט מיך און יאגט אויף מיר א שרעק ארויף... עס שווידערט מיר פאר אייער „ציוויליזאציאן"; איך פיהל ווי דורך מיין קערפער וואלט מען דורכגעלאזען שניידענד־קאלטע שטראמען פון אייז־וואסער, ווען איך זעה די רעזולטאטען וואס אייער ציוויליזאציאן ברייגנט מיט זיך.

„ציוויליזאציאן"... אך, ווי שעהן עס קלינגט, און דאך ווי אב־שייליך! משוגע בין איך?

בעטראכט איהרע גרויזאמקייטען, קוקט זיך צו, פיהלט עס דורך מיט אייער פיהלענדעס הערץ און זאגט, דאס איך בין משוגע... זאגט, דאס איהר זייט שטאלץ אויף אייער „שעהנער, ערהאבענער ציוויליזאציאן"...

בין איך משוגע?

הער איך דען ניט גאנצע ארקעסטרען פון אכצען און קרעכצען פון דעם ליידענדען שקלאף אין די טיעפע העלען פון די מיינס?...

הער איך דען ניט דאס קנאקען פון די ביינער פון דער גרויסער מענשהייט אונטער דעם אונמענשליכען דרוק פון דעם גרויסען, קיין מאל ניט זאט ווערענדען קאפיטאל, בעשיצט און אונטערשטיצט מיט דער גוואלדיגער מאכט פון סאלדאטען, קאנאנען?...

הער איך דען ניט די הערצרייסענדע יאמער־געשרייען פון די אומגליקליכע אלמנות און יתומים, די קרבנות פון דער חיה קאפי־טאל, וועלכע איז בעפוצט מיט דעם שיינעם מאנטעל פון ציוויליזאצ־יאן?... איהר הערט עס! זאגט, ווידערהאלט עס וויעדער, דאס איהר זייט שטאלץ אויף אייער „ציוויליזאציאן!"...

זעה איך דען ניט די שטראמענדע טייכען פון מענשליכעס בלוט, פליסענדיג אין אלע טהיילען פון דעם ערד־קוגעל? איבעראל, וואו נאר עס ערהויבט זיך איין אונצופרידענע שטימע פון דעם שאפענדען ארבייטער, איבעראל, וואו ער בעקומט נור דעם מוטה צו

פאַרדערן אַ גרעסערען שטיקעל ברויט פיר זיין אָרימע פרוי און זיינע אונגליקליכע עופה'לעך, איבעראַל זעה איך ווי אין דעם נאָמען פון דער ערהאבענער ציוויליזאציאָן, לאָזט מען פערגיסען דאָס אונשולדיגע בלוט.

אונטער דעם אויסרייד פון „ציוויליזאציאָן" צו פערשפרייטען גיסט זיך טייכען בלוט ביי די עהרליכע פיליפינער, ביי די בראַווע בורען, ביי די אונגליקליכע כינעזען, זעה איך עס דען ניט? פיהל איך דען ניט די אונרעכט?... און איהר האָט נאָך די חוצפה צו בעזינגען דיעזע „ציוויליזאציאָן"?...

קוקט זיך צו, זעהט ווי די גרויסע אַרבייטענדע, אַלעס־שאַפענדע מענשהייט איז צוזאַמען געדריקט אין גרויסע שמוציגע טענעמענט לעכער, אָהן ליכט, אָהן לופט... זעהט די צו־ווייטאָגטע הערצער פון דעם פראָלעטאַריאַט, וועלכער פערברייננגט אַ דריטעל פון זיין לעבען אין דער פערפעסטעטער לופט פון די פאַבריקען... זעהט די צובראָכענע בלוטענדע הארץ פון אַ פראָלעטאַריער־מוטער... דעם רואינירטען, צוקריפעלטען קערפער פון אַ פראָלעטאַריערפאָטער... וועלכע פיהרען, געצוואונגען פון די שרעקליכע אומשטענדען, זייער יונגעם ליעבעם קינד, שוואַך נאָך גייסטיג און קערפערליך, אַלס קרבן צום גאָט „מאַמאָן".

זעהט עס, פיהלט עס, און רופט מיך משוגע...

אָך, פראָלעטאַריאַט, פראָלעטאַריאַט, דו שלאָפענדער ריעז!

וואו נעהמט מען די קראַפט דיך אויפצו־וועקען פון דיין שלאָף? וואו נעהמט מען די קראַפט דיך אויפצוהויבען פון דעם טיעפען אַבגרונד פון אונוויסענהייט?

אָך, וואו נעהמט מען די געוואַלדיגע שניידענדע רעדנער־קראַפט פון אַ לאַסאַל, וועלכע זאָל אָנצינדען דיין הארץ מיט אַ בעגייסטערונג צום קאַמפף, צום פערניכטענדען קאַמפף געגען דיעזע שוידערהאַפטע „ציוויליזאציאָן"?!

צו ערוועקען אין דיר איין הייסען וואונש צו בעפרייען זיך פון דער מיזעראַבלער סיסטעם און צו העלפען עטאבלירען אַ פרייע גליקליכע געזעלשאַפט, מיט איין ערהאבענער רייגער ציוויליזאציאָן, וואו אַלע וועלען לעבען איין גליקליכען, אימער־וועהרענדען יום־טוב... וואו די אַרבייט, די עהרליכקייט וועט פייערען איהר ערהאַבענעם יובילעאום!

אָך, וואו נעהמט מען די קראַפט?

מיין נאכבארין אין שאפ.

א בלעטעל פון מיין טאגעבוך.

פויל האב איך זיך געשלעפט איבער די געפאקטע סייד־וואקס, לאנגזאם, קוים וואס איך האב זיך בעוואגען, יעדער טראט איז געווען ווי איבער גוואלד געמאכט.

דער פריהמארגען איז געווען א קיהלער. עס האט געבלאזען א הערבסט־ווינטעל, וועלכער האט אזוי ווי געבראכט די בשורה, דאס באלד און אלעס שעהנע, לעבעדיגע, וועט פערוואנדעלט ווערען אין קאלטען פערגליווערטען טויט. באלד און די מיט גרין בעדעקטע בוימער וועלען ווערען נאקעט, די מיט אלע קאלירען בעפוצטע גארטענס וואו עס איז געווען לעבען, בעגייסטערונג, וועלען פערוואנדעלט ווערען אין וויסטעניס. — באלד, און דאס בלוט וואס האט געזאדען פון די ליעבע ווארימקייט, וועט פערשטארט ווערען פון דעם בייזען קאלטען ווינטער.

אך! ווי אומעטיג עס פיהלט זיך דאן! דער ערשטער בלאז פון דעם הערבסט־ווינד, די שרעקליכע בשורה פאר אלע ארימע ליי־דענדע...

פויל, צובראכען האבען זיך אלע געשלעפט אין דיעזען פריה־מארגען צו דער ארבייט און אונטער אזא אומעדיגען, צודרינגענדען שווערען געפיהל האב איך זיך דערנעהערט צו דעם שאפ אין וועל־כען איך געה ארויף דעם ערשטען טאג צו דער ארבייט.

איין אונבעקאנטער געפיהל האט פארדריקט מיין הארץ, ווען איך האב ארויפגעבליקט צו די פענסטער פון 5־טען פלאר, וואו איך האב געדארפט „ערהויבען" ווערען, פערוואנדעלט ווערען פון איין לעבעדיגעם וועזען אין אן אונפיהלענדען טהייל פון דער מאשין

אין קאפ איז דורכגעפלויגען א רייהע פון פראגען אויף וועלכע דער טאג האט געדארפט ברענגען א לייזונג:

וועל איך זיין צופרידען מיט מיין נייעם פלאַטץ? וועט דער באַס צופרידען בלייבען מיט דעם נייעם שקלאַף? וועל איך זיצען צווישען מעהר ענטוויקעלטע ארבייטער? וועלען זיי מיך פארשטיין? וועלען זיי פארשטיין פון וואנען קומט עס, דאָס אין מיינע בליקען ליעגט אזא טיעפע מרה־שחורה? וועלען זיי מיט מיר סימפּאַטיזירען? וועלען זיי מיך אויסלאַכען?

אך! ווי שווער מיר איז אויפ'ן הארצען... א נייער פלאַץ... א נייער באַס... און עס ווילט זיך דאָך אזוי בעפרייען פון דער אימער־שקלאַפענדער ארבייט... און עס ווילט זיך דאך אזוי שטארק ווערען אַן אונאבהענגיגער, פרייער מענש...

לאנגזאם בין איך ארויף אויף די טרעפּען און אריין אין שאַפּ.

די מאַשינען האָבען געראַשט, דער קאמפּף פאר דעם עקזיס־טענץ איז געווען אין פולען גאַנג.

דער פאָרמאַן האָט מיר אָנגעצייגט דעם פלאַטץ און די מאַ־שין וועלכע איז בעשטימט געוואָרען פאַר מיר. איך בין צוגעגאַנ־גען צו דעם אָרט און האָב זיך גענומען צו דער קאַלטער מאַשין — די שטומע, טויטע בעשעפענים, וועלכע ווערט לעבעדיג, ווען דער מענש טהוט אין איהר אריין זיין גאַנצען לעבען און גייסט...

נאָך דעם ווי איך בין פערטיג געוואָרען מיט דעם ערשטען סאמפעל, און מען איז געבליבען צופרידען מיט מיין ארבייט, האָב איך בעקומען א גרויסען באַנדעל ווייסטען. איין פראַגע איז אָבער־פלעכליך געלייזט געוואָרען: מען איז מיט מיר צופרידען.

עס רוישט... עס זשומט... עס ברומט אין שאַפּ, אלע זיינען אריינגעטהאָן אין דער ארבייט, נור פון צייט צו צייט באַגעגען איך בליקען פון ארבייטער, וועלכע בעטראַכטען מיך מיט נייגיערדע. אין אנדערע געפין איך פריינדליכע בליקען, ווידער אַנדערע קוקען מיט איראָניע. נור איך בין שוין געוואָהנט צו אזעלכע בליקען און איך זעץ פאָרט מיין ארבייט.

קיינער האָט מיך אזוי ניט פעראינטערעסירט אין דיעזען שאַפּ, ווי „זי", מיין נאכבארין געגען־איבער מיר. זי האָט מיין אויפמערק־זאמקייט צוגעצויגען. מיט דעם ערשטען בליק בין איך ווי צוגע־שמידט געוואָרען, און ניט ווילענדיג האָב איך אָפטע בליקען גע־וואָרפען אויף דיעזען טיעף־איינדרינגענדען געזיכט.

כמעט א קינד. א לייגליכער בלאסער, גלאַט ווי א סאמעט געזיכט, מיט צוויי קלייניקע חן־גריבעלאך; א קליינעם מונד און

אויף די שעהנע ליפען האָט אַזוי ווי עפּעס אַרומגעשוועבט... עס איז געווען אויף זיי אויסגעגאָסען אַ ביטערע קללה געגען דער אונבאַרמ־הערציגער וועלט, וואָס רייסט אויס אַזאַ בלום און וואַרפט זי אַריין צו וועלקען אין אַזאַ גיהנום.

די קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט אַ וואַלד פון שוואַרצע האָר, פערפּלאָכטען אין אָרדנונג. אין איהרע טיעף־בלאָע אויגען איז גע־לעגען אַזוי ווי עטוואָס הייליגעס; אַזוי ווי אַ גוטער באַלזאַם צו אַ פערוואונדעטעם הערץ, אַזוי האָט איהר בליק געווירקט. עס איז אין איהם געלעגען אַ גאַנצער ים מיט געדאַנקען, און די בלאַסקייט פון איהר שעהנעם געזיכט האָט איהר צוגעגעבען אַ געטליכען רייץ, אָנפילענדיג אייער גאַנצע נשמה מיט אַן אונבעגרענעצטען מיטלייד און סימפּאַטיע צו דיעזען ליידענדען אָפּפער...

איך אַרבייט, יאָג די מאַשינקע, און אין מיין שוואַכען קאָפּ רוישט, די געדאַנקען מישען זיך, קומען זיך צוזאַמען, געהען זיך פאַנאַנדער, פערשווינדען, און האָבען קיין אָנפאַנג און קיין ענד.

מיטאָג צייט, ווען די אַרבייט איז איינגעשטילט געוואָרען, ווען די אָרמעע פון קעמפּפענדע איז געגעבען געוואָרען צייט צו ערהאָלען זיך, צו זאַמלען קרעפטען, אום מיט מעהר אייפער פאָטצוזעטצען די בלוטענדע אַרבייט, האָב איך זיך צורעדט מיט מיינע שכנים, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון צוויי יונגע אַרבייטער און די אויבען־דער־מאָנטע פריילין. די יונגע אַרבייטער, ווי עס זעהט אויס, האָבען נאָך גאַנץ אָפּטימיסטיש געקוקט אויף זייער צוקונפט, און דאַרום בין איך, אַ מאָדעל פון פערצווייפלונג, ניט זעהר אינטערעסאַנט געווען פאַר זיי. זיי האָבען גאַנץ שנעל אָבגע׳פּטר׳ט דעם געשפּרעך, וועל־כען איך האָב אָנגעפאַנגען און זיינען אַוועק צו זייערע קאַמעראַדען, פריילינבע יונגען, וועלכע האָבען פאַרהילכט דעם שאַפּ מיט זייערע געוואַלדען, און וועלכע האָבען געריסען די אויערען מיט זייערע ציני־שע וויצען.

איך בין געבליעבען זיצען אַליין ביי דער מאַשין, שטילענדיג מיין הונגער און אַריינקוקענדיג אין איין צייטונג.

מיין נאַכבאַרין איז געזעסען איבער אַ בוך, בלאַסער ווי גע־געוועהנליך, מיט די האָר אַ ביסעל צו־וואָרפען איבער איהר געזיכט און איז געווען פערטיעפט אין לעזען. איך האָב אַריבערגעקוקט און האָב איבערגעלעזען דעם נאָמען פון דעם בוך. דאָס איז געווען

א צוזאַמענשטעלונג פון ערצעהלונגען פון דעם נייעם מאָדערנעם רעאַליסטישען שרייבער מאקסים גאָרקי.

איך האָב זיך ענטשולדיגט און האָב מיט איהר פאַרפיהרט א געשפרעך איבער גאָרקי'ן און אנדערע ליטעראַטען.

אין פערלויף פון אונזער קורצער אונטערהאַלטונג האָב איך אויסגעפונען דאָס צו איהר ליעבעס שעהנעם געזיכט האָט זיא אויך א צארטע הארץ.

ווידער האָט זיך אָנגעפאנגען דיא ארבייט. מיט א קאָפּ פול מיט פערשיעדענע געדאנקען בין איך געזעסען איבער דער ארבייט. עס האָט מיר ווי אַלע מאָל וועה געטהאָן דאָס הארץ אויף די אונ־ווּיסענדע ארבייטער, וועלכע זיינען געזעסען אריינגעטהאָן מיט אַלע חושים אין די דאָנקעס, ניט פיהלענדיג, ניט דיינקענדיג, אזוי ווי א שטיק מאשין געיאָגט, געטריבען.

מיין נאכבארין איז געזעסען ביי דער ארבייט מעכאניש, האָט בעוואָגען מיט די הענד און אין איהר בליק איז געווען אזוי פיעל וויינענדעס, בעטענדעס... אזוי ווי זיא וואָלט זיך בעטען ערבארמען איבער איהר און בעפרייען זי פון דיעזע ארבייט אָהן טעם און אָהן שכל...

איך האָב געיאָגט די מאשין, וועלענדיג פארטויבען די געדאנ־קען, פארגעסען אָן אַלעם און אָן אַלע...

פלוצלונג האָב איך דערפיהלט א וויכע ווארעמע האנד האָט א דריק געטהאָן מיינע פינגער, און ווען איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען צו זעהען צו וועמען עס בעלאַנגען דיעזע ווארעמע פינגער, האָב איך געטראָפען מיין נאכבארין. זי, די בלאַסע, די שטילע האָט מיר געדריקט מיינע פינגער און מיר מיט א וויך־זאנפטיגער שטימע צוגערופען...

— ענטשולדיגט... ענטשולדיגט... זעהט, איך בעט אייך... קוקט אָט... אָט דאָרט... אָהין... קוקט אויף דעם ריין בלאָען הי־מעל... קוקט אין דער ריכטונג, וואו די זונן געהט אונטער... זעהט די פראכטפאָלע קאַרטינע... זעהט די אונצעהליגע פארבען, דאָרט איבער א שטיק פון דעם הימעל... רויט... פייער רויט... העל בלאָ... גרין... אש קאָליר... און נאָך פיעלע און פיעלע קאָליערען... אַך ווי שעהן, ווי גרויסארטיג...

איהר געזיכט איז געווען בעגאָסען מיט א רויטקייט בון א ראָ־זעווען עפעל. אין איהרע אויגען האָט געברענט א געטליכער פייער..

איהרע ליפּען זיינען געווען בעצויגען מיט א קינדערשען גליקליכען שמייכעל, עס איז גאָר ניט געווען די פריהעריגע שטילינקע, פער־אומערטע, נידערגעשלאָגענע. עס איז געוואָרען איין גליקליכע אונ־שולדיגע קינד פון דער נאַטור, פול מיט לעבען, מיט בעגייסטערונג, מיט פייער...

איך האָב א קוק געטהאָן, עס איז ווירקליך געווען א באַלזאַם בילד פיר די פּאָעטישע גייסטער, עס איז ווירקליך געווען עטוואָס, וואָס עס איז נור אים שטאַנד צו שאַפען די אונבאַגרענצטע נאַטור. נור ווי גרויס מיין בעוואונדערונג איז געווען פון דיעזען הימלישען בילד, נאָך מעהר, טויזענד מאָל מעהר האָב איך בעוואונדערט מיין נאַכבארין. מיין שטילע, ערנסטע, בלאַסע ליידענס־שוועסטער. איך האָב געקוקט אויף איהר פלאַמענדען געזיכט, אויף די ברייט אָפענע אויגען פול מיט לעבען, אויף דעם זאַנפטיגען שמייכעל פון איהרע ליפּען, און מיין הערץ האָט מיר פאַרדריקט... טרעהרען האָבען אָנגעפיהלט מיינע אויגען.

„איך פערשטעה דיך, אָרעמעס קינד, האָט מיין הארץ אין מיר גערעדט; דו געהערסט אהין, צו יענע אונענדליכע, אונבעגרענצטע, אַלמעכטיגע פאַרבען — דו זינג־פייגעלע אין ענגען שטייג!“...

די זונן איז ביסלעכווייז פערשוואונדען, און מיט איהר אויך דער הערליכער הימעל־בילד... לאַנגזאַם האָט זיך געוועקסעלט דער בילד... און מיט איהר אויך די פאַרב פון מיין נאַכבארין׳ס געזיכט.

דאָס בילד איז ענדליך אין גאַנצען פערשוואונדען און איהר געזיכט איז ענדליך געוואָרען ווידער צוריק אין גאַנצען בלאַס...

נאָך א מעהר הילפלאָזען בליק האָבען אויסגעדריקט איהר שעה־נע אויגען.

זיא האָט שווער אָבגעזיפצט און איבערבייגענדיג זיך איבער דער מאשין, האָט זיא זיך גענומען צו דער ארבייט.

איך האָב געזעהען ווי איהרע ליפּען האָבען זיך אויסגעקרימט... אָט... אָט... און זי וועט אויסברעכען אין א געוויין. נור שטיל... קיין זילבע האָב איך פון איהר ניט געהערט...

איך בין געזעסען אזוי ווי א דערשלאָגענער... איך האָב גע־וואָלט זי טרויסטען... זי אויפמינטערען... נור איך האָב ניט גע־פונען קיין ווערטער... האָב ניט געהאט קיין מוטה...

איך האָב פאַרגעסען אָן די שווערע פראַגען, אויף וועלכע איך האָב גערעכענט דורך דעם טאָג האָבען איין לייזונג...

זי, מיין ליידענדע, שטילע, שוואכע נאכבארין האט פערנומען מיין גאנצע זעלע.

מיט א פערדריקטעם הערץ, מיט א שווערען געמיטה בין איך דיעזען פארנאכט אוועק פון דער ארבייט...

לאנג איז מיר ניט ארויס פון זינען די בלאסע מיידעל.
א פאעטין געבארען — א'ן אפרייטארין געווארען...

א ליכטיגער מאמענט.

די גאז־לאמפ ווארפט א העלעם ליכט אויף דעם טיש, וועל־כער איז פערוואָרפען מיט ביכער און צייטונגען.

אין דעם צימער הערשט אן אנגענעהמע שטילקייט, און נאר דער מאָנאָטאָנער טיק־טאק פון דעם שעהנעם מארמאָרנעם זייגער, וועלכער שטעהט אויף דעם שעהן־בעפּוצטען מענטעל־פּיס שלאָגט איבער די שטילקייט.

אין א וויכען שטול, א פוס איבער א פוס פערוואָרפען, מיט א דיקען סיגאר אין מויל, זיצט מאקס און מיט האלב־פערמאכטע, פערחלום'טע אויגען קוקט ער אריין אין דעם געדיכטען רויך, וועל־כען ער לאָזט ארוים אין גאנצע זיילען פון זיין מויל.

א מאָדנעם געפיהל נאָגט זיין הערץ. עפּעס אזוי ווי א שווערע משא וואָלט ארויפגעדריקט געוואָרען אויף איהם, און עס פער־שטיקט איהם זיין אָטהעם, און א שווערער, הארציגער זיפץ, רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט.

מיט א נערוועזער בעוועגונג קעהרט ער זיך אוועק פון'ם טיש, פון דעם העלען ליכט, און זיין בליק פאלט אויף די טהיר, וועלכע פיהרט צום צווייטען צימער.

א לייכטער כראָפּען הערט זיך דאָרט.

זי שלאָפט — און ער וויים ניט צו וואָלט ער געוואָלט, זי זאָל יעצט וואך ווערען. ווען זי וואָלט וואך געווזען, וואָלט ער איהר מוזען זאָגען, אז זי איז גערעכט געוועזען. די ערגעיערונג וועגען איין אבענד דורכדרינגט זיין גאנץ וועזען.

ער פערטראכט זיך און אין זיין מוח שווימען ארויף פערשיע־דענע ערינערונגען, — — אין יענעם אבענד איז ער געקומען אהיים, און האָט דערצעהלט זיין גוטער, קלוגער מערי'ן, אז זיי

וועלען זיך ניט מעהר פּלאָגען, אַז זיי וועלען שוין ניט דאַרפען שרע־קען זיך פאַר דעם מאָרגען. דורך איינעם פון אַ פּראָמינענטען בע־קאַנטען זיינעם, ווערט ער רעקאָמענדירט צו איינער פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּארטייען, ער וועט איהר אוועקגעבען זיין אַגיטאַציאָנס־קראַפט, און זי וועט איהם פערזאָרגען מיט אַ רוהיגען, וואָהלהאַ־בענדען לעבען.

ער האָט גערעדט צו מערי'ן מיט אַ ציטעריגער שטימע און אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. ער האָט זיך געשעהמט און אַלץ בעטאָנט דאָס רוהיגע, זאָרגלאָזע לעבען, וואָס זיי וועלען לעבען.

מערי איז געשטאַנען פערוואונדערט און האָט אָנגעקוקט איהם מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע, דערשראָקענע אויגען. זי האָט גערדרעהט איהרע נערוועזע פינגער, און מיט פערלאָפענע אויגען פון טרעהרען האָט זי זיך ביי איהם געבעטען.

„ניין, מאַקס, דו מיינסט עס ניט, דו מאַכסט שפּאַס פון מיר... דו, ווי קענסט דו עס זיך ערלויבען?

דו, מאַקס, וועלכער האָט אימער בעקלאָגט דעם ארבייטער אין זיינע ליידען?

דו, וועלכער האָט אין מיר אויפגעוועקט דאָס בעוואוסטזיין, אַז, אום די וועלט גליקליכער און ערדלער צו מאַכען, אום די מענש־הייט אין גאַנצען פריי צו מאַכען, מוז צוערשט די ארבייטער־קלאַסע געהאָלפען ווערען, מוז זי צוערשט בעפרייט ווערען פון איהרע שקלאַ־פען־קעטען? זיינען דאָס ניט דיינע ווערטער? דו ווילסט בעגעהן אזא פערראַטה?

ניין... ניין... מאַקס, דו שפּאַסט עס, דו שפּאַסט עס!" און די לעצטע ווערטער זיינען דערטרונקען געוואָרען אין אַ טייך פון טרעהרען.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פערברעכער. ער האָט שוין געוואָלט זאָגען זיין געליעבטער פרוי, אַז דאָס איז געוועזען אַ מאָמענטאַנער לייכטזין, און ער האָט חרטה.

אָבער ער האָט עס איהר ניט געזאָגט: דאָס אַנדערע איז שוין געוועזען ביי איהם אַ בעשלאָסענע זאַך; ער האָט ניט געקאָנט צוריק, ער האָט ניט ג ע וו אָ ל ט צוריק, ער איז געוועזען מיעד פון דעם שטענדיגען נויט־ליידען, ער איז צוגעשטאַנען פון די שע־פער, פון דעם אייביגען קאַמפּף מיט די באָסעס און פּאָרלייטע. ער איז געוועזען פערצווייפעלט פון דעם שקלאַפען־לעבען, פון דער אונ־

זיכערהייט אין דעם שמיקעל ברויט. ער האט געבייגקט נאך רוה; ער האט געוואלט איינמאל פאר אלע מאל אויפאטעמען פריי, אראב־ווארפען פון זיך די שווערע משא פון זארגען. און דאס אלץ האט ער אויסגערעדט פאר מערי׳ן. ער האט גערעדט צו איהר לאנג, ביז א שטיק אין דער נאכט. ער האט איהר נאך ערקלערט, אז ער איז איבערהויפט שוין שוואך, ער האט מעהר קיין כח ניט צו ארבייטען אין א שאפ, און ער וויל זיך ניט אפפערן, ווען ער האט די געלעגענהייט צו ראטעווען זיך. און פאר וועמען זאל ער זיך דא אפפערען? די ארבייטער פערשטעהען איהם סיי ווי סיי ניט. ווען ער רעדט צו זיי וועגען זייער הילף, וועגען סאציאליזמוס, רעדט ער צו טויבע אויערן. וואו זיינען זיי די אין דעם סאציאליזמוס אר־גאניזירטע ארבייטער? וואו זיינען די פריכטע פון דער לאנג־יעה־ריגער סאציאליסטישער אגיטאציאן, וואצו זאל ער אוועקגעבען זיין לעבען פאר מענשען, וועלכע ווילען זיך אליין ניט העלפען און לאכען זיך נאך אויס פון דעם, וועלכער וויל זיי העלפען?

ער האט גערעדט א סך, אבער ער האט זי נישט איבערצייגט, זי האט איהם געענטפערט מיט זיינע אייגענע רייד פון אמאל. ווען מי קעמפפט פאר א גרויסע אידעע, מוז מען זיך ניט אומקוקען אויף יעדען שריט און טריט נאך דער צאהל פון די מאסען הינטער זיך. צייט און צאהל ווערען דא ניט געמאסטען און געוואויגען. די אידעע מוז זיעגען און זי וועט זיעגען — זאל נור יעדער, ווער עס האט בע־גריפען איהר ריכטיגקייט און גרויסקייט, טהון זיינס, און מיט טרעהרען אין די אויגען האט זי איהם געזאגט:

„גערענק, מאקס, עס וועט קומען א צייט, ווען דיין מאטעריעלע לאגע וועט זיין אין א גוטען צושטאנד, און דו וועסט דערפיהלען דאס פערברעכען, וואס דו ביזט בעגאנגען געגען דער אידעע, און דו וועסט שרעקליך ליידען. ניט קיין קערפערליכע, מאטעריעלע ליידען וועלען עס זיין, נור גייסטיגע, וועלכע זיינען פיעל שמערצליכער פאר די ערשטע“...

ער האט ניט גערן אויסגעהערט זיינע אייגענע ווערטער פון אמאל, און ער האט געהאט אויף זיי א תירוץ: „מאלע, וואס איך האב גערעדט!“ יעצט דענקט ער אנדערש און בלייבט ביי זיינעם, און עס לוינט זיך ניט אויפצואפפערען פאר מענשען, וועלכע ווי־לען איהם ניט פערשטעהן. און ער וועט גאר ניט זיין קיין פער־רעטער, ווייל ער וועט קיינעם קיין שאדען ניט טהון, אויפהערענדיג

צו פרעדיגען סאָציאַליזמוס און ארבייטער־פּאָליטיק, ווי זיין פּרע־דיגען האָט קיינעם קיין טובה ניט געטהאָן.

ער איז געבליבען ביי זיינס און האָט געטהאָן זיינס. ער האָט אָנגענומען די שטעלען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּארטיי, ער איז געוואָרען איהר מליץ יושר אויף פערזאמלונגען אין זאאלען און אין די גאַסען.

אָבער מערי'ס נבואה שיינט מקוים צו ווערען.

ער האָט היינט גערעדט אויף אַן „אָפּען עיר מיטינג". וויט ארום און ארום זיינען געשטאַנען אונצעהליגע מענשען. נאָך די קליידער נאָך, נאָך די מידע, אויסגעדארטע, בלאַסע געזיכטער, האָט ער דערקענט, אַז דאָס זיינען ארבייטער, און פּלוצלונג האָט ער דער־פיהלט, אַז ער קען נישט רעדען, אַז די צונג איז איהם ווי אָבגע־נומען געוואָרען. אַ קאַלטער שוויים איז איהם ארויף אויפ'ן שטערן. ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען, האָט אַ טרונק געטהאָן וואַ־סער, אָבגעווישט זיך די שוויים, אָבער ער האָט ניט געקענט צוזאַ־מעננעהמען זיך מיט די געדאַנקען, און געענדיגט זיין רעדע ווי עס איז. דער פּאָרזיצענדער האָט איהם טאַקי געפרעגט, וואָס עס איז מיט איהם פּלוצלונג געוואָרען. צו פיהלט ער ניט קראַנק?

ער איז אוועק אין אַ קאַפע, געזעהן זיך מיט בעקאַנטע, געזוכט צו רעדען איבער פערשיעדענע זאַכען, אָבער ער האָט ערגיץ נישט און ביי קיינעם נישט געקענט געפינען קיין צושטרייאונג.

ער איז אַוועק אהיים. אָבער מערי איז שוין געשלאָפען, און ווען זי וואָלט נישט געשלאָפען, וואָלט ער דען מיט איהר גערעדט? ער וואָלט זיך געשעהמט פאַר איהר, ער וואָלט איהר ניט קענען קו־קען גלייך אין די אויגען. אָדער אפשר וואָלט ער דאָך דורכגערעדט זיך מיט דער טרייער נשמה און געפונען אַ טרייסט?

„אַך, דו הייליגער גייסט!"

זינד ער איז געוואָרען אַ קאַפּיטאַליסטישער סטאַמפּ־רעדנער, האָט ער ביי זיך אָבגעמאַכט ניט צו קוקען אין די געזיכטער פון די, צו וועמען ער וועט רעדען. ער האָט געקוקט אריבער די קעפּ, ער האָט געפונען אַ וועג, ווי צו קוקען און נישט צו זעהען און היינט האָט ער ווידער דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זעהען. ער האָט דערזעהן די ליידענדע געזיכטער פון די ארבייטער, ער האָט דערפיהלט, אַז ער רעדט צו זיי ליגענס, אַז ער סטאַרעט זיך יעצט

צו פערפיהרען זיי, אוועקפיהרען זיי וואס ווייטער פון דעם אמת'ן וועג צו זייער בעפרייאונג. און עס האט זיך איהם פערוואלט אומ־קעהרען זיך צוריק צו זיינע אלטע רעד, און עס האט זיך איהם פער־וואלט אויסרופען: „בלינדע, פיהלט איהר דען ניט, אז איך פערפיהר אייך! איהר ריעזען אהן אויגען, פיהלט איהר ניט אז איך וויל אייך איינשלעפערן און אוועקנעהמען ביי אייך אייער גרויסע מאכט. ווי דלילה האט אוועקגענומען ביי שמשון'ען זיין גבורה? איך וועב א שפינוועבס און וויקעל אייך אין איהם איין, כדי אנדערע, די גרוי־סע קאפיטאליסטישע שפינען, זאלען רוהיגער, אונגעשטערטער, קע־נען זויגען אייער בלוט!"

ער האט עס ניט געזאגט, אבער ער פיהלט, אז ער האט אויך זיין רוה פערלארען, און אז עס קומט פאר איהם די צייט פון יענע גייסטיגע ליידען, וועלכע מערי האט איהם פאראויסגעזאגט.

ער האט זיך אויפגעהויבען א פערשכור'טער פון זיין שטול און אנגעהויבען ארומצושפאנען מיט ברייטע טריט איבער דעם גראבען קארפעט, האלטענדיג דעם סיגאר צווישען צוויי פינגער פון זיין לינקער האנד. ער האט געביינקט נאך די בעגייסטערונג, וועל־כע האט איהם אנגעפילט אין די אלטע יאהרען; ער האט געביינקט נאך דעם אמת, וועלכען ער האט אין די לעצטען יאהרען פערליי־קענט. און ער האט געטראכט וועגען אן אויסוועג.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט אנגעשפארט דעם הייסען קאפ אן דאס קאלטע גלאז. אין דרויסען האט יעצט גע־שטורמט; די געדיכטע פינסטערנים פון דער נאכט איז געווען אנגעפילט מיט דעם גערויש פון רעגען און ווינד. ער האט זיך גע־פיהלט איינס מיט דער נאטור, און געמוזט זיך דערמאנען, אז נאך א מאל האט ער זיך געפיהלט איינס מיט דער נאטור. און דאס איז געוועזען די הערליכע נאטור פון איין ערשטען מאי אין א רוסישען וואלד, וואוהין ער האט זיך פערקליבען מיט נאך א סך ארבייטער.

ער האט אבגעקרעכצט, א קוק געטהאן אויף זיין סיגאר, איז צוגעגאנגען צום טיש און אוועקגעלעגט די סיגאר אין דעם אש־בעכער. ער איז געשטאנען א וויילע און געקוקט אויף דעם אש־בע־כער מיט א פערטראכטען בליק, און דאן האט ער אנגעהויבען אויס־צוטהאן זיך. ער האט זיך אויסגעטהאן שטיל און איז אוועק ווי א גנב אין בעט אריין. ער האט ניט געוואלט אז מערי זאל זיך

אויפכאַפּען. עס איז איהם געוואָרען קלאָר, אז ער קען זיך ניט מעהר אָברייםען פון דעם גוטען לעבען וואָס די ליגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי האָבען איהם געבראַכט. ער האָט זיך יעצט פעראַכטעט און וואָלט ניט געקענט קוקען זיין ווייב אין די אויגען. ווי א גנב האָט ער זיך אריינגערוקט אונטער די דעקע און אוועקגעדרעהט דאָס געזיכט צו דער וואַנד.

דאָס בוך איז צו בעקומען ביים

ער איז ביזי.

(סקיצע)

„א... א... א... ליולינקע — שלאָפען וועט מיין ליעב קינד... שלאָפען וועט מיין זיסער אינגעלע...“

און דער קאָפּ איהרער זינקט אַלץ טיעפער אזוי ווי געדריקט פון א שווערע משא; זי זיצט איבער דער וויגעלע אן איינגעבויגע־נע, מיט א פארקרימטען געזיכט פון שטארקע ליידען, מיט אויגען פארשוואומענע פון טרערען, און וויעגט איהר טהייערען אוצר, איהר אינגעלע. די שטימע איהרע ציטערט, שניידט טיעף אין דער נשמה.

עס וויעגט און זינגט אן אונגליקליכע, צובראָכענע, אָבגעגאַרטע פרוי; עס וויעגט און זינגט א בעליידיגטע מאמע, וועלכע זעהט איהר לעבען א רואינירטען, נור שווארצע וואָלקענס ארום זיך, און קיין שטראַהל פון ליכט, פון האָפענונג אויף א בעסערע צוקונפט.

די גאנצע צימער איז אריינגעדרייט קוים וואָס עס זשיפּעט. די טונקעלע ליכט פאלט אויף די ווענט אויף וועלכע עס מאָהלען זיך שאטענס און אין צימער איז די לופט אָנגעפּיהלט מיט א שווערען אומעט א שטארקע מעלאנכאָליע.

זי זיצט איבער דער וויעגעלע, קוקט מיט איהרע פערלאָפענע אויגען אויף דאָס אָרימע קינד איהרע, אויף איהר שוואכע פויגעלע, וועלכעס ווארפט זיך אונרוהיג, אין איהר מוח שווימען דורך ביל־דער פון איהר פערגאנגענהייט.

זי זעהט זיך צוריק מיט זעקס יאָהר: א יונגע מיידעל, א גע־זונדע, א שעהנע, מיט א רונדען געזיכט, מיט א צופרידענעם שמיי־כעל, מיט אויגען, וועלכע ברענען שרפ׳ענען, בע׳כישופ׳ען. יונגע לייט געהען אוים פאר איהר.

און אָט זי, ענעלע, האָט איהר סאלאמאנ׳ען בעגעגענט אויף א

מאסקעראדען־באַל. דאָרט, אונטער די הונדערטע פערשיעדענאַר־טיגע עלעקטרישע בעלייכטונגען, אונטער די זיסע טענער פון אַן אָרקעסטער מיוזיק האָט זי זיך מיט איהם בעקענט, און זי האָט זיך אין איהם שטערבליך פערליעבט.

און עס איז געווען ועמען צו ליעבען! א שטאַרקער, שעהנער יונגער מאַן, מיט צוויי אויגען אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָב אַ גאַנצע וועלט מיט לעבען און אַזא העפליכע, אַזא שעהנע שפּראַכע האָט ער בענוצט!

סאַלאָמאן איז געוואָרען אַן אָפטער איינגעהער צו זיי אין הויז. ער שטאַרבט נאָך איהרע טריט, קושט איהר, האַליובעט איהר און רעדט אַזוי זיס, אַזוי ליעב;

„דו וועסט זיין מיין קליינע קעניגין, איך וועל זיין דיין שקלאַף. אַ זיסע רוהיגע היים וועל איך פאַר דיר שאַפען, איך וועל ארבייטען גור פאַר דיר, מ י י ן איינציגער לעבענס ציעל איז דיך זעהן גליקליך און צופריעדען“.

אזוי האָט ער געזאָגט, אָבער אַך, ווי שנעל איז אוועק די זיסע צייט!

שוין אויפ׳ן ערשטען יאָהר נאָך זייער חתונה איז סאַלאָמאָן געוואָרען אַן אנדער מענש. ער האָט אָנגעהויבען פערגעסען צו קומען פון דער ארבייט גלייך אהיים. איז אַ מיטינג, אַ בעגעגעניש, אָדער סתם אַ תירוץ מיר ניט, דיר ניט, איהר כלומר׳שט צו בערוהיגען. זי האָט איין קינד, אַ צווייטעס, אַ דריטעס קומט אונטער און זי מוטשעט זיך אליין מיט זיי. ער ווערט ווי אַ גאַסט אין הויז און זי ליידעט, ליידעט שטיל און פיעל.

פּלוצלונג האָט זיך פאַר איהר געוויזען אַ ליכט שטראַהל, סאַלאָמאַן האָט אוועק געוואָרפען די ארבייט און איז געוואָרען אַ ריעל עסטייט מעקלער. איצט וועט ער שוין ניט זיין אזוי פערקויפט ווייט פון דער היים, פאַרט ניט ביי יענעם, פאַרט ניט אין שאַפּ, קיין מיטינגס, קיין צרות. און סאַלאָמאַן, איהר סאַלאָמאַן וועט ווידער ווערען דער זעלבער פון אַ מאָהל.

אָבער אַ פאַלשער האָפנונג איז עס געווען!

סאַלאָמאן שפּרינגט אריין אין הויז ווי אָבגעריסען פון עפּעס. עסט אָב, קוקט זיך אפילו ניט אום אויף די קינדערלאַך און לויפט ארויס. אימער ביזי, אימער צוטראָגען, גלייך ווי ער וואָלט פיהרען וואַנדערבילט׳ס ביזנעס. אין אַ ליידיגע מינוט מאַכט ער קעס־

טעלאך אויף א פאפיר, שרייבט ציפער — ער בוים שטעדט, שניידט לאטס אויף'ן פאפיר און פאר די ווייב און קינדער האט ער קיין צייט.

און אז זי קען דאס שוין ניט אריבערטראגען און רעדט צו איהם. גיסט פאר איהם אוים איהר ביטערע הארץ, פערשטעהט ער איהר ניט און בייזערט זיך נאך אן:

„ביזט א אידענע, ניטא וואס צו ריידען מיט דיר! ביי לייטען, טהו א קוק, מאכען פרויען סיילס, פערדינען געלד, און זי וואלט נאר וועלען איך זאל זיך אוועקזעצען אין הויז. קוקען אויף איהר שעהנעם פנים און גאר ניט! ? טפוי!"

ער גיט א שפיי און לויפט ארוים.

און זי בלייבט ווידער עלענד, אליין. זי זיצט און וויעגט דאס אינגסטע קינד, וויעגט און וויינט, וויעגט און זינגט פון צושטערטע האפנונג און פערשוואונדענעם גליק.

און ער, סאלאמאן, איז ביזי — ער זיצט אין קאפע סאלון, טרינקט א גלעזעל טהעע און שפיעלט פינאקעל.

דיא צושטערטע האפנונג

„אך, א געזונד אין אייך, איך זאָל האנדלען ווי אלע אנדערע? מיין קינד, מיין בלוט און פלייש וועל איך רואינירען? וואָס בין איך, א מערדער, א מענש אָהן געפיהלען? אָט ווי איהר קוקט מיך אָן ר׳ חיים. וועל איך ארבייטען מיט אלע מיינע כוחות, מיין קינד זאָל געניסען א גוטע ערציהונג, זאָל באַזיצען בילדונג, זאָל ניט זיין אזוי אונוויסענד ווי זיין פאָטער, אָדער ווי אַנדערע טויזענדע, ער זאָל ניט דארפען זיצען אין שמוציגע שעפער און ארבייטען איבער די קרעפטען פאר א שטיקעל אָרימען ברויט“.

אָט אזוי האָט זרח דער פענטס אפרייטאר א יונגער מאן פון א זעקס און דרייסיג יאָהר, גע׳טענה׳ט מיט ר׳ חיימ׳ן, זיינער א לאַנדסמאן וועלכער האָט געלויבט אמעריקא דאפיר ווייל דאָ קען מען זיך אויסהעלפען מיט קינדער וועלכע מען שיקט פאַרדינען.

„פאר וואָס ניט? זאָלען זיי אויך וויסען אז מען דארף אר־בייטען“. האָט ר׳ חיים געזאָגט.

„וואָס רעדט איהר, ר׳ חיים? ווי קען מען ביי זיך פועל׳ען שיקען א קינד האָריווען? וואו נעהמט מען די הארץ יונגע קינדער שוין איינצושפּאַרען אין דעם יאָך פון פרנסה? דאָס איז א פערברעכען געגען זיך געגען דאָס קינד און געגען דער געזעלשאפט אין וועלכער מיר לעבען. מיין משה׳לע וועט אויפוואקסען א געלערנטער מאן, ער וועט זיין שטארק און ענטוויקעלט גייסטיג“.

זיין ווייבעל, אן איינפאכע גוטהערציגע אידענע, פלעגט אין אזעלכע מאָמענטען קוקען מיט איהרע גוטע מילדע אויגען אויף איהר משה׳לען דעם צוקונפטיגען לאָיער, דאָקטאָר, אָדער גאָר מיניסטער, און פלעגט אויך צוואוארפען זייטיגע בליקען זרח׳ן, ווי איינער זאָגט:

הונדערט און צוואנציג יאָהר זאָלסטו מיר לעבען פאַר דעם נחת וואָס דו טהוסט מיר אָן מיט דיינע גוטע קלוגע רייד.

און ווען זרח'ס א גוטער בעקאנטער האָט איהם אמאָל בעמערקט אז מען דארף ניט פערדאמען די עלטערן וועלכע שיקען זייערע קינדער פארדינען ווייל מאנכעס מאָהל צווינגען די אומשטענדען צו שיקען קינדער ארבייטען, האָט ער זיך אויסגעלאכט פון זיין פריינד.

„וואָס האקט איהר מיר א קאָפּ מיט אומשטענדען? וואָס מיר אומשטענדען? א מענש דארף מען זיין. מען ליידעט, מען דארף האָרעווען און דאָס קינד ברייננען צו א תכלית".

אָט אזא פעסטען גלויבען האָט ער געהאט וועגען זיין שטאַרקען ווילענס־קראפט און אזוי האָט ער זיך איינגעוועהנט מיט דער מחשבה דאָס משה'לע וועט עפּעס זיין א גרויסער מאן.

און אין זיין רייכע פאנטאזיע האָט ער געזעהן זיין קינד, זיין משה'לען, אלס א גרויסען דאָקטאָר אָדער לאָיער מיט אן אָפּיס אָפּ־טאון, געעהרט און געשעצט פון יעדען און טויזענדע טאטע־מאַמעס בענשען זיך מיט אזא קינד.

און ער, דער אמאָליגער פענטס אפּרייטאָר, מיט זיין גוטער מירעלע זיינען שוין עלטערע מענשען, זיי לעבען זיך ווי טייבעלאך, רוהיג שטיל אונטער דער אויפזיכט פון זייער גוטען קלוגען זוהן און זיי האָבען נחת און כבוד.

* * *

שוין די זעקסטע וואָך ווי זרח קען ניט אויסארבייטען א פולע וואָך וויידזשעס.

א שטעכענים, א קורצען אטהעם האָט ער בעקומען, אָפטע שווינדלען אין די אויגען, א שטארקען רויש אין קאָפּ, און א שוואַכ־קייט אין אַלע אברים.

שוין גאנץ לאנג ווי ער האָט דערפיהלט דאָס איהם פעהלט עפּעס, נור ער האָט גאָר ניט געוואָלט צו לאָזען אזא געדאנקען צו זיך.

זיין אידענע האָט זיך אויך עפּעס געוואונדערט וואָס זיינע פיידעס זיינען געווען ניט רעגוליארנע, נאָר אזוי ווי ער האָט גאָר ניט געזאָגט, האָט זי עס צוגערעכענט צו סלעק, אבער ענדליך איז זרח געצוואונגען געווען איין מאָהל אין מיטען טאָג אוועק לייגען די ארבייט, צוזאמען נעמען זיין צורודערטען קערפּער און מיט א שווערען, קורצען אטהעם זיך אוועקשלעפּען אהיים.

ווען זיין מירעל האָט איהם דעם ערשטען מאָהל דערזעהן קור־מענדיג אהיים אין מיטען העלען טאָג, אַ בלאַסען, אַן איינגעבויגענעם, איז זי געבליעבען שטעהן ווי אַ סטאַטוע, און דער לשון האָט ביי איהר אָבגענומען פון שרעק.

זרח, ווען ער האָט איהר דערזעהן שטעהענדיג מיט פערגלי־ווערטע גליעדער און פערגלעזערטע אויגען, איז ער געוואָרען בייז אויף זיך, פאַר וואָס ער איז גאָר געגאַנגען אהיים. אי עס שטעכט? נו עס וואָלט איבערגעגאַנגען און ער וואָלט איהר פערשפּאָרט אזא שפיכת־דמים.

„וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען מירעל?" האָט זרח אָנ־געפאַנגען מיט זיין ווייכע שטימע. נאַרעלע. עס מאכט זיך אַ מאָהל, מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש. אָט פיהל איך ניט גוט, האָב איך שוין ניט געטאָרט קומען אהיים? אָך דו נאַרעלע. בערוהיג זיך, עס איז גאָר ניט. אָט עס שטעכט מיר אין די זייטען, און איך פיהל זיך אביסעל שוואַך, האָב איך זיך מישב געווען, געהן אהיים און זיך אויסרוהען, טרינקען אַ פּאָר גלעזלאַך טהעע פון מאַלינעס, איינרייבען זיך מיט אַלקאָהאָל, און דורך שוויצען זיך, און מאָרגען, היידא צו דער ארבייט".

מירעלע האָט שוין פערשטאַנען, נור עס איז געקומען אזוי פּלוצלונג, אזוי אונערוואַרטעט האָט זי גע'טענה'ט, און זי קען גאָר ניט רעכט מאַכען ביי זיך אַז איהר זרח זאָל גאָר קראַנק זיין.

זרח האָט דעם טאָג זיך גוט אָנגעטרונקען מיט מאַלינעס, האָט זיך איינגעריבען מיט אַלקאָהאָל, האָט זיך געלייגט אין בעט, און האָט געשוויצט אויף וואָס די וועלט שטעהט, אונטער די צוויי דע־קעס אין וועלכע מירעל האָט איהם איינגעוויקעלט.

פון דאַמאָלס אָן זיינען שוין פאַראיבער זעקס וואָכען. ער איז שוין געווען אין דיספּענסעריס, ביי זיינעם אַ גוטען פריינד אַ דאָקטאָר, און אַלע האָבען געזאָגט דאָס זרח דאַרף האָבען פרישע לופט און בעוועגונג.

„עט!" האָט ער געמאַכט מיט די הענד „נור עפּעס באַלד איז ביי זיי פרישע לופט און בעוועגונג. איך זיץ אין שאַפּ ביי דער ווינדע און האָב, דאַכט זיך, גענוג לופט און בעוועגונג פעהלט מיר ברוך השם אויך ניט. איך זיץ דען רוהיג? איך ארבייט דאָך מיט די פיס, מיט די הענד, מיט אַלע אברים. אויך מיר דאָקטוירים"

אזוי פלעגט ער טענה'ן ווען ער פלעגט קומען פון די ספּעטערי צו ער פון דאָקטאָר.

אָבער נאָך אַלע זיינע אנשטרענגונגען, נאָך זיין גאַנצע מיהע צו דיינקען אז ער איז געזונד און עס איז אַ קלייניגקייט, פיהלט ער דאָך ציימענווייס אז ער איז געבראָכען, אויסגעשפּילט און ווען זרח האָט בעקומען זיין פיידע נאָך דער וואָך ארבייט, האָט ער דערפיהלט אזוי ווי אַ שטאָך פון אַ שפּיז וואָלט דורכגעלעכערט זיין הארץ.

„גאָט מיינער" האָט ער גערעדט צו זיך, געהענדיג אהיים „וואָס וועט זיין די ענדע ? ווי קען מען לעבען מיט אזעלכע קליינע פער־דינסטען ?

פּלוצלונג איז זיין בליק געפאַלען אויף אַ 12 יעהריגען איינגעלע וועלכער האָט געשריען „עקסטרא פּייפּערס ! עקסטרא!" אזוי ווי אַ בליץ איז איהם דורכגעלאָפען דער געדאנקען אז זיין משה'לע קען געהן ארבייטען, פערדינען. דאָס האָט געדויערט נור איין מאָמענט. ער האָט אָנגעפאנגען שפּאַנען שנעלער און מורמלען עטוואָס, דיע־זען געדאנק צו פערטרייבען פון זיך...

ווען ער האָט מירעלע'ן געגעבען די פיידע האָט ער ווי אַ גנב געהאַלטען די אויגען אראָפּ. עפּעס אַ מאָדנער געפיהל האָט איהם ארומגענומען. אַ מין שוואכקייט, אַ הילפלאָזיגקייט האָט זיך געזעהן אין זיין יעדען ריהר.

די אָרימע ווייבעל נעהמט צו דאָס ביסעל געלד און איהר פּנים בעקומט נאָך טיעפערע קנייטשען, אַ שווערער טרויער זעהט זיך אין איהרע אויגען אָבער זי שווייגט. זי פיהלט אז איהר רוהיגע וועל־טיל איז צושטערט, אז דער שטילער, ליעבער נעסט ווערט פערדעקט מיט אַ געדיכטען שווארצען וואָלקען.

עטוואָס אונערקלעהרליכעס, אונפערשטענדליכעס שרעקט איהר און זיי זיצען ביידע פערטיפט אין ביטערע מחשבות.

און משה'לע, זייער עלטסטעס קינד, אַ איינגעלע פון אַ יאָהר דרייצעהן, געראָטען אין טאַטען, מיט דער מאַמעס גוטע מילדע אוי־גען, זיצט דערביי און זיין יונגע הערצעל דריקט איהם. ער פער־שטעהט אז זיין גוטער פּאַפּאַ איז „סיק", קען ניט מעהר שווער אר־ביי‍טען און פערדיענען גענוג געלד, זיין קליינע קעפּעלע ארבייט, און ער ווענדעט זיך צו זרח'ן מיט זיין קינדערשע זיסע שטימע:

„יו נאָו פּאַ, איך בין שוין אָל רייט. דו ביסט סיק. עס וועט בעסער ווערען. באָס מיין פרענד חיימאן ווארקס אין אַ שאָפּ און

קריגט טרי דאָלארס א וויק און ער געזאָגט מיר דאָס עני טיים ער קריגט אַ דזשאָב פאַר מיר. איך וויל געהן וואָירקען“.

זרח גיט זיך אַ צאַפּעל, אזוי ווי געביסען פון אַ שלאַנג. ער ווייס ניט פון וואנען האָט זיך גענומען צו איהם אזאַ ווילדקייט, אזאַ גיפט. עפּעס איז ער געוואָרען אָנגעפילט מיט אן אונבעגרייפ־ליכע ביטערקייט און ער האָט מיט אַ הייזעריגע שטימע בעגלייטעט מיט אַ קלאַפּ אין טיש אַ געשריי געטהאָן:

„שטיל! שטיל זאָל זיין, דו לויפער! דו זאָלסט ניט ריידען פון ארבייט! אין סקול, אין סקול זאָלסטו געהן! דו הערסט! „געוועך מייגד, איך בין געזונד, איך וועל ארבייטען, איך וועל פער־דינען, איהר הערט?“ האָט ער ווידער אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פויסטען אין טיש. „איהר הערט וואָס איך זאָג. איך בין דער פערדינער! איך בין קראנק? — חא־חא־חא, האָט ער זיך צולאַכט מיט אַ היסטערישען געלעכטער „קראנק בין איך?“... און פּלוצלונג האָט ער זיך מיט האסט, וואַקלענדיג אויף די פיס, אוועקגעשלעפּט אין בעדרום און האָט זיך אריין געוואָרפען אין בעט.

* * *

און זרח'ס האָפנונג איז צושטערט געוואָרען. — משה'לע האָט דאָך געמוזט געהן ארבייטען.

„און איהר שטעהט פון ווייטען“

(א פאנטאזיע).

די זון האט זיך בעהאלטען הינטער די ריעזען געביידעס און איז פערשוואונדען.

עס איז געווען א פראכטפאלער זומער פארנאכט.

א ליעבליכער ווינטעלע האט געבלאזען און געלאסצעט. די בלעטער פון די בוימער האבען געהיימניספאל זיך געשושקעט.

איך בין געזעסען אין א געדיכטע אלעע פון גרויסען סענטראל־פארק.

איך האב אויסגעזוכט א פערוואָרפענעם ווינקעלע, וואו איך זאל זיך קענען אוועקרייסען פון דעם אלטעגליכען, קלעגליכען רויש; וואו מיין אויג זאל נור זעהן און בעוואונדערען די שעהנהייט פון נאטור: וואו מיינע געהירען. זאלען ניט אויפגערעגט ווערען פון יעדע ערשיינונג וואס מיין אויג בעאבאכטעט אין קאמפף פאר דעם לעבען. איך האב זיך בעהאלטען פון די מענשען, פון זייער יאגען און פלאגען, פון זייער קריינקליכען, אוננאטירליכען געלעכטער, פון זייער ברענענדע אויגען פול מיט קנאה, פון זייערע קליינליכע געדאנקען. פון זייערע וועה געשרייען וואס צורייסען דאס הארץ — אליין!... אין שאטען פון געדיכטע קליינע בוימעלאך, און גרינע, שמעקענדע גרעזלאך האב איך אראב געלאזען מיין מיעדען קערפער, און האב זיך איבערגעגעבען מיט מיינע געדאנקען אין א העכערע, עדלע, גייסטיגע וועלט.

די לבנה איז לאנגזאם געשוואומען איבער׳ן שפיגעל־גלאט־קלאהר־בלויען הימעל, און האט מיט א פולע האנד געוואָרפען איהרע זילבערנע שטראהלען אין אלע זייטען. מיט איהר געטליך רייצענדע שעהנהייט און מיט איהר סאמעט־רייכען בליק האט זי

אראָפּגעקוקט אויפ'ן געדיכטען וואלד וועלכער האָט ווי געבאָדען זיך אין איהר אונבעגרענצטער ליכטיגקייט.

א הייליגע ערענסטקייט, א געהיימניספאָלע שטילקייט איז געווען ארום מיר.

פון ווייטען האָט זיך געהערט א שטילער זשורצען פון א וואַסערל, וועלכער האָט אָנגעפילט די לופט מיט א ליעבליכע קיהלקייט.

פערשוואונדען זיינען פון מיין זכרון באַסעס און שקלאַפען, אָרעם און רייך, הערשער און בעהערשטע.

פערשוואונדען איז פון מיין אויג דער אנבליק פון די אָבגעפרעסענע געזיכטער פון די זאטע, די רייכע און די אויסגעמוטשעטע פנים'ער פון די הונגעריגע, די ליידענדע.

אראָב איז פון מיר די פּראָסטקייט, די וואָכעדיגקייט; א הייליגקייט האָט מיך ארומגענומען און מיך איינגעוויעגט, איינגעשלעפערט.

* * *

די געדיכטע, קליינע צווייגעלאך האָבען זיך ווייט פונאנדערגעעפענט, אָבגערוקט און עס האָט זיך געוויזען א גרויסער, ברייטער, פרייער וועג. אויפ'ן וועג האָב איך דערזעהן אן אונענדליך-גרויסע פּראָצעסיאָן וועלכע האָט זיך געצויגען אזוי ווייט ווי דאָס אויג קען גרייכען. לאַנגזאַם האָבען זיי זיך בעוועגט און מיט א שטיל ווייגענדיגען ניגון געזונגען, פון צרות און לייד, פון געדרויבטע פרייהייט און פערלאָרענע ליעבע.

איבער די מאַרשירענדע, אין דער לופטען, האָבען זיך ארומגעטראָגען מלאכים אין געטליך-שעהנע פרויען-געשטאַלטען און האָבען זיי באַשיצט פון א מחנה רויב-פויגעל וועלכע האָבען די מאַרשירענדע פערפאָלגט, און חשק געהאַט ארייַנצולאָזען זייערע שאַרפע נעגעל אין די קערפּערס, איינעסען זיך מיט די שנאָבלען אין די פלייש פון די וואנדערענדע און זויגען דאָס בלוט פון זייערע אָפּפער.

און דאָס זינגען איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ דרייסטער, מוטהיגער עס האָבען זיך געהערט שטימען אין וועלכע עס האָט אָבגעהילכט דער קלאַנג פון פּראָטעסט, געגען שלעכטס, געגען אונרעכט, געגען פערפאָלגונג.

א מיש מאַש איז עס געווען פון יונגע און אַלטע, פרויען און

קינדער, מאַסען סקעליעטען צווישען זיי, און אַלע צוזאַמען האָבען פאַרגעשטעלט איין בילד פון דער גרעסטער פערצווייפלונג...

די פראָצעסיאָן האָט זיך דערנעהנטערט. פאָראויס איז גע־גאַנגען א גרייז גראָער מאַן מיט אַ לאַנגע זילבער־ווייסער באָרד, מיט גרויסע ווייסע ברעמען און אַ הויך געקנייטשטען שטערען; מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף זיין גוטען פּנים, און אַ ים מיט ליעבע אין זיינע קלוגע אויגען.

אין איין האנד האָט ער געהאַלטען אַ דיקען שטעקען, אין דער צווייטער אַ בוך מיט דעם אויפשריפט „פרייהייט" אין גאָלדענע בוכשטאַבען, און מיט אַ שטילער שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען רייד־דען. די מיליאָניגע מאַסע איז ווי אָפּגעשטאָרבען. שאַ! קיין זיפ־צען, קיין פּראָטעסט. מיט די קעפּ ארונטער איז די מאַסע געבליבען ווי פערשטיינערט און דער אַלטער האָט זיך צו מיר געווענדעט:

„מענשענקינד! דו ביסט ענטלאָפען פון די מענשהייט; דו האָסט ניט געקענט פערטראָגען די ליידען, די שמערצען פון די אונ־ווויסענדע, דיין הארץ האָט דיר וועה געטאָהן צו צוזעהן ווי די וועלט איז פול מיט קין'ס און הבל'ס: דו האָסט ניט געקענט הערען די קרעכצען, די געשרייען פון אונשולדיגע, פון עלענדע און נידערשלאָ־גענע. דו האָסט עס ניט געקענט הערען און ענטלאָפען ביזטו פון דעם אַלעמען! דו עגאָאיסט! דו ווילסט זיין רוהיג? ווילסט ניט ליידען?

„און אויך אַזעלכע ווי דו האָב איך געבויט מיין גאַנצע האָפ־נונג! איך האָב גערעכענט אַז קיין ליידען, קיין אָפּפער וועלען פאַר אייך ניט זיין שווער, אַז איהר וועט מפקיר זיין אייער קליינינקען „איך" פאַר די אינטערעסען פון דער מאַסע און איהר — איהר שטעהט פון וויטען!"

און די פּראָצעסיאָן האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען. שטיל ווי פון אונטער דר'ערד, קוים וואָס עס הערט זיך, האָט וויעדער אָב־געקלונגען די זיס־טרויעריגע מעלאָדי, וועלכע האָט געבעטען, פער־לאַנגט און געפאָדערט.

מיינע מוסקולען זיינען ווי אָנגעשוואָלען געוואָרען. די קראַפט פון אַ שמשון הגבור האָב איך דערפיהלט אין מיר. דאָס בלוט איז הייס געפלאָסען אין מיינע אָדערן, מיינע אויגען זיינען פערשוואָר־מען געוואָרען מיט טרעהרען פון ליעבע, או דאָס הארץ איז ווי פער־טרונקען געוואָרען פון אַן איבער נאַטירליכע פרייד. איך בין אויפ־

נעשטאַנען און האָב געפיהלט אז איך בין נאָך אמאָל אויי גרוים אויסגעוואקסען. איך האָב איבערגענומען דעם בוך פון געטליבען אלטען און ער און די פראָצעסיאָן זיינען פערשוואונדען אי דער אונ־ענדליבקייט.

און די גרויסע מענשהייט לעבט אין פינסטערניס, איז איינגע־וויקעלט אין אונוויסענהייט, ליידעט, און טראָגט געדולדיג דעם שקלאפען־יאָך!...

זיין, אדער ניט זיין?

(א בלעטיל פון אן ארבייטער'ס טאגעבוך)

אך וואס פאר אן אומעט!

א גאנצען טאג איז דער הימעל געווען בעצויגען מיט א געדיכטען וואלקען. די לופט איז געווען אנגעפילט מיט אן עסענדע פייכטקייט.

דעמפיג, קאלט און פינסטער...

פון פינסטער בעגינען האב איך ארומגעוואנדערט אין די גאסען, צווישען די ריעזען-געביידעס, האב געקוקט אויף די סיינס און געזוכט ארבייט.

א מיעדער, א צובראכענער, האב איך געקלעטערט אויף הונדערטע שטיגען, האב אנגעבאטען מיין מוסקול-קראפט צו די זאטע: איך האב געזוכט, געבעטען א דזשאב, ביי וואס איך זאל קענען פערדיענען עטוואס צו דערהאלטען די נשמות פון מיין ארימע פרוי און קינדער.

„ניין, מיר ברויכען קיין הענד.“

דאס איז געווען דער קאלטער, טרוקענער ענטפער.

און איך האב זיך ארומגעשלעפט פערשמאכטער, א הילפלאזער, צווישען די רייכע און די משונה'דיגע גרויסע געביידעס האבען אזוי ווי אבגעלאכט פון מיר, פון מיין שוואכקייט, און האבען מיך געטריבען ווייטער... ווייטער...

א מיעדער, א פעראומערטער קום איך אהיים. א טויטע שטילקייט הערשט. אלע שלאפען שוין. איך קען אבער ניט איינשלאפען.

און מיר דוכט, אז איך האב שוין אלעס פערלארען אין דעם קאמפף פון לעבען — אלעס. מיינע כחות ענדיגען זיך. איך בין אויסגעמאטערט, צובראכען, און קען לייננער ניט קעמפפען.

פאר מיינע אויגען שטעלט זיך פאר דאס בילד פון א פישער וועלכער זוכט א וועג פאר זיין קליינע שיפעל אין גרויסען שטיר־מישען ים. מיט די לעצטע קרעפטען זיינע לאזט ער די רודערס פאטשען די כוואליעס אבער זיי ענטפערן מיט מעהר קראפט און אט בלייבט ער מאכטלאז. די רודערס פאלען ארויס פון זיינע הענד און ער פערטרויט זיך אן בלינדען שיקזאל. וועט ער קומען צו א ברעג?...

און אין מיין מוח ברענט די פראגע:

זאל איך ווארטען ביז דער שיקזאל וועט מיך פיליכט צושלאגען צו א ברעג אין ים פון לעבען און דערוייל זאל איך ליידען, אדער זאל איך איבערשניידען מיין לעבענס־פאדים און דערמיט אלעס ענדיגען?...

און אן אנדער בילד זעה איך פאר מיינע אויגען:

טויט ליעגט דער מאן, דער טאטע — ער פיהלט שוין ניט מעהר, ער לעבט שוין ניט מעהר, בעפרייט האט ער זיך פון אלע זיינע ליידען. ער האט שוין געפונען רוה — אין די ארעמס פון טויט.

א צובראכענער, איינגעקארטשעטער סקעליעט פון א פרוי ליעגט איבער דעם טויטען קערפער, און מיט א הערצרייסענדען געוויין רופט זי און וועקט איהם:

„שטעה אויף! וואָרום האסטו מיך איבערגעלאזען אליין, עלענד אין דיזער שלעכטער וועלט?... זעה דיינע ארימע פויגעלאך, ווער וועט זיך זארגען פאר די יתומים׳לאך, וועמען בעקימערט זייער שיקזאל? קום צוריק, דו טרייע נשמה אונזערע“...

און די עופה׳לאך, מיט אויגען פערלאפען פון קינדערשע טרעהרען זוכען זיי דעם פאפא. זייערע אונשולדיגע ווייכע הערצלאך ווערען פערדריקט פון אן אונבעשטימטען געפיהל — עס שרעקט זיי עפעס דער טאטע וועלכער ליעגט מיט ווייט אפענע, גרויסע, גלעזערנע אויגען, און זיי כאפען ארום מיט זייערע שוואכינקע הענטלאך די מאמע זייערע, אזוי ווי זיי ווילען איהר בעשיצען פון עפעס שלעכטעס און זיי פלאצען ארויס מיט א שרעקליכען יאמער: „פאפא... פאפאצקע“...

„ניין!... ניין! איך טאר ניט רויבען פון דיזע אונשולדיגע פויגעלאך זייער טאטען, זייער שוואכען בעשיצער. ניין! איך קען ניט פערניכטען דאס וואס איז פערפליכטעט צו אנדערע...

אבער, איך בין דאך אזוי מיעד, אזוי צובראכען!

רוהען. שלאָפען ווילט זיך. לאַנג, לאַנג שלאָפען, אייביג. קען איך דען עטוואָס טאָהן פאַר די וואָס זיינען מיר טהייער?

קען איך דען לינדערן זייערע יסורים?

קיינער וויל ניט געברויכען מיין ארבייטס־קראַפט, איך בין אויסגעשפּיעלט, אויסגעזויגען, א שוואַכער, א בלאַסער, וואָס נוץ איך זיי די ארבייט־געבער?

זיי דאַרפען געזונטע, רויטע באַקען, שטאַרקע הענט — דאָס שאַפט פאַר זיי אוצרות...

און איך שטעה הילפלאָז ווי א קינד, אין מיטען אזא אונגעהייערע עשירות, ארומגערינגעלט מיט אזא לוקסוס און רייכקייט, אין מיטען פון אזא פּראָגרעסיווע, שעהנע, ציוויליזירטע, פילאַנטראָפּישע וועלט — און איך פרעג:

„זיין אָדער ניט זיין?"

אַ מאַמע

(מאָנאָלאָג)

שאַ... שאַ... איך בעט אייך, שטיל זאָל זיין; טומעלט ניט, מאַכט ניט וואַכעדיג מיין שטימונג מיט אייער געפּילדער, מיט אייערע געשרייען!

האָט איהר ווען דורכגעלעבט אַ הייליגען מאָמענט פון ערוואַרטונג אויף אַ גוטען, ליעבען גאַסט? אויב יאַ, וועט איהר מיך פערשטעהן, וועט איהר וויסען ווי אָפּצושאַצען מיינע געפיהלען.

איך פיהל זיך אויפגעהויבען, אַרויסגעריסען פון אַלטעגליכען לעבען; איך לעב יעצט איבער עטוואָס הייליגעס, ערהאַבענעס.

מיין מיעדע, צובראָכענע האַרץ, פול מיט וואונדען פון די אונבאַרמהערציגע קלעפּ פון בייזען שיקזאַל, איז ניי בעלעבט, יונג געוואָרען. זי קלאַפּט אַזוי שנעל, אַזוי שטאַרק, ווי ביי יונגע, זאָרגלאָזע קינדערלאַך ווען זיי שפּרינגען איבער די גרינע בערגלאַך און טהאַלען אין אַ ליעבען זומער פאַרנאַכט.

מיינע אויגען, וועלכע האָבען לאַנגזאַם אָנגעוואָרען דעם גלאַנץ, האָבען זיך ברייט פונאַנדער געעפענט, אַ הימעלשע ליכט ברענט אין זיי און די גאַנצע וועלט באָדט זיך, טובל'ט זיך אין דעם ים פון געטליכע ליכטיגקייט.

דער קאָפּ אין וועלכען עס איז געווען אַ כאַאָס, אַ צומישונג, אין וועלכען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען ענטוויקלען די באַציליען פון פערצווייפלונג, וועלכער האָט זיך געבויגען, געוואָרפען, אַזוי ווי אַ יונגער בוימעלע פון אַ ווילדען בייזען שטורעם, איז אויסגעגלייטערט געוואָרען, האָט זיך אויסגעגלייכט און די פערצווייפלונג איז פערשוואונדען.

און איך, דער מיעדער, דער פעראומערטער, ווען די קוילען

פון לעבען האָבען אַלט געמאכט פאר דער צייט און אָנגעפילט מיט האַס און צאָרן אויף דער גאַנצער וועלט; איך וועלכער האָב פאר זיך געזעהן נור אַ ברייטען ים פון מענשליכע ליידען און האָב געמיינט אַז מיין האַרץ איז ניט מעהר ווי אַ נעסט פון זיפצען, בין אין גאַנצען פערענדערט געוואָרען. פרעהליך בין איך! אַ מאָדנער געפיהל פון פריינדליכקייט, פון ליעבע, האָט מיר ארומגעכאַפּט און קושען ווילט זיך מיר די גאַנצע וועלט, אַלעמען. איך בין צוריק אַ קינד געוואָרען, אַן אונשולדיגעס קינד, וועלכעס פאַנגט איצט אָן צו האָפען, טרוימען, גלויבען...

און ווי האָב איך געקענט אַנדערש פיהלען?

שוין פופצעהן יאָהר ווי איך האָב פערלאָזען מיין געבורטס־שטאָדט אין רוסלאַנד, די פינסטערע דעספּאָטישע רוסלאַנד וועלכע האָט גערויבט פון מיר מיין היים און האָט מיך פערטריבען צו זיין נע־ונד.

פופצעהן יאָהר ווי איך לעב אין אונזער גאָלדענע מדינה, וואו עס רינען טייכען „חלב ודבש" פאַר אַ קליינעם טהייל פון דער בע־פעלקערונג. דאָ אין אונזער מדינה וואו עדעלע הויכע געפיהלען ווערען שנעל איבערגעקאָכט אין קעסעל פון פּראַקטיקע און די הערצער ווערען פערהאַרטעוועט, פערשטיינערט, און אַלעס עדעלעס און ערהאַבענעס ווערט פערוואַנדעלט אין געשטאַלט פונ'ם דאָלער, אָט דאָ האָב איך, ווי פיעלע אַנדערע, אריינגעוואָרפען זיך אין אייביגען טומעל, בין געשליידערט געוואָרען פון די בייזע חוואַליעס פון לעבען, האָב געליטען, געשטריטען פאַר דעם עקזיסטענץ.

פופצעהן לאַנגע יאָהרען פון קאַמפּף און לייד, פון צרות אָהן פרייד, האָבען מיר געעלטערט, צובראָכען, איינגעבויגען מיין שטאָלץ, און איך בין געווען אַזוי עלענד! נישט געווען אַ מוטער'ס האַרץ וואו איך זאָל קענען אָנשפּאַרען דעם שוואַכען קאָפּ; ניט געווען אַ מאַמעמצקע וועלכע זאָל אין צייטען פון פערצווייפלונג, מיט איהר אונבעגרענעצטע מוטער־ליעבע פערטרייבען דעם געפיהל; אַ מוטער וועלכע איז אין שטאַנד מיט איהרע קושען אויסטריקענען די טרעהרען פון די אויגען. איך בין געווען עלענד און פלוצלונג —

נאָך פופצעהן יאָהר פון איינזאַמען לעבען, דערזעה איך מיין מאַמען פאר זיך!

די פינסטערע רוסלאַנד האָט איהר ניט געלאָזט זיצען רוהיג אויף איהר אָרט. מיין מאַמע איז געווען געצוואונגען איינציגווייז

אַרויסצורייסען איהרע קינדער פון די נעגעל פון דער בלוטדורשטי־גער רוסלאַנד און זיי אַוועקשיקען אין אַ פרעמדע לאַנד, און יעדעס מאָל ווען אַ קינד פאָהרט אַוועק רייסט עס אַרויס אַ שטיק האַרץ פון איהר. און דאָס איז נאָך ניט גענוג. די אַלטעצקע, גוטינקע מאַמעצקע לאָזט מען נאָך אַלץ ניט רוהיג זיין. שרעק פון פאָגראָמען, פון יסורים, האָט מען אויף איהר אָנגעיאָגט און זי מוז נעהמען דעם וואַנדער־שטאָק אויף די אַלטע יאָהרען און געהן וואַנדרעווען.

און די מאַמע איז געקומען צו אונז, איהרע קינדער.

מיין האַרץ טאַנצט צום צושפּרינגען פאר פרייד. ניט מעהר בין איך עלענד, ניט מעהר אַ לעבעדיגער יתום, מיין מאַמע, מיין מאַמע איז נעבען מיר!

מיין מאַמע! און איך שפּאַר אָן מיין קאָפּ אָן איהר דאַרע ברוסט און וויין, און וויין. פריידען־טרעהרען זיינען דאָס!

דער שלומיאל.

(סקיצע)

„פע, עס איז גאָר ניט שעהן פון אייך; וואָס זייט איהר אַ אינגעלע, וואָס? אַ מענש האָט אַ ווייב מיט קינדער, און זאָגט אַז ער ליעבט זיי, און ווען עס קומט צו פּרנסה, איז דאָס קען ער ניט און דאָס פּאַסט איהם ניט. עס דאַרף אַזוי ניט זיין“. אַזוי האָט מר. טורין גערעדט צו זיין פריינד בענני גוטהאַרד, ביים לעצטען אין הויז.

ראָזע, אַ קליינינקע, ריהרעוודיגע ווייבעל מיט לעבעדיגע, לוי־פּעדיגע אויגעלאַך, מיט אַ געזיכט וועלכער האָט געהאַט שפּורען פון פּערוועלקטע שעהנהייט, איז געזעסען געגענאיבער בעני'ן און איהרע אויגעלאַך זיינען געלאָפען פון בעני'ן צו מר. טורין, און צוריק.

„אָט דאָס איז דאָך געווען מיין צרה“ האָט ראָזע זיך ניט געקענט צוריק האַלטען פון אריינמישען זיך אין דעם געשפּרעך,“ דאָס איז דאָך מיין אומגליק. אַ מענש וויל זיין עהרליכער פון דער גאַנצער וועלט, און וואָס — זיין ווייב און קינדער ווערען פערשוואַרצט, דאָס איז ניט זיין באַבעס דאגה. איך ווייס ניט וואָס קלערט ער זיך“, האָט זי גערעדט האַרציג, און די אויגען איהרע זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען. „בעני, פרעג איך איהם, וואָס וועט זיין דער תכלית? ווי לאַנג וועסט דו מיך מוטשען? מיט דיינע פערדינסטען קען מען דאָך נור האָבען וואַסער אויף קאַשע — קיין עין־הרע אַ פאַמיליע פון זיבען פּערזאָן, מען דאַרף אַזוי פיעל, אַלעס איז יקרות, און מיין שלומיאל — דולט דעם קאָפּ מיט פּרינציפּען, אידעען, אַזעלכע וואָס ברייננגען גאָר ניט איין.“

„ניין, אַזוי טויג ניט,“ האָט מר. טורין בעשטעטיגט ראָזע'ס פּראָטעסט, „איהר פערשטעהט, בעני, מען דאַרף ניט זיין קיין גרי־נער, מען דאַרף בלאָפען — מען דאַרף האָבען מוטה. מיט אייערע פּרינציפּען וועט איהר קיינע שיכלאַך און קליידלאַך ניט קענען

קויפען פאר אייערע קינדערלאך, און דעם לענדלארד אדער גראסערי בילס ניט בעצאהלען. פאלגט מיך, אט גלייך שרייבט א בריעף צום מאנופעקטשורער וועלכער פערלאנגט א דעזיינער פאר דרייסיג דאלער די וואך, שרעקט זיך ניט וואס עס דאכט זיך אייך אז איהר קענט ניט. נעווער מיינד, אויב איהר קריגט נור דעם פלאץ, וועט איהר זיך שוין אויסלערנען שערען אויף יענעמס בארד, איהר פערשטעהט? דער עיקר איז האבען מוטה, זיך ניט שרעקען און א ביסעל אונטערבלאפען. ווי מיינט איהר האב איך זיך אויסגעלערנט? אז איך וואלט געווען אזא פייגלינג ווי איהר, וואלט איך נאך יעצט גזועסען און געאפרייטעט פאר אכט אדער צעהן דאלער א וואך. אבער פינף און פערציג דאלאר א וואך איז דוכט זיך מעהר, הא, וואס זאגט איהר?" און ער האט צופרידען זיך צולאכט.

בעני איז געזעסען און האט זיך אונבעקוועם ארומגערוקט אין זיין טשעהר, זיינע ליפען האבען זיך בעצויגען מיט א טרויעריגען שמייכעל.

„אך!" האט ער ענדליך ארויסגעפלאצט, „אלע זאגען אז צו בלאפען, אבצונארען יענעם דארף מען האבען מוטה. פערקעהרט, שיינט מיר, צו זאגען דעם אמת, זיך צו האלטען ביי א פרינציפ, דערצו דארף מען האבען מוטה, אבער צו זאגען ליגען דארף מען זיין א נידעריגער נפש, א מענש אהן א געוויסען."

ער האט געוואלט זיך פונאנדערלאזען מיט שארפע ווערטער צו פערטהיידיגען זיך און אנגרייפען זיינע געגנער. א שטרענגער בליק פון זיין ווייב האט איהם אבער ווי געזאגט ער זאל האלטען מויל וויל ער וועט בעליידיגען טורין'ען, א מאן וואס פערדיענט 45 דאלער א וואך. דאס האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט און ער האט געזאגט מיט א טרויעריגען שמייכעל:

„אל רייט, איך וועל ווערען מוטהיג און וועל אויך אנפאנגען בלאפען. גוט, איך וועל פאלגען, חא, חא, חא", האט ער הייזעריג געלאכט, „בעני א בלאפער!"

ווען טורין איז אוועק האט בעני אנגעשריבען א בריעף צום מאנופעקטשורער וועלכער האט פערלאנגט א 30 דאלארדיגען דעזיינער. ער האט זיך געשעהמט פאר זיך אליין ווען ער האט געשריבען אז ער קען דעם פאך אויסגעצייכענט, אז ער האט געהאט יאהרען עקספיריענס און נאך אזעלכע ליגענס. ווען ער האט דעם בריעף אוועקגעשיקט איז איהם לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען.

אויף מאָרגען, ווען בעני איז געזעסען ביי דער אַרבייט, האָט איהם דער באָס צוגעטראָגען אַ בריעף אין אַ געלען קאָנווערט, אויף וועלכען בעני האָט איבערגעלעזען דעם נאָמען פון דער פירמע צו וועלכער ער האָט געשריבען וועגען דעם פּלאַטץ.

זיין הארץ האָט אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען שטאַרקער, שנעלער, און ער האָט געדרעהט דעם אינוועלאָפּ אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט מורא האָבען צו עפענען. ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט און מיט ציטערענדע הענד אויפגעריסען דעם אינוועלאָפּ. דער בריעף איז געווען אַן איינלאַדונג פון מאַנופעקטשורער אויף מאָנטאַג, צעהן אוהר אין דער פריה, צו איהם אין אָפיס, אַלעס צו בעשפּרעכען און איינאָרדנען.

דעם אַנדער האַלבען טאָג האָט שוין בעני ניט געקענט איינזיצען רוהיג אויף זיין אָרט. ער האָט גענומען חשבונ׳ען וואָס ער וועט טאָהן מיט די 30 דאָלער אַ וואָך און האָט אויסגערעכענט אַז יעדער דאָלער וועט איהם שטאַרק צוניטץ קומען. וויילענווייז האָט איהם גענומען קלאַפּען די הארץ פאַר די ליגענס וואָס ער האָט געשריבען אין בריעף, אָבער דער געדאַנק וועגען די 30 דאָלער האָט אריבערגעשריען דיזען געפיהל.

אַהיים איז בעני אַריינגעלאָפען מיט אַ שמחה, אַ גדולה. זיין ראָזע האָט איהם אין אָנפאַנג ניט פערשטאַנען און האָט געמיינט אַז ער איז משוגע. ער האָט איהר אָבער געזאָגט אַז ער האָט בעקומען אַ בריעף פון מאַנופעקטשורער צו קומען אַרבייטען פאַר 30 דאָלער אַ וואָך און אויך זי איז ווי ניי בעלעבט געוואָרען.

„גאָט האָט אונז דאָך ניט פערלאָזען,“ האָט די ווייבעל געזאָגט און אין איהרע אויגען האָבען זיך געשטעלט פריידען-טרערען.

די קינדער האָבען דערפיהלט אַז אין שטוב האָט גענומען בלאָזען אַ נייער ווינטעל און זיי האָבען זיך אויך לוסטיג געמאַכט. אויפ׳ן חשבון פון די 30 דאָלער. די ענגע רומס זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קליינעם גן עדן און ערשטען מאָל זייט אַ לאַנגע צייט האָט דאָרט געהערשט פריידען און פרעהליכקייט.

דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט געפיהלט אין גאַנצען גליקליך, איז געווען בעני. דער געוויסען האָט איהם וויילענווייז געפּלאָגט פאַר די ליגענס וואָס ער האָט געשריבען אין בריעף און ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער די אַרבייט טאַקי ניט קענען און וועט מוזען פערלירען די שטעלע. געוואוסט האָט ער אַז מיט דעזיינערס

מאַכט מען געוועהנליך אַן אַגרימענט אויף אַ געוויסע צייט. דאָס האָט איהם אַ ביסעל בערוהיגט פון איין זייט, אָבער פון דער אַנדע־רער האָט עס איהם אַ ביסעל פערדראָסען וואָס ער וועט דורך ליגען צווינגען אַ מאַן איהם צו צאָהלען 30 דאָלער אַ וואָך.

ווען בעני איז מאָנטאָג געפאָהרען זעהען דעם מאַנופעקטשורער האָט ער זיך געמאַכט הארץ און איז געווען זיכער אַז ווען נויטיג וועט ער קענען בלאָפען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַריינגעהענדיג אין וואָרט־צימער האָט ער דאָרט געטראָפען 8 אַנדערע דעזיינערס. פון זיי האָט ער ערפאָהרען אַז מעהרער זיינען שוין אַוועק מיט גאָר נישט און אַז יעדער פון זיי האָט בעקומען פונקט אַזאַ בריעף ווי ער. ביי בעני'ן אין הארצען האָט זיך עפעס אָבגעריסען. זיין מוטה איז געזונקען. ער האָט איינגעזעהען אַז דערוויל האָט ער געבלאָפט אומזיסט, אַז דער באָס איז קליגער פון איהם. דאָס האָט געבראָכען זיין פעסטען בעשלוס ווייטער צו בלאָפען, אראָבצושלינגען דעם בי־טערען פיל אין גאַנצען.

איינציגווייז האָט דער מאַנופעקטשורער גערופען די דעזיינערס צום פערהער. בעני האָט זיך צוגעקוקט ווי יעדער וואָס געהט אריין אין צווייטען צימער זעהט אויס ווי די פערקערפערונג פון חניפה, שקלאַפעריי און בלאָף, און אַרויסגעהענדיג איז זייער בליק פינסטער און דער פּ,נים אָנגעבלאָזען, אַזוי ווי נאָכ'ן אָנפּאַטשען. איהם האָט עס געעקעלט און ווען ניט די עראַינערונג אָן ווייב און קינד וואָלט ער אַ שפּיי געטאָהן און אַוועק.

ענדליך איז זיין רייהע געקומען. ער האָט צוזאַמען געקליבען זיין לעצטע ביסעל מוטה, געמאַכט שטאָלץ און אריין צום באָס אין צימער. ער האָט אָבגעמאַכט ביי זיך צו זאָגען וואָס מעהר ליגען אַבי צו בעקומען די שטעלע. אָבער זייענדיג ניט געוואוינט דערצו האָט ער זיך געפּלאָנטערט און ווידערשפּראָכען. בעני האָט עס אַליין אויך גאַנץ גוט בעמערקט און איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען. דער מאַנופעקטשורער האָט איהם געהייסען געהן און איהם פער־שפּראָכען צו שרייבען ווען ער זאָל קומען אַרבייטען.

בעני האָט געוואוסט אַז דאָס איז ניט מעהר ווי געזאָגט, אַז דער 30 דאָלאַר דזשאָב איז שוין פאַר איהם פערלאָרען, און איז אַרויס פון אָפּיס מיט אונטערגעהאַקטע פיס.

„חאַ, חאַ, חאַ," האָט ער זיך ווילד צולאַכט אין גאַס, „בעני — אַ בלאָפער! חאַ, חאַ, חאַ."

זאַלטץ אויף דיא וואונדען

(אַן אַלטע מעשה וואָס איז אייביג ניי)

איהר פרעגט מיך וואָרום קלאָג איך? צו וואָס מאָהל איך שוואַר־צע, שרעקליכע בילדער פון אַרבייטער׳ס לעבען? צו וואָס שיט איך זאַלץ אויף די וואונדען? איז דען די וועלט ווירקליך נור אָנגעפילט מיט צרות און שמערצען?

און איך זיץ ביים שרייב־טיש און קלעהר: אַ טהעמאַ אַ לעבע־דיגע, מיט גליקליכע, צופרידענע זוך איך.

און אַזוי ווי אונטער אַ שוואַרצען פאַרהאַנג זעה איך וואו ניט וואו אַ פרעהליכען, אַ צופרידענעם. פאַראויס שווימען בילדער פון יסורים, פון צרות, פון לייד.

אַ גרויסע, ברייטע פעלד שפּרייט זיך אויס פאַר מיר. די זון האָט זיך בעהאַלטען אונטער די הויכע בערג. די נאַכט איז אַ שטילע. אַ ווינטעלע בלאָזט, און ברייננגט ערלייכטערונג נאָך דעם ברענענד־זודיגען טאָג. און אין דער פינסטערנים צוטראָגט זיך אַ וועה־געשריי, אַ האַרץ־רייסענדער קרעכצען און אָכצען פון גוסס׳ע.

טייכען מענשען־בלוט זעה איך פליסען, בערג מיט הרוגים, צוריסענע קערפּערס, קופּעס מיט שטערבליך־פערוואונדעטע. גע־שרייען פון די גוסס׳ע פילט אָן די לופט מיט אַ שרעקליכען יאָמער.

דאָס איז די אַרבייט פון די מאָדערנע מאָרד אינסטרומענטען. אין מלחמה האָבען זיי געצייגט וואָס פאַר אַ גוואַלטיגען פּראָגרעס אונזער ציוויליזירטע מענשהייט האָט געמאַכט.

און איהר? איהר ווילט פרעהליכע בילדער?

אין מיין פאַנטאַזיע עפענען זיך פאַר מיר די טויערן פון די פעקטאָריס, וואו טויזענדע אַרבייטען מיט איינגעבויגענע רוקענס, מיט דעם ביטערען שוויים, צובראָכענע, אויסגעמוטשעטע.

סקעלעטען זעה איך. זיי צאפלען זיך, יאגען פון זיך ארויס די לעצטע ביסעל כחות. און וואס ווילען זיי? ברויט פאר דער ווייב און די קינדערלאך, און איהר ווילט אז פרעהליכעס זאל איך אייך שרייבען?

קליינינקע, אונשולדיגע קינדערלאך, שוואכינקע, בלאסינקע, נאך קערפערליך ניט ענטוויקעלט, ווייסען שוין דעם יאך פון פרנסה. איך זעה זיי אין די פריהמארגענס ווי זיי שלעפען זיך, קוים וואס זיי בעוועגען זיך, פערשלאפענע, מידע, צו דער ארבייט.

און איהר ווילט איך זאל אייך דערצעהלען פון צופרידענע, גליקליכע?

טויזענדע פוס אינטער דער ערד, און אין שטיקענדער, שעדליכער אטמאספערע, זייענדיג אין געפאהר פערשאטען צו ווערען לעבעדיגערהייד, לעמפלאך צוגעשרויפט צום שטערן, מיט טאטשקעס איינגעשפאנט צום רוקען. אזוי ווי קאטארזשניקעס שלעפען זיי מיט איבערמענשליכע כחות, אין דרייען געבויגען, די שווערע משא.

זיי הארעווען, ווערען פערשווארצט, גערויבט פון דער ליכט פון דער זון ליגען זיי דארט און פערזארגען די וועלט מיט ליכט, מיט פייער, מיט אלעם וואס מאכט דעם לעבען אנגענעהם.

קוילען גראבען זיי פאר אלעמען, און פאר זיך קברים.

לעבעדיגעם זאל איך אייך מאהלען?

און איך זעה רייכע וואהנונגען, פאלאצען, ארומגערינגעלט מיט גערטנער און סעדער, שטעהען געשלאסען, ליידיג, א גאנצען זומער אין דער צייט ווען טויזענדע שטיקען זיך אין ענגע לופטלאזע הייזער. דער געזאנג פון די פויגעל געהט פערלארען אין די ארומגעצאמטע סעדער, די פרוכט פערוועלקט אויף די בוימער, די גרינע גראז פערוויאנעט, און די בלומען בליהען איבער ניט ברייגענדיג קיין נוצען פאר קיינעם אין דער צייט ווען טויזענדע אויערען שמאכטען פאר א זיסען קלאנג, טויזענדע לונגען ווערען אויסגעצעהרט אויס מאנגעל אין פרישע לופט, אין ריח פון בלומען און גראזען, און טויזענדע הערצער וואלטען זיך דערקוויקען, מחיה זיין מיט א יונגע פרי.

אי, איהר ווילט איך זאל פאר אייך מאהלען פרעהליכע בילדער, האַ?...

נאכ'ן שאפ

א בילד.

זי איז געקומען פארנאכט פון דער ארבייט א צובראכענע, מיט שווערע, קוים־באוועגנדע טריט האט זי געקלעטערט אויף די שטי־גען.

א פערמאטערטע איז זי אריין געפאלען אין איהר צימער, זי האט זיך געפיהלט אזוי מיעד, אזוי מוטהלאז, עפעס א מאדנע שוואכקייט האט זי ארומגעכאפט, א שווערע פוילקייט האט זיך איינגעגעסען אין אלע איהרע אברים.

נאכלעסיג האט זי אראפגעווארפען דעם הוט, און האט זיך שווער אראפגעלאזט אויף א טשער וואס איז געשטאנען ביי אן אפענער ווינדע וועלכע איז ארויסגעקומען אין גאס. מיט שטארע בליקען האט זי געקוקט פאר זיך, איבער די גרויסע טענעמענט הייזער פון וועלכע עס האט זיך צוטראגען א שטורעמדיגער קאכען און זיעדען.

זי האט געקוקט אין דער אונענדליכקייט, און איהר צו־וויטאגטע הארץ האט געפרעסט, געריסען.

מיעד איז זי פון אלעם וואס רינגעלט זי ארום, פרעמד פיהלט זי זיך אין דער טומעלדיגער וועלט, קאלט פיהלט זי זיך אין דעם ברענענדען מענשליכען גיהנום...

ניין, זי קען זיך ניט צופאסען צום לעבען, זי קען ביי זיך ניט רעכט מאכען, די אונרעכטען וועלכע זי זעהט אויף שריט און טריט.

דער שאפ איז איהר גיהנום, דארט זיצט זי אפ דעם גאנצען טאג אזוי ווי א שטיק האלץ. זי ארבייט מעכאניש, ווארפט זיך ביי דער מאשין, אבער איהרע געדאנקען, איהר גאנצער „איך" איז ווייט, זעהר ווייט פון דעם שרעקליך ענגען, שטיקענדען שאפ.

זי האסט דעם באס, דעם פארמאן, די מאשין, און אפטמאל

רייסט זיך אריין אין איהר פערוואונדעטעס הארץ א האס צו די ארבייטער... זיי, אט די נאראנים, זיינען די שולדיגע אין דער אונ־רעכט וואס טהוט זיך אויף דער וועלט! היינט האט איהר דער שאפ נאך מעהר אפגעעקעלט, נאך א טיעפערען שניט האט דערפיהלט איהר מיעדע הארץ; די ארבייטער האבען פרעזענטירט דעם פארמאן מיט א וואטשקע צו זיין געבורטסטאג; זי האט עס צוגעזעהען מיט פערלאפענע אויגען פון טרערען, און דער פארמאן, אזוי ווי צו רייצען זיך מיט איהר, האט איהר אייניגע מאל געצייגט דעם שעהנעם פרעזענט וואס זיינע ארבייטער האבען איהם געגעבען; א מיעדע, א צוקרייענקטע איז זי געקומען אהיים... זי זיצט און אין איהר שווא־כען קאפ מישט זיך. אוועקרייסען זיך ווילט זיך איהר פון דעם אלעס. און אזוי זיצענדיג, קוקענדיג אין דער אונענדליכקייט, פער־שווינדען פון איהר פאנטאזיע דער שאפ, דער באס, די ארבייט, אלעס, אלעס, שווימט אוועק ווייט פון איהר. און איהר פאנטאזיע טראגט זיך אריבער אין א פרעהליכערע גליקליכערע צייט... צו איהרע קינדער־יאהרען...

זי זעהט זיך צוריק ביי איהרע עלטערן אין דער קליינער שטעדטעל, דארט וואו די הייזער זיינען בעהאלטען אין געדיכטע בעוואקסענע ביימער, דארט וואו מען לעבט מיט דער נאטור געזיכט צו געזיכט.

זי איז א קלייניגקע מיידעלע, מיט א רונדען ווייסען געזיכט, אויף וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ א נאטירליכע רויטקייט. זי ווערט געצערטעלט, געכאוועט, געהאליובעט פון דעם טאטען, אויפגעפאסט, אפגעהיטו פון דער מאמען.

זי איז א געהארכזאמעס, א גוטעס קינד, לערנט זיך מיט חשק, און אלע זיינען איבערראשט פון איהר פארטשריט, פון איהרע פע־היגקייטען, און דער טאטע ציטערט איבער איהר, זיין שטאלץ, זיין נחת איז זי, זיין גוטע ליעבע ראזעלע...

און איהר לעבען פליעסט זיך רוהיג, שטיל, קיינע שטורעמס האבען נאך ניט אטאקירט איהר לעבענס־שיפעלע.

אין א גלאטען קלאהרען ים איז זי געשוואומען אין איהרע קינדער־יאהרען. בילדער, אייגע העדליכער פאר דער אנדערער, טראגען זיך פאר איהרע אויגען, אויף יעדען טריט בעגעגענט זי ליעבע, ווארימקייט, הייסע פריינדשאפט, טרייע איבערגעבענהייט. זי פערנעהמט א געוויסען פלאטץ אין לעבען, זי איז ניט איבריג

אויף דער וועלט. זי איז אַ שטיק חיות פון נאָך פיעלע וועלכע רינגלען זי אַרום, זי פערזיסט זיי דעם עקזיסטענץ און איז זייער טרויסט אין אַלע צייטען. איהר געלעכטער, איהר פרעהליכקייט רופט זיך אָפּ אויף אַנדערע און שפּיגעלט זיך אָפּ אויף די פּנימער פון איהרע ליעבע טהייערע עלטערן. איהר אומעט, איהר מעלאַנכאָליע, פערציהט מיט כמאַרעס פון זאָרג און אומרוהיגקייט די זיסע געזיכטען און מען קוקט איהר אין די אויגען, מען ווייס ניט וואָס צו טאָהן איבער איהר...

וואו זיינען יענע צייטען? אַ קאַלטער שוידער פליהט דורך איהר קערפּער דערמאָנענדיג זיך אָן דער פינסטערער ביטערער געגענוואַרט און זי גיט אַ ציטער מיט אַלע אברים פון שרעק און פון עקעל. ווער דאַרף זי דאָ, וועמען ברייננט זי נוטצען מיט איהר דאָ־זיין? פרעמד און קאַלט איז איהר די גאַנצע אַרומיגע וועלט; אַ קליין צווייגעלע אָפּגעריסען פון אַלטען ליעבען בוים און פערטראָגען דורך די שטירמישע אינדען פון קאָכענדען בייזען ים ווייט, ווייט ערגעץ, אין קעלט און אין צאָרן... אַ צאַרטעס בלעטעלע פון אַ זיסער בלום אָפּגעריסען דורכ'ן שטורמווינד און פערשליידערט, אוועקגעוואָרפען העט־העט, אין לאַנד פון נאַכט און פראָסט... ווער אינטערעסירט זיך מיט איהר, וועמען געהט אָן איהר עקזיסטענץ? זי ווערט פערלאָרען אין דעם אונענדליכען ים און ווערט געדרעהט פון שטראָם און אומגעוויטער.

איהר הערץ פילט זיך אָן מיט אַ ביטערן רחמנות צו זיך זעלבסט. אַן עסענדער, ברענענדער מיטלייד ערוועקט זיך אין איהר צו איהר עלענדער לאַגע. איהרע ליפּען פאַנגען אָן צו בעוועגען זיך, זיי נעהמען ציטערן, וואַרפען זיך ווי אין קאָנוואולסיע; איהרע אויגען עפענען זיך ברייטער, פערקאַשערען זיך אַלץ מעהר, איהרע אַקסעל האָבען זיך אַ הויב געטאָהן און אַ ים טרעהרען האָט גענומען פלייצען איבער איהרע באַקען.

זי האָט זיך ביטער צו־וויינט, איז צוגעפאַלען מיט'ן קאָפּ צום בעטיל, איינגענורעט זיך אין קישען, פונקט ווי זי וואָלט ווועלען איבערלאָזען דאָרט איהרע גאַנצע בייגקעניש, עלענד און ביטערקייט.

ווער איז שולדיג?

(אַ בלעטעל פון מיין טאָגע־בוך)

אפפ... ווי קאַלט עס איז אין צימער!...

דער הימעל איז ווי אַנגעשוואָלען מיט געדיכטע שווארצע וואָלקענס, וועלכע הייננען איבער אונזער וועלטיל. די לופט איז אַן עסענדע, אַ קאַלטע, אַ געדיכטער טומאַן האָט אַלעם איינגעהילט אין אַ גרויען מאַנטעל... דורך די פענסטער רייסט זיך אריין די פריה־מאָרגען לופט און וועקט מיך, און רופט מיך צו מיין פליכט. און איך בין אַזוי מיעד, אַזוי צובראָכען פון די אייביגע זאָרגען פאר דעם שטיקעל ברויט...

עס ווילט זיך מיר ניט ארויסקריכען פון אונטער מיין צודעק, וואו איך האָב דערוואַרעמט מיינע מיעדע אברים, עס ווילט זיך נאָך אַ ביסעלע אויסציהען מיינע מיעדע גליעדער עס ווילט זיך נאָך אַ ביסעלע אויסציהען מיינע צובראָכענע ביינער.

נאָר דער פריהמאָרגען קלאַפּט אין מיין פענסטער און רופט מיך צו דער ארבייט.

איך מוז, איך דאַרף טראָגען מיין מוסקעל־קראַפט אויף דעם מאַרקעט און דאָרט עס אויסבייטען אויף די קלינגענדע מטבעות, וועלכע זיינען די גאַנצע רעגולירענדע קראַפט אין אונזער צוזאמען־לעבען.

אַך ווי מיעד איך בין... אַך, ווי עקעלהאַפט איז מיר, אימער די זעלבע ארבייט, אימער אין דעם זעלבען קליינליכען קאַמפּף...

מיט געוואַלד האָב איך זיך ארויסגעריסען פון אונטער מיין צו־דעק. — די לופט אין צימער איז קאַלט און מאַכט מיך ציטערן...

שנעל מאַך איך פערטיג מיין אָרימען טואַליעט. איך בין שוין אָנגעצויגען, און איך גיב איבער מיין אָרימער פרוי די עטליכע

דאָלער פּיידע, וועלכע איך האָב לעצטע נאַכט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט איהר איבערצוגעבען.

איך זעה ווי זי נעהמט דאָס געלד, ציילט עס לאַנגזאַם. איהר בלאַסער איינגעצויגענער געזיכט ווערט באַצויגען מיט אַ שוואַרצען וואָלקען, איהר בלאַסער שטערן ווערט באַדעקט מיט געדיכטע טיעפע קנייטשען אַזוי ווי זי האָט פאַר זיך אַ שווערען מאַטעמאַטישען רעכענונג.

איהרע ליפּען מורמלען שטיל, אונשולדיג...

וואָס זאָל איך טאָהן? וועמען זאָל איך עס געבען פריהער? דעם גראָסערימאַן אָדער דעם לענדלאָרד? דעם בוטשער אָדער קוילען־מאַן? און די קינדערלאַך זיינען דאָך נעבאַך נאַקעטע, און דער בייזער ווינטער שרעקט אַזוי... און איך בין דאָך אַזוי אָפּגעריסען!...

זי, די אָרימע, רעדט מיט אַ ציטעריגער שטימע פון גרויסע יסורים...

איך שטיי, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען ווי אַ פערברעכער. אין מיין צו־ווייטאָגטער האַרץ שטורעמט, פרעסט און דריקט... איך בין אָנגעפילט מיט אַ כעס אויף זיך אַליין, אויף מיין שוואַכקייט...

איך הער צו איהרע רייד, און פיהל די ביטערע פאָרוואורפע וואָס מיין אָרימע פרוי מאַכט מיר... אין איהרע טענות צום לענדלאָרד, צום גראָסערימאַן, הער איך אַ טענה צו דעם „לא יצלח“.

איך קען ניט טרינקען דאָס ביסעל טהעע... איך קען ניט עסען דאָס שטיקעל ברויט, עס ווערט מיר היים... עס ווערט מיר ענג.. איך פיהל ווי איך ווער דערשטיקט פון היץ אין מיין קאַלטען צימער... איך שעהם זיך פאַר מיין קליינקייט און ווי אַ פערברעכער אנטלויף איך פון מיין הויז...

איך זיץ אין קאַר, עס זיצען און שטייען פיעלע פון מיינע שקלאַפען־גענאָסען, פערשלאָפענע, פערפראָרענע, נאָר אַלעם איז פרעמד צו מיר...

מיין אָרימער קאָפּ איז אָנגעפילט מיט שווערע ביטערע געדאַנקען, מיין ווייבעלס צוקרימטער געזיכט פול מיט פאָרוואורפעבליקען פערפאָלגען מיך...

געזעגנט ביזט דו, מיין אָרימע, ליידענדע לעבענס־בעגלייטערין. וואָס האָב איך דיר אָרימער געגעבען, פאַר דעם גרויסען אָפּפער וואָס דו האָסט מיר געבראַכט?

וואָס האָסטו פון מיר בעקומען, פאַר דיין יוגענד, דיין פרישקייט וועלכעס דו האָסט געבראַכט אַלס קרבן אויף דעם מזבח פון אונזער פעראייניגונג?...

וואָס?... האָב איך געטאָהן מיין פליכט אַלס דיין בעשיצער?... ניין! ניין! איך בין אַ שורקע... אַ עגאָאיסט...

אונבעזאָנען בין איך בעגאַנגען דעם שריט — האָב צוגעבונדען דיין שיקזאַל צו מיינעם, ניט קלערענדיג וועגען מיין אונפעהיגקייט צו צופאַסען זיך צום לעבען — אום זיין אים שטאַנד באַשיצען דיך פון גייסטיגע און קערפערליכע שמערצען...

איך בין אַ פערברעכער קעגען דיר אָרימע... איך פיהל ווי די גייסטיגע יסורים דערשטיקען מיך... איך פיהל ווי מיין הארץ ווערט אָנגעשוואָלען פון איין אונגעהייערען שמערץ...

מיאוס איז מיר מיין שוואַכקייט... עקעלהאַפט ווערט מיר פאַר מיין „איך".

איך זיץ ביי דער ארבייט... די מאַשין איז קאַלט... דער שאַפ איז אָנגעפילט מיט געז — די לופט איז דערשטיקט צו ווערען — אַלעם טרייבט פון זיך מיך פראָסט און פוסטקייט...

די ארבייטער און די ארבייטערינען זיצען איבערגעבויגענע ביי די קאַלטע, געפיהל־לאָזע מאַשניקעס און ארבייטען.

די געזיכטע זיינען פערשלאָפענע — פערחלום'טע... מיעדע, צוּבראָכענע צאַפלען זיך ביי די מאַשינקעס... עס רוישען די מאַשינען, עס קרעכצען די רעדער, און אין מיין קאָפ איז אַ כאַאָס...

די ארבייטער וויצלען זיך איבער מיר; זיי ווייסען ניט וואָס אין מיין אָרימער הארץ טהוט זיך, זיי ווייסען ניט וואָס אין מיין שוואַכער קאָפ קומט פאָר...

צערישטרייאונג האָב איך געדאַרפט! — פאַרטומלונג האָב איך געזוכט!...

איך האָב געוואָלט, געמוזט עפּעס געניסען, וועלכעס זאָל מיך פאַר'שיכור'ן און מאַכען מיך פארגעסען אין די גייסטיגע יסורים וועלכע איך האָב איבערגעלעבט דיעזען פריהמאָרגען...

איך זוך זיך פערטומלען אין דער ארבייט, איך גראָב איין טיעפער מיין קאָפ — זאָל די מאַשין שטאַרקער רוישען! — זאָל דער קרעכצען פון די רעדער אריבערשרייען מיינע וועהטאָגען — מיינע פלאַמענדע געדאַנקען!...

אָבער ניין, דאָס רוישען פון די מאַשינען איז צו שוואַך, עס

איז ניט אימשטאַנד מיך צו פערטומלען. ניין: איך דאַרף געניסען — עטוואָס שאַרפעס — שניידענדעס, און מיין געדאַנק בלייבט ביי דאָס וואָרט שנאַפּס...

ביי די ערשטע שאַרפע שטאַרקע טראָפּענס, האָב איך דער־פיהלט א חיות, — מיין בלוט האָט אָנגעפאַנגען לעבעדיגער צו קאָ־כען, און די צירקולאַציאָן אין מיין קערפער איז געוואָרען איין ער־רעגענדע —

איך פיהל די לעבערליכקייט פון מיין לאַגע — אָבער איך בין שוואַך... די ליידען — די יסורים האָבען מיך צובראָכען, איך קען ניט ביישטיין... און — איך טרינק ווידער, און ווידער.

עס ווערט מיר גרינג — דער קאָפּ ווערט פוסט — די געדאַנקען שווימען אוועק — ווייטער... ווייטער... דאָס האַרץ געהט אָפּ פון ווערהטאָג... עס איז לייכטער געוואָרען... איך פיהל זיך אַזוי גוט — אַזוי וואָהל...

דער צונג ווערט פריי... איך פּלאַפּעל ווי א קינד... אַלעס שלעכטעס... אַלעס וואָס האָט מיר געמאַטערט איז פערשוואונדען פון מיין זכרון, און איך וויק זיך אין א ים פון אונבעוואוסטע גוטסקייט...

טיעף דורכדרינגענדע איראָנישע בליקען האָבען מיך אויפגע־וועקט פון מיין שלומער...

דער באָס שטעהט, קוקט אויף מיר, זיינע ליפּען זיינען בעצוי־גען מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל, — פעראַכטונג ליעגט אין זיינע אויגען —

א ציטער איז דורכגעלאָפען מיין קערפּער... איך האָב דער־זעהען מיין שוואַכקייט — די שוואַכקייט פון מיין קלאַס און די שטעכענדע בליקען פון מיין באָס...

יאָ! איך פערשטעה — זיי זיינען צופרידען אונזערע באַסעס ווען אונזער פערצווייפלונג טרייבט אונז ניט ווייטער ווי צו דעם ביטערען טראָפּען — פאַר אַזעלכע האָבען זיי זיך ניט וואָס צו שרעקען — אַזעלכער ווערט אימער שלעפען דעם שקלאַפען־יאָך ביז זיין נשמה ווערט פערברענט דורך יסורים....

אָט יעצט האָב איך דערזעהען דאָס ניט איך בין דער פער־ברעכער געגען מיין אָרימער ליידענדער ווייבעל — געגען מיינע קינדערלאַך.

ניין! — ניט מיר זיינען שולדיג — זיי אָט די וועלכע האָבען

צוגערויבט די גאַנצע רייכקייט — אַלע אוצרות פון דער וועלט
פאַר זיי — אָט דיעזע זיינען די פערברעכער, דיעזע זיינען די שול־
דיגע...

איך וויל פערגעסען אָן דעם באָס... און זיינע שטעכענדע לאַ־
בענדע אויגען מאַכען מיין קערפּער ציטערן ווי פון דער אָנרירונג
פון איין עקעלהאַפטע חיה...

אָבער איך קען ניט, — איך פערליר זיך... דער אומעט, די
נאָגעניש האַפּט מיך אַרום מיט דאָפּעלטער קראַפט...

די יסורים פון דעם פריהמאָרגען ערוואַכען אין מיר. דורכדרינ־
גענדע שמערצענדע וויטאָגען האַפּען מיך אַרום, און צוברעכען
מיין שוואַכען „איך“... איך שעם זיך פאַר זיך אַליין... עס ווערט
מיר מיאוס מיין עקזיסטענץ...

איך פיהל זיך אַ געבונדענער פעראַכטענדער שקלאַף אין די
גרויזאַמע הענד פון בעלי־בתים —

פוי!... עס עקעלט מיך פאַר זיך... איך האָס זיך... איך האָס
די אַרבייטער... איך האָס דעם באָס... מיין האַרץ ווערט איבער־
שוואומען מיט אַ גוואַלדיגען האָס — איין אונענדליכען האָס צו
־ער גאַנצער מיזעראַבלער געזעלשאַפט...

זיא קען זיך ניט ענטשליסען!

(סקיצע)

בעקיע פריעדמאַן איז שוין אַ מיידעל אין יאָהרען.

וואָרום זי האָט ביז יעצט ניט געהייראַט, איז אַ פראַגע וועלכע דער בלינדער שיקזאַל דאַרף פערענטפערען.

זי איז אַ גאַנץ היבשע, סימפּאַטישע פריילין, איהר ליינגליכער בלאַסער געזיכט האָט אין זיך די ליעבליכע ערנסטקייט מיט וועלכע מען געווינט דאָס צוטרויען, די פריינדשאַפט פון יעדען. קיין נאַר איז בעקיע קיינמאָל געווען, פאַרקעהרט — זי איז אַ בעלעזענע, אַ פּראָגרעסיווע, און עס איז גאַנץ אַנגענעהם מיט איהר צו פערברייננגען.

און דאָך, און עס האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט, דאָס די ליעבע־פּיילען זאָלען איינעם טרעפען פון אַלע איהרע פערעהרער, וועלכער זאָל איהם אַנבאַטען זיין הארץ...

עס זיינען געווען פיעלע צווישען איהרע בעקאַנטע, וועלכע, ווי עס האָט אויסגעוויזען, האָבען געהאַט אַ נייגונג צו בעקיע׳ן, האָבען זי רעספּעקטירט, האָבען זיך מיט איהר אַמוזירט, אָבער קיינער פון זיי איז ניט אָנגעצונדען געוואָרען מיט יענער פלאַמענדער ליעבע, וועלכע מאַכט די מענער פאַר שוואַכינקע ברואים׳לעך, וועלכע בייגען זיך, קריעכען אויף די קניע פאַר זייערע געטער.

און אַזוי איז בעקיע פערזעסען געוואָרען.

מיט אַ פעראומערטער צו־ווייטאָגטער הארץ האָט זי צוגעזעהען ווי אַלע איהרע בעקאַנטע, פריינדינען, האָבען געפונען זייערע הערצענס־געליעבטע, האָבען זיך פערהייראַט, און יעדע פון זיי האָט געהאַט איהר פּעקיל צרות.

אַנדערע האָבען שוין געהאַט קינדערלאַך, וועלכע האָבען זיי פאַרזיסט דעם לעבען מיט די קינדערשע מוזיקאַלישע געשרייען

און געלעבטערס. נאָר זי איז נעבאך, אליין... עלענד... צווישען אזא גרויסע צאָהל פערעהרער און בעקאַנטע.

מיאוס איז איהר, דער אימער און דערזעלבער לעבען, עקעל־האַפט איז איהר די שטענדיגע אַרבייט, די שעפּער. — איין ענדע־רונג אין איהר לעבען וואָלט זי געגאַרט צו האָבען, נאָר דער גרויזא־מער שיקזאַל האָט זיך אויסגעלאַכט פון איהר וועה און האָט איהר געלאָזט ליידען.

נור אָט האָט אויף בעקיע׳ס האָריזאָנט אויפגעבליצט אַ שיינענ־דער שטערן...

עס איז געווען אין אַ זומער פאַר נאַכט, ווען נאָך אַ שווערען טאָג אַרבייט האָט זי זיך מיט אַ געזעלשאַפט אוועקגעלאָזען אין פּאַרק, אַ ביסעל זיך מחיה זיין מיט דער ריינער פרישער לופט...

אונבעמערקט פאַר זיך אליין, האָט זי זיך אָפּגעטהיילט פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, און איז פערגאַנגען אין אַ קוסט פון געדיכ־טע בוימער. מיעד איז זי געווען און זי האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די גרינע גראָז, וועלכע האָט אָנגעפילט די לופט מיט אַ ערקוויקענ־דען אַראָמאַט...

ווי לאַנג זי איז דאָרט געזעסען, ווייס זי ניט. בעקיע׳ס געדאַנ־קען זיינען פּלוצלונג געשטערט געוואָרען פון אַ בעקאַנטער שטימע, וועלכע האָט בעלאַנגט צו דייוויד גרינבערג, איינער פון איהרע בע־קאַנטע, צו וועלכען זי האָט געהאַט אַ נייגונג, אַ סימפּאַטיע, און וועלכער האָט איהר מיט דאָס זעלבע געצאָהלט.

מר. גרינבערג איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַכט און צוואַנציג יאָהר, איין ערלער סימפּאַטישער געזיכט און צוויי פער׳חלום׳טע ווייכע, איינדרינגענדע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט פון דער קאָפּ וועלכע איז געווען בעדעקט מיט געדיכטע שוואַרצע האָר.

גרינבערג איז געווען אַ ענטוויקעלטער, קלוגער, געבילדעטער מענש, מיט וועלכען זי האָט אמת הנאה געהאַט צו פערברייננגען אין זיין געזעלשאַפט האָט זי זיך פערגעסען אַן עלענד....

דאָס בייזקענעס, און נאָגענעס פון איהר מיעדער האַרץ פלעגט פאַרשווינדען, ווען ער האָט מיט איהר זיך אונטערהאַלטען, ווען ער האָט מיט זיין אנגענעהמער פליעסיגער שפּראַכע איהר ערקלערט אָדער ערצעהלט, פאַסירונגען, אָדער אנעקדאָטען.

און דיעזער גריענבערג האָט איהר איבערגעשלאָגען איהרע פאַנטאַזיען, מיט דעם וואָס ער האָט אויסגערופען:

„ענדליך האָב איך דאָך אייך געפונען!"

עפּעס איז געלעגען אין דער שטימע אין דעם דרוק פון די ווערטער, דאָס בעקיע איז געבליעבען זיצען ווי א צומישטע.

זי האָט זיך אָבער בעהערשט און האָט איינפאך געפרעגט: ניי־טיגעס מיטצוטהיילען האָט איהר, מר. גרינבערג?

יאָ נייטיגעס... ניט וויכטיגעס... האָט ער אָנגעפאנגען שטאמלען.

בעקיען האָט הנאה געטהאָן פון דיעזען צושטימונג, עס האָט איהר אזוי זיס און ווייך געמאכט אויף דעם הארצען דער פערלירען זיך פון מר. גרינבערג.

פריהער פון אלעם זייט אזוי גוט און גיט מיר אייער האנד, האָט מר. גרינבערג אָנגעפאנגען נאָך א קורצער פויזע, און האָט בעקיען אויפגעהויבען פון די גרינע גראָז און האָט זי איינגעלאדען צו א שפּאציער.

געהענדיג האָט ער זיך ערקלערט, דאָס עס איז ניט פון יעצט; דאָס גאַנץ לאַנג ווי ער פיהלט צו איהר א נייגונג, א גרויסע סימ־פּאטיע, נור זיין הילפלאָזיגקייט, זיינע צושטענדע האָבען איהם אָפּ־געהאלטען פון צו ערקלעהרען זיך, נור ער קען שוין לענגער ניט ווארטען, ער ערקלערט אָהן איבעריגע פראזען — דאָס ער ליעבט זיא, דאָס ער האָט געפונען אין איהר זיין אידעאַל, און דאָס ער וואָלט זיך געפיהלט גליקליך צו קריעגען אלס געשאנק איהר נאָבעלע גוטע הארץ.

בעקיע, די אָרעמע האָט זיך ווי פארלאָרען פון דעם אונער־ווארטעטען פּאָרשלאַג, דאָס אלעס איז געקומען אזוי פלוצלונג... דאָס עס האָט צומישט אלע איהרע געדאנקען. און כאָטש איהר הארץ איז שיער ניט ארויסגעשפּרונגען פון פרייד, דאָך האָט זי זיך בע־הערשט און האָט זיך בעמיהט ווי ווייט מעגליך איהם ענטפערן קאַלט און לאַגיש. זי האָט איהם געזאָגט, דאָס זי סימפּאטיזירט מיט איהם פון גאנצען הארצען, נור איין ענטשיעדענעם ענטפער אויף זיין פּאָרשלאג, קען זיא נאָך ניט געבען.

זיא רעכענט דאָס דיעזע פּראגע, איז ניט נור א אידעאַלע, נור אויך א פּראַקטישע, און די פּראקטישע זייט, מוז האָבען אי־בערלעגונג, ווי זאָגט מען עס: „דאָס איז דאָך ניט קיין בייגעל אויפעסען".

ווען זיי האָבען זיך דיעזען אבענד געזעגענט, האָבען זיי פעס־טער און לענגער געדריקט די הענד ווי געוועהנליך.

ער גרינבערג איז אוועק מיט הארץ פול מיט זיסע האָפנונגען.

און בעקיע׳ס האַרץ האָט זיך איינפּאַך געבאָדען אין גליק... נור איין שוואַרצער פלעק האָט פערדונקעלט איהר ליכטיגען הימעל, און דאָס איז וואָס גרינבערג איז אַ קליינער פערדיענער, מעהר ווי זעקס דאָלאַר אַ וואָך ביי שווער ארבייטען קען ער ניט פערדיענען.

דאָך האָט דער לעבען געפונען אַ הערליכען רייץ פאַר איהר... דאָך און און איהר האָט זיך געדוכט, דאָס אַלעס וואָס רינגעלט זיא ארום, פרייט זיך, לאַכט, קוועלט אָן פון איהר גליק....

אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיא זיך געוואָרפען אין בעט, איהר פאַנ־טאַזיען האָבען איהר געמאָהלען בילדער, וועלכע האָבען זיא אָנגע־צונדען מיט אַ זיסע ליידענשאַפט וועלכע האָט זיך צוגאָסען איבער איהר קערפּער, זי האָט זיך געטוליעט אין די קישענס, און האָט געברענט ווי אין אַ פיעבער.

אויף מאָרגען אָבענדס, ווען בעקיע איז געקומען פון דער אַר־בייט, האָט זי שוין געהאַט אַ פאַרטיגען ענטפער, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבייט אין איהר טומעלדיגער קאָפּ. און נעמליך אָנצונעהמען גרינבערגס פאָרשלאַג...

אָבער זי האָט געטראָפען איהרע אַ קאָזינע, וועלכע האָט גע־זאָגט, דאָס זיא איז געקומען צו איהר וועגען וויכטיגע ביזנעס, בעקיע האָט געוואָלט שנעלער אָפּ־פּטר׳ען איהר קוזינע; זי איז היינט ניט אויפגעלעגט צו ריידען וועגען וואָכעדיגע זאַכען, זי וויל זיין פריי מיט זיך אליין, ביז גרינבערג וועט קומען...

בעקיע האָט די קוזינע געזאָגט צו איהר, מיר דוכט, דו קענסט מר. קאַפּלאַן, וואָס האַלט זיין קלאָדינג סטאָר אין עסעקס סטריט, דו קענסט? אַ בחור, ווער מיר גוטס גינט; אַ מענש געזונד ווי אַ קאָזאַק, עס איז דאָ אויף וועמען אַ קוק צו טהון, היינט האָט ער דאָך געלד, ער איז דאָך אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. — יאָ אנטקעגען וואָס זאָג איך דאָס? — אָט אַנטקעגען דעם, וואָס דו זאָגסט מזל. — יאָ, אַז מען האָט מזל פאַלט דאָס גליק פון דעם הימעל אַראָפּ.

בעקיע איז געבליעבען שטעהן מיט אַ אָפענעם מויל, זיא האָט עפּעס פערשטאַנען, נאָר וואָס האָט זיא ניט געוואוסט, מר. קאַפּלאַן איז איינער פון איהרע לאַנדסלייטע, אַ בחור פון אַ יאָהר דרייסיג, זיא קען איהם אַלס פּראָסטען געוועהנליכען מענשען, קיין ענטוויק־לונג, קיין בילדונג, און אויך ניט קיין איבעריג פּאַרשוין. זי האָט וועגען איהם קיינמאָל געקלערט, ערשטענס, ווייל זי האָט קיין מאָל ניט געפונען קיין אינטערעס מיט איהם צו פערברייינגען, און צוויי־

טענס איז איהר קיין מאָל ניט איינגעפאלען, דאָס זי זאָל קענען פאראינטערעסירען מר. קאפלאן מיט זיך.

ענדליך האָט זיא געפרעגט איהר קאָזינע, אנטקעגען וואָס האָט זיא איהר געשטעלט דיא פראגע.

הערסט דו בעקעניו, ער האָט דאָך מיך געשיקט דיר ריידען א שידוך — אנו טרעף מיט וועמען?

טאקע מיט איהם אליין.

ער זאָגט, אז ער ליעבט דיך, וועט דיך גליקליך מאכען: א גאנ־צע פריצטע וועסט דו זיין, ער איז א פראָסטער אָבער נעווער מיינד, דו וועסט זיין צופריעדען.

און איידער בעקיע האָט צייט געהאט איהר צו ענטפערן, האָט איהר קאָזינע איהר אָנגעפאנגען אויסרעכענען א צעטיל, דאָס זיא איז שוין ניט קיין יונגינקע מיידעלע, דאָס זיא איז א אָרימע, א שוואכע, עלענדע מיידעל, און דאָס זי טאָר ניט אָפּלאָזען אזא גליק, וועלכער קען זיך טרעפען איין מאָל אין א יובל.

פּאָלג מיך בעקוניע קלאָפּ צו און זאָל זיין אין א מזלדיגער שעה.

בעקיע איז געבליעבען ווי א צודולטע — איהר מוח האָט גע־ברענט, די הארץ האָט אזוי מאָדנע געצופּט...

— געה קוזינע אהיים... לאָז מיך זיך באקלערען... קום מאָרגען... ניין!... קום איבערמאָרגען.

ווען די קאָזינע איז אוועק האָט זיך בעקיע פערשלאָסען אין איהר צימער.

איהר קאָפּ איז שיער ניט צושפרונגען געוואָרען פון קלערען. איהר הארץ איז פארדריקט געוואָרען פון דער שווערקייט פון איהר לאגע.

אָט זעהט זיא אין איהר פאנטאזיע, גרינבערג'ן מיט זיין סימ־פּאטישען ליעבען געזיכט, זיא קוקט אין זיינע פארחלום'טע גוטע אויגען, ער האלט איהרע הענד אין זיינע, און דערצעהלט איהר מיט זיין ווייכער שטימע נייעס פון דער וועלט, פון דער בעוועגונג פון אלעס וואָס עס אינטערעסירט איהר... און פּלוצלונג זעהט זי פאר זיך דעם שמוציגען שאפּ. דאָרט איבער דער מאשינקע זיצט איינ־געבויגען איהר גרינבערג און ארבייט, „ווי קליין זיינען זיינע פער־דיענסטען", האָט זיא א טראכט געטאָהן. „ער וועט דאָך ניט קענען שלעפּען אליין דעם יאָך, און איך וועל מוזען ווידער געהען אין דעם עקעלהאפטען שאפּ". און דאָ האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט דאָס בילד, ווי זי איז שוין פערהייראט מיט דעם אָרעמען גרינבערג, ווי ער

קומט א פערהארעוועטער פון שאף און קלאגט אויף זיין בינטעל יאהרען, וואס ער האט התונה געהאט, ניט זייענדיג געגוג רייך אויף אויסצוהאלטען א הויז.

אין א רגע ארום האבען איהר דיא געדאנקען אוועקגעטראגען אין א פיין אויסגעפוצטע הויז, מיט א פיאנע מיט דיענסטען מיט כל טוב....

לעבען איהר זיצט א רייכער א זאטער מאן, אבער זיא קען זיך מיט איהם ניט צוזאמענריידען ווי זיא וויל....

בעקיעם הארץ ווערט פערגאסען מיט בלוט, זיא מאכט צו דיא אויגען און אין איהר מוח מישען זיך דיא געדאנקען.

פערצווייפלונגס געדאנקען...

לעבען?!...

ווער ווייס די בעדייטונג פון דיעזען זא פיעל געריינטען, בע־קאנטען ווארט?....

מיינט עס דאס ארום קריכען, דאס ארום פויזען אזוי ווי ווערים אין שמוץ?...

מיינט עס דער שטענדיגער קאמפף צו פער׳ניכטען אנדערע, צו רואינירען דעם צווייטען, דעם מיטמענשען, און אויף זיין אומגליק בויען דעם אייגענעם גליק?

מיינט עס דאס אייביגע שאפען, אונערמיעדליך זיך פלאגען אום צופריעדען צו שטעלען דעם מאגען, בעפוצען דעם קערפער?

אך ווי די פראגע עגבערט מיין מוח... וואו קריעג איך די בעווייזע דאס עס איז כדאי זא אונבעגרענעצט צו ליידען — שטענדיג צו קעמפפען אום צו עקזיסטירען?... וואס איז די קראפט, וואס איז דער מאטיוו וועלכער באוועגט אונז איינצוקלאמפערען זיך אין די פעדעם פון עקזיסטענץ?...

אט זעה איך זיך, א קליין ווערימעל, איך קריך ארום אויף דער ערד — האלט זיך אן מיט אלע כחות אן דעם וואס מיר רופען לע־בען... איך עסס, איך שלאף, איך ארבייט, טאג־איין טאג־אויס, וואך־איין וואך־אויס, אימער דאס זעלבע, מאנאטאנע שלעפען זיך דיא שטונדען, טעג, וואכען און יאהרען — און וואס?...

מאנכעס מאהל דוכט זיך מיר אז איך האב ענטדעקט דעם רעט־זעל פון דעם לעבען, איך האב געפונען א ציעל אין מיין שטרעבען, און דאס איז ווירקליך ווערטה זא פיעל צו ליידען... עס ווערדט מיר דאן אזוי גוט, איך פיהל זיך אויפגעהויבען פון דעם איבעל וואס רינגעלט מיך ארום, מיין פערוואלקענטע געזיכט לייטערט זיך אויס, און א צופריעדענער שמייכעל שוועבט איבער׳ן פנים...

אָבער דאָס זיינען נאָר מאָמענטען אין מיין עקזיסטענץ; איך קען זיך לאַנג ניט טרויסטען מיט איליוזיעס, מיט חלומות... די ווירקליכקייט מיט איהרע גרויזאמע פאַקטען פרעסען מיך און א טיעפע פערצווייפלונג כאַפּט מיך אַרום, ווערגט און דריקט מך צום דערשטיקט ווערען, אַך צוליעב וואָס עקזיסטיר איך? האַלט עס אין איין עגבערן מיין מח...

און איך בין קליין, שוואַך, האָב ניט גענוג מוטה, קיין גייס־טיגע כוחות, אום איין מאָהל פאַר אַלע מאָהל זיך ערנסט אָפּגעבען צו דער פראַגע, ענטדעקען, אַנאַליזירען מיין ציעל אין לעבען און קומען צו אַן ענטשיידענעם ענטפער!...

ווען איך נעהם יע אמאָהל טראַכטען דערפון טהו איך עס אוי־בערפלעכליך, איך וויל זיך ניט גריבלען טיעף, איך האָב מורא פיעל־לייכט וועל איך קומען צו אַ רעזולטאַט וועלכער וועט מיט פעסטע פאַקטען בעווייזען דאָס איך האָב קיין בארעכטיגונג פאַר אַן עקזיס־טענץ, דאָס איך בין ווירקליך איבריג און דאַן וועל איך דאָך מוזען האַנדלען ענערגיש און ענטשיידען אויב איך וועל וועלען זיין לאַגיש און איך האָב מורא צו דערגעהן ביז'ן גרונד... איך האָב מורא און איך לעב, איך קריך אַרום אין דעם גאַנצען שמוץ וואָס פיהלט אַן דעם ערד קוגעל, איך פּליושקע זיך אין בלאָטע, איך וואַיק זיך וויא אַלע אין בלוט און מאַרך פון מיליאָנען צובראָכענע, צושטאָכענע, צו־דריקטע....

פוי, ווי עס עקעלט מיר פאַר זיך אליין!...

ווי קליין איך בין, וואָס פאַר אַ מיאוסער וואָרים איך בין, איך ליעג אין בלאָטע, איך טרינק זיך אין שמוץ און האָב ניט גענוג קראַפט ארויסצורייסען זיך פון אַט דיעזען עקעלהאַפטען עקזיסטענץ!...

נאָר שאַ, אַט האָב איך דאַכט זיך מיר אַ צוועק אין לעבען, אַ טהייערע ליעבע מאַמע האָב איך, טהאָן עפּעס גוטעס פאַר איהר ווילט זיך, אָפּ דאַנקען איהר פאַר איהרע צרות, פאַר די ליידען וועל־כע זיא האָט געהאַט צוליעב מיר, פערזיסען אידר לעבען ווילט זיך; אַ טרייע ווייבעל מיט ליעבע קינדערלאַך זיינען דאָ — איך בין פער־פליכטעט זיי צו העלפען, איך דאַרף זיי בעשיצען פון דעם בייזען שיקזאַל; ליעבע שוועסטער זעה איך, זיי ליידען נעבאך, וואוילע קינ־דער, גוטע נשמות, עס וואָלט זיך געוואָלט עפּעס טהאָן פאַר זיי, העל־פען זיי אין זייער קאַמפּף; אַ ברודער האָב איך, אויך אַ שוואַ־כער, האָט זיך אויך געלאָזען מיטשלעפּען פון דער בלאָטיגער כוואַ־ליע... ער טרינקט זיך נעביך!... איך מוז איהם אויפשטרעקען אַ

ברודער האנד, איך דארף איהם העלפען.. פאר די אלע גוטע זעעלען דארף איך זעהן צו שאפען א זיכערען רוהיגען היים, אויפבויען פאר זיי א נעסט וואו זיי זאלען לעבען רוהיג אין ליעבע און אחדות, וואו איין אייביגער פריהליגג זאל הערשען, און אלעם וואס רינגעלט זיי ארום זאל לעבען און בליהען... דאס איז דער ציעל פון מיין לעבען, דערצו דארף איך שטרעבען און מיט דיעזע שטרעבונגען אנפיהלען די פוסטקייט פון ארום, די ליידיגקייט פון מיין נשמה...

א ביטערער געלעכטער...

קליין און שוואך, פערכלינעט פון שמוטץ, מיט געבונדענע הענד, מיט אפגעהאקטע פליעגלען, צודריקט און צוריבען פון די לעבענס רעדער, דערשלאגען און צוקוועטשט פון פינסטערען שיקזאל, — און איך קלער פלענער וועגען דעם צווייטען און בוי שלעסער ווי אזוי זיי גליקליך צו מאכען!....

אך, ווי ניעדריג, ווי עקעלהאפט דאס לעבען איז!

א מאנאלאג פון א שיכור.

חי—חי—חי... שיכור זאָגט איהר בין איך?

אַ געזונד אין אייך, דאָס איז אַביסעל צו שארף, משטיינס געזאָגט, וואָס האָב איך דען געטרונקען דאָס איך זאָל שיכור ווערען? הא ! ?

סך־הכל האָב איך אַריינגעגאָסען אַ צעהן קעלעשקעלאך, און איהר זאָגט אז איך בין שיכור.

אַ מיאוסע טבע זאָגט איהר ?

אַך וואָס פאַר נאַרעשע קינדער איהר זייט, איהר מיינט אז איהר זייט גאנצע אויטאָריטעטען, גאַנצע יא־טיעבע דאַמס, און אז איהר זאָגט, איז ביט פאָסעמו, אָבער לא מיט אַן אלף; ניט געטראָפען דעם אָרט.

אַדרבא, זאָגט מיר קלוגע ניכטערע גרויסע קינדער וואָס איז דיא בעדייטונג פון דעם וואָרט שיכור?

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען אַ ניכטערען און דעם שיכור ? הא וואָס ?

וואָס מאַכט איהר אַזעלכע אונשולדיגע מינעס, און קוועטשט מיט דיא פלייצעס ?

וואָס קוקט איהר מיך אָן אזוי תם־עוואַטע ? איהר שווייגט האַ? איהר זייט נאָך קינדער. יא קינדער זייט איהר.

ניט דער איז שיכור וואָס טרינקט, גיסט אריין אַ דאָזען גלעזלאך, און ווייס וואו ער איז אין דער וועלט, ווייס וואָס מיט איהם טהוט זיך, נור שיכור זיינען יענע וועלכע זיינען ווילד, ווייסען ניט וואו איין און וואו אויס, יענע וועלכע טרינקען ימים מיט בלוט פון דיא אונגליקליכע אָרימע, יענע וועלכע אין זייער שיכרות שטעלען זיך ניט אָפּ פון קיינע זרעקליכע אָפּפער וועלכע ווערען געבראַכט פון דיא מענשען צוליעב זייער וואָהלזיין.

איהר לאכט ? אז מיט פיאוועקעס זאָלט איהר לאכען.
איך רעד זאָגט איהר גאָר וויא א ניכטערער און איהר בעט איך זאָל אייך מוחל זיין.
געוויס... געוויס... א ברירה האָב איך; יאָ איך בין אייך מוחל קינדערלאך, מוחל במחילה גמורה...
אויב איך וועל טרינקען א שנאַפּס ? א שאלה, איהר זעהט ווי די הענד ציטערען, טרייסלען זיך, דאָס איז פון פרייד קינדערלאך.
נו לחיים.. לחיים.. אפּפּ. .אָבער א שטאַרקער קחי.. קחי.. קחי..
יא, א שטאַרקער שנעפּסעל, אמת'ע ספּירטאָוועקע איך זאָל אזוי לע־בען... א חיות, מען פיהלט עס צופּט... עס ברענט.. דאָס הייסט א שנאַפּס.. עס ווערט גאָר ליכטיגער אין די אויגען...
איך זאָל זיך אָפּגעוויינען פון אזא מיאוסער טבע זאָגט איהר?
אודאי... אודאי קינדערלאך, א מיאוסע זאך טרינקען, נאָר מען קען זיך ניט העלפען... עס ציהט צום ביטערען טראָפּען...
דערצעהלען אייך פון וואנען קומט עס וואָס איך האָב זיך אריינגעלאָזען אין דעם טרונק... יא, איך וועל אייך דערצעהלע — נור דערפאר קנס'ע איך אייך אז איהר זאָלט מיר געבען נאָך א שנעפּסעל.
אט אָזוי, יאָ, אז איך טרינק, ווער איך גאָר אנאנדער מענש... לעבעדיגער... פלינקער — ווער איך...
נו לחיים.. לחיים.. אי דער הוסט, ער מוטשעט מיך צום טויט.. קחי.. קחי.. קחי..
הערט־זשע
איך בין בעקאנט געווען צווישען אלע מיינע פריינדע און בע־קאַנטע אלס א גוטער עהרליכער פלייסיגער ארבייטער, א גוטער פער־דיענער, א טרייער מאַן און א ערגעבענער ליעבער פאָטער. יא, א די־מענט בין איך געווען.
א רוהיגע היים האָב איך געהאט און אין דיעזען זיכערען נעסט האָט גערוהט מיין גוטע ווייבעל, די מאמע פון מיינע קינדער, מיי־נע עופה'לאך, וועלכע זי האָט געהיט ווי איהר שווארץ אפּפּעל פון איהר אויג.
האָט זייא געהאָדעוועט, געהאָליובעוועט . . . א לאנגע צייט בין איך געווען אויסער ארבייט, מיין היים איז ווי פאַרטרונ־קען געוואָרען פון א גערדיכטען שווארצע וואָלקענס מיין אָרימע ווייבעל איז אויסגעגאנגע ווי א ליכט, און מיינע עיפה'לאך האָבען גע־פּישצעט ווי אָרימע פארבלאָנדזעטע פויגעלאך...

שלעכט, ביטער איז געווען; געדאנקען פון יאוש האָבען מיך פאַרטרונקען און איך האָב פערצווייפעלט, נור דער וואָס שפּייזט אַפילו אַ ווערמיל אונטער דעם שטיין, דער האָט ניט אָבגעטאָהן זיין חסד פון מיר, און איך האָב ענדליך געקראָגען אַ דזשאָב.

פריילין, לוסטיג, ליכטיג איז געוואָרען אין מיין היים, ווען איך האָב אָנגעזאָגט דאָס אויף מאָרגען געה איך ארבייטען.

מיין ווייבעל די אָרימע נשמה איז ווי ניי בעלעבט געוואָרען. איהר צוקנייטשטער בלאַסער געזיכט האָט זיך אויסגעגלייכט, און האָט בעקומען אַ טוגענד־חן... און די אונשולדיגע קינדערלאך, די קליינע פויגעלאך האָבען געטאַנצט ארום דעם טאַטען... אך ווי גוט איז מיר דאַמאָלס געווען.

פויגעלאך... זיסענקע קעצעלאך... מיינע פּיצינינקיקעלאך, מיי־נע דיעטאָצקע, האָב איך צו זיי געזאָגט, קענדי וועל איך אייך קוי־פע, שיכעלאך... הייזקעלאך, דרעסקעלאך וועל איך אייך ברייגנען צאַצקעלאך וועל איך פאר אייך קריגען, און זיי האָבען געקוקט אויף מיר מיט זייערע קענדערשע אויגעלאך וועלכע האָבען געגלאַנצט פון פרייד, או האָבע פריילאך געפלאַפּעלט.. יאַ... יאַ... איך וועל טריג־קען נאָך אַ גלעזעל... אך עס ווערט שווער אַט־אַ־דאַ... אך מיין אָרי־מע הארץ.. אויף מאָרגען גאַנץ פריה בין איך געווען אין שאַפּ און האָב האָב זיך געזעצט צו דער ארבייט.

פאַרטאָהן קינדערלאך בין איך געווען, מיט חשק האָב איך זיך צוגעכאַפּט, און האָב געיאָגט. שנעל, פלינק האָב איך געוואָרפען מיט די הענט, און די ארבייט איז ארויס אזוי גוט און גלאַטיק... אין מיי־נע געדאנקען האָב איך שוין געציילט די טעג... געמאַכט חשבונות וואָס איך וועל טאָהן ווען איך וועל נעהמען די ערשטע פּיידע...

אָט אזוי זיצענדיג איבערגעבויגען איבען מיין ארבייט, האָט אַ אונבעוואוסטע קראַמפּט מיך ווי אַ ריס געטאָהן פון מיין זיץ, און ווען איך האָב אויפגעהויבען מיין קאָפּ פון דער ארבייט האָט מיין בליק דערזעהען פאר זיך אַ טיעפען בלאָען ריינעם ים — און עס האָט מיר אויסגעדוכט דאָס קריסטאַלענע קלאָרע כוואַלעס לויפען יאָגען גלייך אויף מיר און זיי וועלען מיך איינשלינגען... וואָס קוקט איהר מיך אָן ווי אַ משוגע'נעם, האַ?... איהר פערשטעהט ניט וואָס איך מיין... יאַ, יאַ, יאַ, ווי קענט איהר עס פערשטעהן, ווען איך האָב עס געזעהן און האָב אויך ניט פערשטאַנען...

איך האָב דערזעהען זיא, יענע הימעל'ס קינד — איך האָב דער־זעהען איהר גרויסע בלאָע לאַסקענדיגע אויגען, איך האָב אָין דיעזע

וואונדער שעהנע אויגען דערזעהן דעם גן־עדן אין וועלכען עס האָט מיך אונבעוואוסט, געצויגען, געשלעפּט...

איי.. איי.. איי.. ווי עס טהוט וועה אָט אַ דאָ.. אָט אַ דאָ.. יאָ.. יאָ.. יאָ.. מיין הארץ איז צובראָכען, צוקראַמשקעט. גו לחיים קח.. קח.. יעצט פיהל איך בעסער, יאָ: יאָ קינדערלאך איך האָב זיא דערזעהען, דאָס איז ניט געוועזן קיין מענשען קינד.. ניין!.. ניין...

דאָרעצקע האָט מען זיך גערופען... זי איז געוועזן כמעט נאָך אַ קינד... בלוט און מילך..

אַ רונדער קלאָרער, ווייך מילדער זיכט וועלכער איז געוועזן באַגאָסען מיט א חן'דיגע ראָזעווע פאַרב. א אָבגעטאָקטער נעזיל איז שטאָלץ געזעסען איבער דעם קליינינקען מייל'כעלע וועלכער איז בעשטאַנען פון צוויי קארשען רויטע מיט פול חן ליפּען, און ווען זיא האָט געשמייכעלט האָבען אָט דיא פארפיהרערשע זיסע ליפּלאך זיך אביסעל פארקאשערט און עס האָבען ארויסגעקוקט צוויי גלייכע רייהע ווי פון פעריל געטאָקטע ציינדעלאך... איבער איהרע טיעף בלאָ־דורכדרינגענדע לאסקענדיגע אויגען האָט ווי א פילאָזאָף ארויסגעקוקט איהר גרויסער שעהנער שטערן, און דיעזער געטליכער פול מיט רייץ געזיכט איז געוועזן ווי איין גיפרעמט אין א רייכען וואלד פון לאַנגע ווייכע ווי סאַמעט טונקעלע האָר. און צו דיעזען רייכען באצויבערנדען געזיכט האָט די נאטור געשאָנקען א גראַציעז רייצענדען קערפּער...

אך וואָס א זיסער געפיהל האָט מיך ארומגעכאפּט ווען איך האָב דיעזען ענגעל־שעהנעם קינד ערבליקט אויף אונזער ערד...

איך בין ווי פאר'כישופט געוואָרען פון איהרע ברענענדע אויגען, פון איהר רייצענדען פול מיט לעבען קערפּער וועלכער האָט געבלאָזען פון זיך מיט א ווארעמע ליעבליכע הייליגקייט...

אַ צודולטער בין איך דעם גאַנצען טאָג געזעסען ביי דער ארבייט, די הענד האָבען אינסטינקטיוו געטהאָן זייער ארבייט... אָבער אין מיין אָרימער קאָפּ האָט געבושעוועט, געשטורעמט... און מיין הארץ האָט אזוי שטארק שנעל געקלאַפּט דאָס איך האָב געמיינט דאָס באַלד און זי וועט ארויסשפּרינגען פון מיין קערפּער.

אזוי ווי א באטרונקענער בין איך אוועק אהיים, איך האָב זיך געשעהמט פאר זיך.. איך האָב זיך געשעהמט פאר מיין אָרימע ווייבעל... מיינע ליעבע קינדערלאך... נאָר איך האָב זיך געטרויסט דאָס ניט מעהר ווי א געוואַלדיגע בעגייסטערונג, א בעוואונדערונג האָט מיך ארום געכאַפּט איבער דער נאטורס שעפונג.

אך ווען איך וואָלט דאַמאָלס געוואוסט מיינע געפיהלען.. אך ווען איך וואָלט דאַן געקענט קוקען אין דער צוקונפט וואָלט איך אין דעם שאָפּ ניט געגאַנגען... ניין.. ניין... איך וואָלט אַנטלאָפען פון דיעזע שעהנע ברענענדע אויגען, פון דיעזען געטליכען פול מיט חן קערפּער ווי פון עפּעס שלעכטעס, שרעקליכעס... נאָר איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען... איך האָב ניט פערשטאַנען מיינע געפיהלען... איך האָב ניט ערוואַרטעט דאָס איך, דער איידעלער גוטער מאַן, דער גע־טרייער פּאָטער זאָל זיך פאַרליעבען...

נו גיט א הער נאָך אַ גלעזעל — עס ווערט מיר שווער צו דער־צעהלען פון מיינע ליידען, פון מיין שאַנדע . . . נו אָט אזוי לחיים... קח... קח.. אך וואָס פאַר אַ חיות עס. צופּט..

אָט אַזוי קינדערלאַך, האָב איך דאָרט געאַרבייט, און האָב גע־לאָזט מיין האַרץ פאַרברענט ווערען פון דעם אָהנע אויפהערענדען ליעבעס פייער... איך האָב זיך געלאָזט פאַרשלינגען פון דעם גרענעצ־לאָזען ליעבעס פלאַם...

איהר וואונדערט זיך ווארום איך האָב ניט געזוכט קיין מיטעל צו צעשטרייען זיך?

אך איהר נארישע קינדערלאַך, וואָס הייסט איך האָב גאָרניט געטאָהן... איך האָב ענדליך דעם שאָפּ פערלאָזען... און בין אימער געווען אין דער געזעלשאַפט פון מיין אלטעצקע און מיינע ליעבענקע עופה'לאַך...

איך האָב געזוכט צערשטרייאונג אין פערשידענע אַמיוזמענטס.. אָבער אומזיסט... אומזיסט... איבעראל האָבען אָט יענע הייליגע ברענענדע אויגען מיך פאַרפאָלגט, איבעראל האָב איך דעם געטליך רייצענדען, פול מיט לעבען קערפּער געזעהען, און עס האָט מיך אזוי פאַרפיהרעריש געשלעפּט... געצויגען צו זיך...

איך האָב נאָכהער געהערט דערצעהלען דאָס אַ גוטער טרונק בראָנפען מאכט פאַרגעסען אָן צרות, נו האָב איך געקלעהרט אָט דאָס איז דאָך אַ טהייערע רפואה, און דאוואַי טרינקען. אין דעם שנאַפּס האָב איך געוואָלט דערטרינקען דיא עררעגענד פרעסענדע געפיהלען. אין דעם בראָנפען האָב איך געוואָלט דערטרינקען דעם הייליגען פלאם פון איהרע בלאָע גוטע אויגען.

אָבער אומזיסט... אומזיסט... אין יעדען טראָפּען שנאַפּס, זעה איך איהרע שעהנע לאַסקענדע, פערפיהרערישע אויגען... איך זעה ווי זיי ווינקען צו מיר, און לאָקען מיך צו זיך...

יא, אין קבר וועל איך שוין מיטשלעפּען יענע פאַרצעהרענדע קראַנקהייט.

אַך וואָס פאַר אַ לומפּ... אַ פאַדלעץ איך בין! מיינע ליידען קי־מערען מיך ניט... ניין...

אָבער די אָרימע ווייבעל... די מאַמע פון מיינע קינדער... און זיי די אונשולדיגע הילפלאָזע קינדערלאַך, וואָס זיינען זיי שולדיג?... אָט אויף זיי בלוטעט און רייסט מיר מיין האַרץ... אויף זיי קוקענ־דיג איבערוועלטיגט מיין גאַנצען איך, יסורים שרעקליכע... ניט מענש־ליכע...

איך וואָלט דאַכט זיך פאַלען די ליעבענקע צו די פיס, מיין האַרץ וואָלט איך אויסגעשניטען און זיי געגעבען ווען איך וואָלט נור מיט דעם זיי געקענט לייכטער מאַכען די ליידען...

אַ בין איך אַ לומפּ... קלעפּ... שטאַרקע קלעפּ בין איך ווערט...

אַ.. אַ.. אַ.. אַ.. פוי ווי נאַרעש איך בין, האָב זיך צו וויינט ווי אַ אידענע. עס איז פאַרפאַלען און אַ סוף...

מ׳שטיינס געזאָגט וויפיעל לעבט דען דער מענש, ווער ווייס וועמענס מאָרגען איז? האַ?

נו טאָ לאָמיר פרייליך זיין טרינקען שנאַפּס און ווין אַ הוליען ביז אין טאָג אריין... לחיים... לחיים...

אונשולדיג.

„פענעצקע טהייערינקע, איך בעט דיך צוליעב דעם הייליגען אנהייבקען פון אונזערע טהייערינקער מוטער וועלכע ליעגט שוין אין עוויגען רוהע, איך בעט דיך, פאָלג מיך און בעסער זיך.

די וועלט איז דאָך אזוי רייך אין גוטעס, איידעלעס און ער־האבענעס, וואָרף אוועק דעם וועג וועלכער פיהרט דיך צו רואינע, צום אונטערגאנג, דו ביסט דאָך אזוי יונג, דו קענסט דאָך געניעסען א וועלט פון ליעבע און פריעדען“.

אזוי האָט דייוו גערעדט הארציג צו זיין זעכצעהן יעהריגע שוועסטער פעניע, וועלכע איז געבליעבען אָהנע די אויפפּאסונג פון א מוטערליכע הארץ, האָט ניט געהאט די אויפמערקזאמקייט פון א קלוגע אויג, א שטאַרקע האנד, וועלכע זאָל זי רעגולירען און זי פיהרען אין אנשטענדיגען וועג, נייז, זי, די יונגע קינד האָט געהאט איהר פרייען וועג און איז מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט דעם געוואל־דיגען שטראָם פון שמוץ, און איז געזונקען אין דעם ים פון שאנדע.

פעניע איז נאָך כמעט א קינד, מיט א לייכטליכען געזיכט, אויף וועלכען עס איז געוועזען שארף אויסגעקריצט יענע שרעקליכע שטרי־כען וואָס ארבייט זיך אוים ביי די אומגליקליכע, וועלכע פיהרען דעם אונמאָראלישען שענדליכען לעבען.

א איראָנישער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהרע דינע רויטע ליפּעלאך, און ווי האלב צוגעמאכט האָט זי געהאלט איהרע שווארצע פערפיהרערישע אויגען, און האָט אויסגעשאָסען אין א חוצפה׳שען געלעכטער.

חא.. חא, חא, חא, חא — מיין טהייערער מוסר זאָגער, האָט זי ארויסגעשאָסען אין איהר געלעכטער.

פיעל מאָל האָב איך דיך געבעטען צו מיינדען יור־אָון ביזנעס, יו אָנדערסטענד?

און פלוצלונג איז איהר געזיכט אַנגעצונדען געוואָרען, איהרע אויגען האָבען געשאָסען מיט אַ ווילדען צאָרן, און ביז אַ בייזער הייזעריגער שטימע האָט זי פאַרטגעזעצט...

אי דאַנט קער פאַר דיינע אידעען, ווי דו רופסט עס, איך וועל טאָהן וואָס עס איז מיר בעסער און אנגענעהמער, איך וויל זיין פריי: פערשטעהסט?!

איך וויל זיך בעוועגען, וואו, ווען און מיט וועמען איך וועל ווינשען, איך ליעב מיין רעש׳יגען פול מיט ערדעגונג לעבען — איך גלייך די עקסייטמענט... און דו זאָלסט שווייגען, יאָלד וואָס דו ביסט. דו הערסט, איט איז ענאַף פאָר מי... מיין דזשייק איז גערעכט אז איך בין אַ נאַרישע קינד, צו הערען פון דיר אימער די זעלבע פלוידערייען, און פון יעצט מאַך איך דיר אויפמערקזאם דייוו, אויב דו וועסט ניט סטאָפען מיך צו באדערן, וועל איך דיר אָפשפּילען אזא חתונה אז דו וועסט האָבען צו זינגען און צו קלינגען, יו אַנדערסטענד?...

דייוו איז געבליבען זיצען מיט אַ ווייט אָפענעם מויל, זיין ברוסט האָט געקלאַפּט שנעלער, שטאַרקער, זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען, און מיט קראַמפּהאַפטע צוזאַמענגעדריקטע פויסטען האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אָן טיש, און האָט מיט אַ רייצענדער, בייזער שטימע אויסגעשריען.

— גענוג! — גענוג דו נידריג געזונקענע... גענוג! איך האָב ניט מעהר קיין שוועסטער, ניין... איך האָס דיך... איך פעראכטע דיך, דו מיאוסע ווילדע בריאה... אפּלוך אויף דיר!... אַ פלוך!... און כאַפענדיג טזיין רעקיל און הוט, האָט דייוו ארויסגעשטורעמט פון הויז.

לאַנג... שטונדען לאַנג האָט ער געוואַנדערט, געיאָגט איבער די גאַסען אָהן אַ ציעל... זיינע געדאַנקען האָבען אזוי ווי שטורמישע כוואַליעס אין אַ ברויזענדען ים געוואָרפען... ער האָט ניט געפיהלט דעם שניידענדען פראָסט און האָט ניט געזעהען די געפאהר וועלכע האָט איהם צום גליק אויסגעמידען אין די פול געפּאַקטע גאַסען.

ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט, די קעלט האָט איהם געבראַכט צום בעוואוסט זיין, און מיט אַ פעסטען בעשלוס איז ער אוועק אהיים.

פאַר דעם פאָטער האָט ער מיט אַ ציטעריגע שטימע פון אויפרעגונג און ווי בעקלאָגט זיך דאָס ער קען לייגגער ניט פערבלייבען מיט איהם אונטער איין דאַך, ניין ער קען ניט מעהר צוזעהען ווי

זיין שוועסטער, די וועלכע איז מיט איהם געלעגען אונטער איין ברוסט ביי יענער איידעלער פרוי זייער מוטער, די וועלכע האָט גע־זויגען פון דער זעלבער ברוסט, די זאָל אזוי טיעף זינקען אין דעם תהום פון שאנדע.

דייוו האָט גערעדט לאנג, זעהר פיעל, האָט געפאָדערט און גע־בעטען דעם פאָטער צו שיינקען מעהר אויפמערקזאמקייט זיין קינד, און זעהן פיליכט איז דאָס נאָך ניט שפעט, טאָמער איז דאָ א מי־טעל זיא צו רעטען פון איהר מיאוסען אויפפיהרונג...

צו דייוו׳ס ערשטוינונג איז זיין פאָטער אָנגעצונדען געוואָרען מיט א ווילדען כעס, זיינע אויגען האָבען געברענט און ער האָט אויסגעשאָסען ווי א פייער שפייענדע בארג.

דער פאָטער האָט געשאָלטען דייוו׳ן מיט אלע סאָציאַליסטען אנארכיסטען, האָט איהם געסטראשעט, ווען ער דייוו וועט נאָך א מאָל איין שלעכט וואָרט ריידען אויף זיין אָרימע קינד, פעניצקע, וועט ער איהם דייוו׳ן שפאַלטען דעם קאָפּ.

— עס פערדריסט דיך, האָט זיך דער אַלטער געקאָכט, עס טהוט דיר לייד וואָס זי, דיין שוועסטער, האָט ליעב דעם אלטען טאַ־טען און זי די שוואכינקע ווערט פערשוואַרצט, ארבייט גאנצע נעכט אין דער טעלעפאָן קאָמפּאַניע, און קומט יעדען פריהמאָרגען ווי א שיכור׳ע פון קאָפּ ווייטאָג, וואָס, זיא וויל ניט פערלאָזען איהר אלטען עלענדען טאַטען, האַ? עס פערדריסט דיך, מיין חכם, וואָס האָב איך פון דיר מיין פּראָפעסאָר? האַ?!

יא, איך האָב פערגעסען, שעהנע רעדעס האלסט דו פאר מיר וועגען מאָראַל און גלייכהייט?

מופען ווילסט דו? האָט דער אַלטער זיך ניט געשטילט, דו ווילסט אין גאנצען אָראָפּוואַרפען דעם יאָך פון דעם אַלטען טאַטען, ווילסט מופען זאָגסט דו?... געה, געה! ווער דארף דיך? געה אין דער ערד אריין, דו שייגעץ!...

אזוי האָט פּאַסירט און דייוו האָט געמופט אין דער פרעמד אויף לאָדזשי.

אין שאפּ ביי דער ארבייט האָט דייוו ניט געפיהלט אזוי דעם גייסטיגען שמערץ, דער רויש און געפילדער פון די מאשינען, די געשרייען פון די אָפּערייטאָרס, די געשפּרעכען פון די ארבייטער זיינע נאכבארס, האָבען איהם צעשטרייט און ער האָט ניט געפיהלט אזוי דעם ווייטאָג, אָבער ווען ער פלעגט קומען אהיים, האָט איהם א מרה־שחורה ארומגעכאפּט, פרעסענדע, פערצעהרענדע געדאנקען

פלעגען עגבערען אין זיין אָרימער קאָפּ און די הארץ איז ווי פער־
טרונקען געווען מיט אַן אונגעהייערען וויי... ער האָט זיך געשעהמט
צו קוקען יעדען אין געזיכט, עס האָט זיך איהם געדוכט דאָס יעדערער
טייטעט אויף איהם מיט די פינגער.

אָן געהט ער... ער, דער ברודער פון דער יונגער זינדערין... און
זיין קאָפּ פלעגט זינקען טיעפען, נידריגער...

איין מאָל פאר נאכט, ווען דייוו איז געקומען פון דער אר־
בייט האָט ער געטראָפען זיין שוועסטער, א פערוויינטע, זיצענדיג
אין זיין צימער, ער איז געבליבען צוטומעלט, האָט ניט געוואוסט
וואָס צו טאָהן, און איידער ער איז געקומען צו זיך האָט זיא, זיין
שוועסטער, מיט א שטימע געשטיקט פון טרעטען דייוו'ן געבעטען
ניט צו פערשטויסען זיא, דער טאטע האָט זיא געשלאָגען, האָט זיא
ארויסגעיאָגט, און זיא ווייס ניט וואָס צו טאָהן, זיא איז צו איהם,
איהר ברודער געקומען בעטען בעשיצונג, זי וועט זיך בעסערן, זיא
וועט ווערען אַן עהרליכער ניצליכער מענש.

דייוו האָט עס געהערט, און איהם האָט זיך געדוכט אז ער
טרוימט, א זיסען חלום האָט ער געהאט... ווארום אין דעם ווירק־
ליכען לעבען האָט ער עס ניט ערוואַרטעט... ניין ער חלומ'ט... אָבער
זיא, זיין שוועסטער, האָט איהם אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקען,
זי איז איהם געפאלען אויף דעם האלז און האָט ביטערלאך געוויינט...
און ער, דייוו, איז ווי שיכור געוואָרען פון אזא גליק.. זי, זיין שוועס־
טעריל איז מיט איהם, זי האָט חרטה אויף איהר אויפפיהרונג, בע־
סערען וויל זי זיך, און ער האָט ניט געוואוסט פון שמחה וואָס צו
טאָהן מיט איהר, ער האָט זי געטרייסט, האָט איהר פערזיכערט
אַלע קרעפטען אָנווענדען און זי אויפהאַלטען און העלפען איהר אין
איהרע ליידען...

שפעט נאָך האַלבע נאכט און דייוו איז נאָך אַלץ ניט געשלאָ־
פען, מיט פערלאָפענע אויגען פון בלוטיגע ביטערע טרערען האָט ער
געקוקט אויף זיין שוועסטערל וועלכע איז געשלאָפען און האָט לייכט
געכראָפעט, ער האָט געקוקט אויף דעם געזיכט וועלכער האָט אויס־
געדריקט אין שלאָף ליידען פון אַן אוננאַטירליכען לעבען...

דייוו איז געוואָרען איין אנדערער, גאָר ניט דער זעלבער, ער
געהט פון דער ארבייט, א גלייכער, א סטראַיגער, קוקט יעדען פריי
אין געזיכט און פיהלט זיך עפּעס העכער, ער האָט א גרויסען ציעל
אין'ם לעבען, ער ראטעוועט א פערבלאָנדזשעטע נשמה פון א יונגע
קינד פון דעם וויסטען מדבר פון שמוץ און אויסגעלאסענהייט, ער

איז גליקליך, זיין שוועסטעריל.. זיין בלוט און פלייש האָט ער גע־רעטעט פון אונטערגאנג....

פערבייי געהענדיג קויפט ער אַ ביסעל פרוכטען צו דערקוויקען זיין שוועסטעריל, וועלכע בעקלאָגט זיך פאר איהם, דאָס פארלויפיג נאָך אלע איהרע אנשטריינגונגען צו געפינען אַ פאסענדען פלאַץ צו ארבייטען האָט זי קיינע געקראָגען.

דייוו טרויסט זי, גלעט זי איבער איהרע באקען און בעט זי ניט פערצווייפלען, ער וועט זי ניט פארלאָזען, און צום ענד וועט זי זיך דאָך צושלאָגען צו עפּעס רעכטס...

זעקס טאָג האָט זיין גליק געדויערט, אויף דעם זיבעטען ווען דייוו איז פאר נאכט געקומען פון דער ארבייט האָט ער געטראָפען צוויי מענער זיצענדיג אין זיין צימער וועלכע האָבען איהם געפרעגט זיין נאָמען און ווען ער האָט זיי עס געזאָגט, האָבען זיי איהם ער־קלערט דאָס זיי זיינען דעטעקטיווס און זיינען געקומען איהם צו ארעסטירען.

דייוו האָט געמיינט אז זיי שפּאסען און האָט גוטמוטהיג גע־שמייכעלט, אָבער ווען זיי האָבען אויף איהם ארויף געוואָרפען די הענד־קאָפּס, איז ער געבליבען צוטומעלט, און האָט געשטאמעלט:

— ניין, מיינע הערען, עס קען ניט זיין איהר האָט אַ טעות, עס מוז וואהרשיינליך זיין איין אנדערער, און ניט ער, אָבער די דעטעקטיווס האָבען איהם פארזיכערט דאָס ער, דייוו, וועט אלעס וויסען ווען ער וועט קומען אין סטיישאָן־הויז.

דייוו האָט זיך געשראָקען און איז מיט געגאנגען מיט די דע־טעקטיווס, וועלכע האָבען פאר׳חתמעט זיין טראָנק אין צימער.

געהענדיג האָט אין זיין קאָפּ געשטורעמט, פערשיעדענע גע־דאנקען, זיינען געשוואומען אָהנע אָרדענונג און רוה, ער ווייס דאָך אַז ער איז ריין, אונשולדיג, ער פיהלט דאָך ניט קיין פארברעכען אויף זיין געוויסען, טאָ וואָס טהוט זיך דאָ? האָט איהם אָהנע אויפ־הער געמוטשעט די פראגע, אַ מיספארשטענדניסע מוז דאָ זיין, האָט ער זיך געטרייסט, פּלוצלונג האָט אַ געדאנק אויפגעבליצט אין זיין מוח פון וועלכען זיין גאנצער קערפער איז אויפגעטרייסעלט גע־וואָרען.

די שוועסטער!... די שוועסטער!...

האָט עס יעצט געקלונגען אין זיין אָרימען קאָפּ, אָבער גאָט מיין גאָט, וואָס האָט זי געקענט אויפטהון אפשר האָט זי איהם אונטער־געוואָרפען אַ גנבה, האָט איהם אַ געדאנק געמאטערט.

אזוי ווי א שיכור׳ן האָט מען דייוו׳ן געבראַכט אין סטיישאָן
הויז, און פאַרשפאַרט אין צימער אויף איבער נאַכט מיט פאַרשיע־
דענע מיאוסע פאַרברעכער, צו וואַרטען ביז מאָרגען ווען מען וועט
איהם פאָרברייגגען פאַר דעם ריכטער צו הערען אין וואָס ער ווערט
באַשולדיגט.

א שרעקליכע אונרוהיגע נאַכט האָט דער אָרימער דייוו פאַר־
בראַכט, אין זיין קאָפּ איז געוועזן א חאָאס, זיין האַרץ האָט זיך וויא
געבאָדען אין א ים פון וויי און עס האָט איהם אָהנע רחמנות געמוט־
שעט די פראַגע אין וואָס ער ווערט בעשולדיגט?

אויף מאָרגען ווען מען האָט דייוו׳ן פאָרגעבראַכט פאַר דעם ריכ־
טער, וועלכער האָט איהם פאָרגעלעזען די אנקלאַגע, איז ער געוועזן
צושראָקען, צוטומעלט, מיט צוטראָגענע בליקען האָט דייוו געקוקט
אויף דעם דזשאָרדזש, וועלכער האָט איהם מיט א דורכגעדרינגענדען
בליק באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָט אין א קאַלטען רוהיגען
טאָן פאָרגעלעזען דאָס ער, דייוו, ווערט בעשולדיגט פון זיין שוועס־
טער, די זעכצעהן יעהריגע קינד, אין פאַרקויפען זי צו א לעבען פון
שאַנדע, דאָס ער האָט זיין שוועסטער איבערגעגעבען אין די הענד
פון יענע לומפּיגע נפשות וועלכע האָבען זי די אונשולדיגע רואינירט
און געצוואונגען צו א לעבען פון אויסגעלאַסענהייט...

אזוי ווי טויזענדע האַרמאַטען זאָלען אויסשיסען אזוי האָט עס
א קלאַפּ געטאָהן דעם אָרימען אין זיין קאָפּ, ער האָט אזא בעשולדי־
גונג ניט ערוואַרטעט, און דיעזער קלאַפּ איז געוועזן א צערשמעטערענ־
דער, זיין געזיכט האָט זיך אויסגעצויגען און האָט קאַנוואַולסיוו גע־
צוקט — די ליפּען זיינען טויט בלאַסע געוואָרען און האָבען געצי־
טערט, און ער איז ווי צוזאַמען געבראָכען — ער האָט געוואָלט עפּעס
ריידען... זאָגען... נאָר די שפּראַכע איז איהם ווי אָפּגענומען און
נאָר מיט איבערמענשליכער אנשטרייגגונג האָט ער קוים הערבאַר
געקענט אַרויס שעפּטשען: עס איז ליגען, איך בין אונשולדיג.. און
ווי א שכור׳ער איז ער געפאַלען אין די אָרעמס פון א פּאָליסמאַן...

דיא פערטהערין.

יא, איהר זייט גערעכט, די יאָהרען דארף מען איהר דערגעהן, האָסט געהערט אַ איינפאַל פון א... זי מיינט אז זי איז אַ פאַרליידי, איז זי אַ גאַנצע מצאַצע. גיין, איהר טאָהרט ניט, און זאָלט ניט שווייגען, מען דארף ניט דערלאָזען, אז זי זאָל דאָ אַנווארעמען דעם אָרט, זי וועט רואינירען דעם שאָפּ, זי וועט איינפיהרען א דיסציפּ־לין, זי וועט רייסען פּרייזען...

אזוי האָט זיך געקאָכט די מיסעס נייס, וועלכע האָט זיך ארויפ־געארבייט אין דעם וויסט שאָפּ פון ד... פון א פּראָסטע פינישערין צו דער שטעלע אלס עקזאמענערין.

זי האָט אונטערגעהעצט די ארבייטער קעגען דער נייער פאָר־ליידי וועלכע האָט פון דעם ערשטען טאָג וואָס זי איז אָנגעקומען אין שאָפּ געוואָלט צייגען, דאָס זי איז דאָ אום צו געוועלטיגען מיט א שטריינגער דיסציפּלין.

די ארבייטער וועלכע האָבען דאָ געארבייט שוין עטליכע יאָהר, און זיינען געוועזען געוואוינט צו אַ אנשטענדיגער בעהאנדלונג, צו גוטע ווידזשעס, האָבען בעשלאָסען איינשטימיג ניט צו פאָלגען די פאָרליידי, טהאָן איהר צו להכעיס, אום זי צו פערטרייבען.

און די מיסעס נייס איז ארומגעלאָפען ווי א פאר'סם'טע דאָ ביי די ארבייטער, געבענדיג זיי גערעכט און דאָ צום באָס אָנצייי־גענדיג ווער זיינען די הויפּט־מאכער...

די ארבייטער פון דעם שאָפּ האָבען געקענט די מיסעס נייס פון דער צייט ווען זי איז דאָ אָנגעקומען פאר אַ פינישערין, זיי האָ־בען אַלע מאָל רחמנות געהאט אויף איהר, געבאָך א אלמנה מיט א קינד, אזא שוואכע און מוז ארבייטען פאר איהר ברויט אזוי שווער.

זי, די מיסעס נייס איז אַ קליינינקע, דארינקע, קוקענדיג אויף איהר צורונצעלטען פארמעטענעם געזיכט, אויף דעם קליינליקען צו־

קאַרטשעטען קערפּער האָט זיך אויסגעדוכט אַט באַלד און זי וועט צוזאַמען ברעכען, זי וועט פאַלען...

קוקענדיג אויף איהרע קאסאקע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אַן אַ זייט ווען זי האָט צו איך גערעדט, הערענדיג איהר שטימע, וועלכע האָט געקרעכצט אַזוי ווי אַ זעג ווען זי פּאַלט ארויף אויף אַ סוקאוואַטער ברעט, האָט אין איך ארויסגערופען אַ אַנטיפּאַטיע און זאַגאַר אַ מיסטרויען צו איהר, עס האָט איך זיך געדוכט דאָס איהר קענט לעזען אין דיעזען צורונצעלטען, נעבאַכדיגען געזיכט אַ בייז־קייט, אַ פאַרבעהאַלטענעם גיפט, אָבער דערפאַר האָט זי די נאַטור באַשאַנקען מיט אַ גלאַט שאַרפען צינגעלע וועלכער האָט אין אייך ארויסגערופען צוטרויען און סימפּאַטיע צו איהר.

זי, די מיסעס נייס האָט גערעדט צו אייך ווייך, האָט ער־קלערט פון איהרע הויכע איידעלע שטרעבונגען, האָט געזוכט אייך צו בעאיינפלוסען, דאָס זי איז אַ ענטוויקעלטע, אינטעליגענטע, גוטע פרוי...

זי האָט גערעדט פון פּרינציפּען, האָט פערדאמט באָסעס און קאַפּיטאַליסטען, האָט אַגיטירט פאַר פרייהייט, גערעכטיגקייט, און ברודער־ליעבע, און דארום איז קיין וואונדער, דאָס ווען מען האָט געהערט דאָס זי העצט געגען דער פאָרליידי, האָט קיינער פערדעכ־טיגט דאָס אין איהרע טהאַטען זיינען פאַרבעהאַלטען איהר אינ־טערעסען.

אַלע אין שאַפּ האָבען צו איהר געהאַט צוטרויען.

פּלוצלונג, מען ווייס ניט פון וועמען, פון וואָס און ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, נאָר צווישען די ארבייטער איז געבאָרען געוואָרען אַ גלענצענדער געדאַנק; צו וואָס דאַרף מען אַ פרעמדע פאָרליידי, אַ מעהר קען מען דאָך פאָרלעגען צום באָס, דאָס מיר, די ארבייטער פערלאַנגען פון איהם אַז די נייע פאָרליידי זאָל געסעקט ווערען און איהר פּלאַץ וועט פערנעהמען די מיסעס נייס.

מען קען זי דאָך פאַר אַ אָרענטליכע פּרינציפּיעלע ראַדיקאַלע פערזאָן, זי וועט זיכער בעהאַנדלען די ארבייטער מיט אַכטונג און אין שאַפּ וועט בלאָזען אַ ליעבער ווינטעל פון פרייהייט.

און אַזוי האָט פּאַסירט, און מיסעס נייס, איז פאָרליידי גע־וואָרען. אין איהר נייע ראָלע האָט זי ניט גערוהט, זי איז ארומגע־לאָפען, ארומגעקראָכען, ווי אַ שליינגעל האָט זי ארומגעפּויזט צווי־שען די מאַשינען און מיט איהרע קאסאַקע אויגען האָט זי געזוכט אויספאָרשען וואָס פאַר אַ מינע יעדער אָפּרייטאָר מאַכט, איהרע

אויערען האָט זי געהאַלטען גוט אָפען און ווען זיא האָט געהערט אַז אַן ארבייטער האָט זיך בעקלאָגט אַז ער פערדיענט ניט גוט, איז זיא שוין געווען ביי דעם באָס און האָט ווי אַ נידריגע אינטריגאַנטין געארבייט געגען דיעזען ארבייטער.

שטונדען לאַנג פלעגט זיא זיך סוד'ן מיט דעם באָס, עס איז אפילו געווען עפּעס פערדעכטיג, נור אזוי ווי מען האָט ניט געקענט וויסען וואָס דאָס סוד'ען זיך בעדייטעט דארום איז מען געזעסען רוהיג.

פּלוצלונג אַ שבת פאַרנאַכט ווען מען האָט אויסגעצאָהלט פּיי, האָט מען געסעקט 6 ארבייטער, אָהנע אורזאכען.

אַ רעש, אַ געפּילדער האָט זיך אויפגעהויבען אין שאַפּ, די אר־בייטער זיינען ענטצונדען געוואָרען איבער אַזאַ נידריגע האנדלונג, פון העלער־הויט האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אַ רומאָר דאָס דיא ליסטע צום סעקען איז גרויס און אַז מען דאַרף ווארטען אויף נעקסט.

אַ שאַפּ מיטינג איז גערופען געוואָרען, דאָ האָט זיך די מיסעס נייס ארויסגעצייגט אין איהר ריכטיגע שוואַרצע פארב, איידער מען איז געגאַנגען צום שאַפּ מיטינג, האָט זי געטרייט מיט אַלע מעג־ליכקייטען צו איבערציינגען די ארבייטער, דאָס אַ באָס האָט אויך געוויסע רעכט, דאָס ווען מען האָט אַ גוטען פּלאַץ דאַרף יעדער איי־גער מיינדען זיין אייגענע הויט... זי האָט געזוכט צו בעאיינפלו־סען אַז זיי זאָלען שטימען געגען אַ סטרייק און אַז זיא וועט געדיינ־קען די טובה, זי וועט געבען יעדען פון איהרע פערהערער אַ שאָו, זי האָט פערזיכערט אַז מען וועט מעהר ניט סעקען, און אַלעס וועט זיין אָל־רייט.

דאָ האָט אפילו איהר גלאַטער צינגעלע ניט געהאָלפען, די ארבייטער זיינען געווען ערביטערט, אויפגעבראַכט, זיי האָבען דער־זעהען איהר גיפטיגע קליינינקע נשמה'לע, און מיט פעראַכטונג האָבען זיי זיך פון איהר אווענגעקעהרט.

אַ סטרייק איז ערקלערט געוואָרען. די ארבייטער ווי איין מאַן זיינען ארונטער, זיי האָבען זיך אָנגענומען די קריוודע פון זייערע קאַמעראַדען.

אין שאַפּ איז טויט שטיל, די מאַשינען זיינען אריבערגעדעקט מיט די שירצען, די בעסקעטס ארויפגעשטעלט, די טשערס ליגען מיט די פיסלעך ארויף, עס זעהט אויס ווי אַ בית עולם... און אָט צווישען דיעזע קברים זעהט מען זי, די מיסעס נייס, אַ צוזאַמענגע־

קאַרטשעטע, אַ צוקריפּעלטע, אַט אַזוי ווי אַ מיאוסער סקעלעט קריכט זי אַרום, זי לערנט איניגע גרינגע איטאַליענערקעס ווי צו סקעבען...

אַ נייע ברייט פעלד האָט זיך פאַר דער מיסעס ניים געעפענט, ערשט יעצט האָט זי געקענט צייגען דעם באָס די נוצען וואָס זי קען ברענגען, איהר טרייהייט און הינטישע איבערגעבענהייט וואָס זי בעזיצט...

פאַר די סטרייקערינס וועלכע האָבען זי בעגעגענט, און וועלכע האָבען בעדויערט וואָס זי האַנדעלט אַזוי געמיין, זי די פּרינציפּיעלע, די יעניגע וועלכע האָט אַלע מאָהל גערעדט פון גערעכטיגקייט, זיא וועלכע האָט אַלע מאָל פערדאַמט די באָסעס, זי וועלכע האָט בע־ווײנט דעם אָרעמען אַרבייטער, זי זאָל זיין אַ סקעב, האָט זיך עס זיי קיין מאָל ניט גע'חלום'ט.

איהר פּנים האָט זיך ווי צוזאַמענגעקרימט און האָט אויסגע־דריקט אַ עקעלהאַפטען נעביך, איהר קליינינקער צוקריפּעלטער קער־פּער האָט זיך ווי צוזאַמענגעדרייט אין דרייען, איהרע בייזע קאַסאַ־קע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט טרעהרען און זי האָט מיט איהר שאַפּענדע שלאַנגען שטימע, געקרעכצט... געאַיקעט...

וואָס זאָל זי טהאָן, אַ וויסטע, פינסטערע אלמנה, נעביך, אַ קראַנקע, אַ צובראָכענע, זי שפּייט שוין מיט בלוט?

וואוהין זאָל זי געהן, צו וועמען האָט זי זיך צו ווענדען?

איהר אַרמוטה, די נויטה, די ביטערע אומשטענדען צווינגען זי אין אַ סקעב פּלאַץ צו זיצען, זי פיהלט איהר שענדליכע ראָלע, דער געוויסען פּלאַגט איהר, נאָר זי קען ניט, טאָר ניט פערלאָזען דעם פּלאַץ, זי האָט פערזיכערט, אַז זי וועט נור טהאָן איהר אַרבייט וועט זיך ניט מישען אין קאַמפּף, וועט ניט זוכען קיין סקעב און וועט זיך האַלטען נייטראַל...

אַזוי האָט מיסעס ניים גערעדט, אַזוי האָט זי פערזיכערט די פּיקעטס, אָבער ווען זי איז געווען אין אָפיס ביי דעם באָס דאָרט האָט איהר קליינינקע פערפוילטע נשמה'לע געשפּיעלט אַן אַנדער ראָלע, געבויגען איהר רוקען, האָט זי זיך גע'חנפ'עט, געלעקט, גע־דרייט זיך פאַר דעם באָס, האָט איהם אונטערגעהעצט קעגען די אַרבייטער, האָט איהם פאַרזיכערט איהר איבערגעבענהייט, האָט איהם פּאַקטיש באַוויזען דאָס ער וועט געווינען דעם קאַמפּף.

נישקשה, טענה'ט זיא מיט איהר גיפטיג שלאַנגען שטימע, לאָזט די קבצנים זיך אויסהונגערען, זיי וועלען נאָך קומען צוריק, זיי וועלען זיך בעטען...

און ער, דער באָס דרייט די וואָנצעס און פרעגעלט זיך פאַר נחת, און בשעת מעשה קלערט ער, וואָס פאַר א גוטע זאַך איז דאָס געלד, וואָס פאַר א טרייע הינט מען קען עס קריגען פאַר דעם.

און די מיסעס ניים איז ביזי... זי ווי דער מענעדזשער, דער שיפּינג קלוירק, דעם ליים אַרויסגעבער און דער בוקקיפּער... זיי אַלע געהען אין א ריים... ווער וועט מעהר סקעבס ברייִנגען, ווער וועט מעהר איבערצייגען דעם באָס אין זיין מיאוסע הינטישער איבערגעבענהייט.

זי לויפט ארום.. ביזי איז זיא.. זי זוכט זי אקערט... שמעקט מיט איהר צופוילטען נאָז וואו א סקעב צו קריגען...

איהר קליינינקע צופוילטע נשמה וועלכע האָט געשמאַכטעט אזוי ווי אין א תפיסה — די גאַנצע צייט פון איהר מאַסקירען זיך, האָט בעקומען א גרויסען ברייטען פעלד פאַר איהר ארבייט...

איהר קליינינקער צובראָכענער אבשטויסענדער קערפּער דרייט זיך, לעקט זיך צו יעדע נידריגע בריאה צו יעדען סקעב... זיא איז ביזי מיסעס ניים.

סקעבס זוכט זיא...

און אין דער היים צווישען איהרע בעקאַנטע רעדט זיא פון פּרינציפּען, פון איינינקייט און גערעכטיגקייט, פילאָזאָפירט וועגען דער אונגערעכטער סיסטעם און שפּיעלט איהר אַלטע ראָליע אלס גוטע ראַדיקאַלע ערנסטע פרוי...

פערדאמט זאָלען זיין אזעלכע מיסעס נייסען...

פּערּאיינגט.

עס איז שפּעט נאָך האַלבע נאכט, אַ טויטע שטילקייט הערשט אין הויז.

אַלע שלאָפען, נאָר ער, סעס, קען ניט. ער זיצט איינגעגראָבען די קאָפּ אין די הענד און מיט אויגען אין וועלכע עס ליעגט וועה און שמערץ קוקט ער דורך דעם פענסטער אויף דעם שנעע שטורעם.

דער אויוועזן אין צימער האָט שוין לאנג געסטאַפּט און די לופט ווערט שיטערער, קעלטער.

ער זיצט, קוקט אויף די פענסטער, אויף וועלכע דער פראָסט מאָהלט מיט אַ קינסטלער האנד רייכע שעהנע בלומען.

טיעפע מחשבות שטורמען אין זיין אָרימען קאָפּ, ער זיצט אַט ווי אין אַ היגער פלעט. עפּעס אונבעוואוסט פיהלט ער דאָס זיין לעבען וועט ווידער נעמען איין אנדער ווענדונג, אָבער ער איז ניט אימשטאנד מיט קאַלטער איבערלייגונג פאנאנדער קלייבען אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, עפּעס ווי אין אַ שיכור'ן צושטאנד געפינט ער זיך.

פון דעם נעקסטען צימער הערט זיך אַ לייכטער חראָפּען, און עס דוכט זיך סעמען דאָס ער הערט אין דעם אַ פאָרוואורף געגען זיין האנדלונג, עס דוכט זיך איהם דאָס ער הערט אין דעם אָטהעמען פון זיין פרוי אַ געבעט ניט צו פערלאָזען זיא...

ער זיצט און זיין קערפּער ווערט ווי צוזאַמענגעדרעהט פון די שווערע געדאנקען, מאַכטלאָז זינקט זיין קאָפּ נידריגער, און אַ האר־ציגער זיפץ קלינגט אָפּ אין צימער.

ער הויבט זיך אויף און ווי אַ שיכור'ער וואקלענדיג פון די פיס געהט ער צו דער טהיר וואָס פיהרט אין צווייטען צימער פון וואנען עס הערט זיך דער רעגולארנער שנאָרכען אקאָמפּאנירט ביי דעם טיק טאק פון דעם זייגער.

ביי דעם שוועל איז ער געבליעבען שטעהען און האָט מיט זיינע פארלאָפּענע אויגען פון טרעהרען זיך איינגעגעסען אין דעם געזיכט פון דער שלאָפענדער.

זיא איז געלעגען מיט דעם בלאסען געזיכט ארויף צו, די שווארצע האר צו־וואָרפען און האבען צוגעדעקט איהרע שולטער, איהר ברוסט האט זיך הויך באוועגט אונטער דעם צודעק, אויף איהר שלאָפענדען געזיכט איז געווען אויסגעדריקט וועה און לייד פון א אומגליקליכע נשמה...

סעם איז געשטאנען מיט די וויט אָפענע אויגען. זיין הארץ האט איהם געבלוטעט. אן אונבעגרענצטער ליעבעס געפיהל האט זיך צוגאָסען איבער זיין יעדען אבר, ער האט געוואלט זי, די שלאָפענדע, ארייננעמען אין זיינע ארעמס און זי צערטליך קושען, פאר־טרינקען מיט זיין ליעבע איהרע ליידען, איהרע שמערצען, נאָר ווי אָהן זיין ווילען האט ער זיך אוועקגעדרייט פון דער טהיר און איז צוגעגאנגען צו דעם פענסטער וואָס איז ארויסגעקומען אין גאס.

א געדיכטער שנעע האט געשאָטען אָהנע אויפהער און האט אלעס ווי אנגעטהאָן אין תכריכים, א שטארקער ווינד האט גע־דרייט גאנצע זיילען שנעע און האט אלעס געריסען וואָס עס איז איהם געקומען אין וועג.

סעם האט געקוקט דורך דעם פענסטער אויף דעם שטורם פון דער נאטור, און האט עס פערגליעכען מיט זיינע שטורמישע געפיה־לען וועלכע רייסען זיין אָרימע הארץ.

ער שטעהט און אין זיין קאָפ שווימען בילדער איינע נאָך דיא אנדערע — בילדער עררעגענדע, פרעסענדע.

אָט שווימט אויף אין זיין מוח יענע סצענע ווען זיי ביידע גרויסע מענשען האבען איינגעשטימט, אז זיי זאָלען זיך פונאנדער־געהען, ער זעהט איהר גלייכגילטיגקייט, זאָגאר א קאלטקייט האט געבלאָזען פון איהר בענעהמונג, און ווי איהם האט זיך געדוכט, איה־רע גרויסע אויגען וואָלטען זאָגען. „דאנקען גאָט דיינער פטור גע־וואָרען". ער געדענקט וויא וועה האט איהם דיעזע סצענע, ער האט געערכענט, אז זי האט איהם ליעב, און דאפיר האט ער דאָך אלעס מפקיר געווען פון איהרטוועגען, ער האט דאָך רואינירט זיין גאנצען לעבען, ער איז דאָך געוואָרען א צובראָכענער, אָהנע מוטה און ענער־גיע מענש און אלס צוליעב איהר, און צום סוף זעהט ער ווי ענט־טוישט ער איז געווען. ער איז א צובראָכענער אוועק און האט שטונדען־לאנג בעוויינט זיין צובראָכענע קאריערע, זיין רואינירטע צוקונפט.

ער געדענקט ווי ער האט זיך געשטארקט, האט בעשלאָסען אָהן אלעס פארגעסען, אויספילען זיין צייט מיט וויכטיגעס איידעלעס.

ער האָט געפּאַסט אַ בעשלום זיך נעמען צום לערנען און דאָס פאַרגאַנגענע לאָזען זינקען, פאַרגעסען.

אָבער האָט ער געקענט פאַרגעסען זיין עופה'לע, דעם אונשול־דיגען מלאך'על וואָס איז פאַרבליעבען מיט איהר?

האָט ער געקענט פאַרגעסען דאָס זיסענקע קינד מיט די בלויע סאַמעט ווייכע אויגעלאך? ניין... ניין...

און ער איז געגאַנגען זעהען דאָס טהייערינקע קינד, און ניט ווילענדיג האָט ער אויך זיא, דיא מאַמע פון דעם קינד, געזעהען, יענע וועלכע האָט איהם רואינירט און אויסגעלאַכט...

נעווער מיינד, פלעגען זיינע פריינד זאָגען איהם, דו וועסט זיך נאָך מיט דיין פעניע'ן צוזאַמען קומען.

אָבער ער, סעם, האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי, ניין קיין מאָל, קיין מאָל וועט ער האָבען עטוואָס געמיינשאַפטליכעס מיט יענער קאַלטער בייזער נאַטור....

סעם האָט זיך אָבגעזיפצט פון די עראינערונגען, אַ מיעדער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אַ טשער, האָט אָנגעשפּאַרט זיין פיבער ברענענדע קאָפּ אָן דער קאַלטער גלאָז פון דעם פענסטער.

סעם האָט אויפגעטרייסעלט פון די עראינערונגען פון דער שרעקליכער סצענע. זיין בייבעלע איז ער געגאַנגען זעהען, ער האָט זיך מיט דעם אונשולדיגען מלאך'על געשפּיעלט, און זיא איז געזע־סען מיט קאָמפּאַניע ביי דעם טיש און האָט גערעדט, פּלוצלונג האָט ער דערהערט ווי זי בעליידיגט, בעשמוצט זיין משפחה, זיינע ברי־דער, זיינע שוועסטער, מיט די שמוציגסטע נעמען האָט זי זיי גע־קרוינט, און עס איז נאָך ניט געווען גענוג און מיט גיפטיגע קללות בעשימפּפט זי זיין מוטער, די גוטע איידעלע פרוי וועלכע איז ביי איהם אַ הייליגטהום. ווען סעם האָט עס דערהערט האָט אַ ווילדער צאָרן איהם ארומגעכאַפּט אַ אונבעוואוסטע ריעזען־קראַפט האָט איהם אַ ריס געטהאָן פון זיין זיץ, און אויפשטעלענדיג זיך אין זיין גאַנ־צער לענג, מיט פייער שיסענדע אויגען, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָהן מיט דעם פויסט אָן טיש און האָט ווי אַ געקוילעטער אָקס אַ רעווע געטאָהן.

שטיל זאָל זיין דו שלאַנג! אַלעס האָב איך פון דיר געהערט און געשוויעגען, איך האָב געשוויעגען ווען איך האָב געזעהען זיך באָדענדיג אין שמוץ און בלאָטע, איך האָב געשוויעגען ווען איך האָב דערזעהען מיינע שעהנע טרוימען וועגען אַ הויכען ציעל אינ'ם לעבען בעגראָבען, איך האָב געשוויעגען ווען איך האָב דאָס בעסטע

דאָס שעהנסטע וואָס אַ מענש פערמאָגט, מיין מוטה, מיין ענערגיע געבראָכען צוליעב דיר, איך האָב געשוויעגען ווען דו האָסט בעליידיגט אלע די וואָס זיינען מיר ליעב און טהייער, אָבער ווען דו קליינע פּאשעפּענים געהסט בעשמוצען מיין איידעלע טהייערע מאַמאַצקע יענע איידעלע פרוי וועלכע האָט זיך געבאָדען אין אַ ים פון צרות צוליעב איהרע קינדער, דאָ הייס איך דיר שווייגען... דו הערסט, שטיל זאָלסטו זיין!...

אָבער זי האָט ניט געאַכטעט אויף זיין הארציגען ריידען, אויף זיין געדעכטען צאָרן און ווי צו קריינקען איהם נאָך מעהר האָט זי מיט מעהר היץ געזידעלט בעליידיגט זיין מוטער.

סעם פיהלט אַז עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פון דער עראינערונג.

ער ווייס ניט ווי אַזוי עס האָט פּאסירט — נור ער האָט דערפיהלט דאָס ביי איהם אין קאָפּ האָבען זיך אָנגעצונדען טויזענדע עלעקטרישע ליכטען, אין הארצען האָט ווי עפּעס אָפּגעריסען, און ווי אַ צורייצטער טיגער האָט ער זיך געוואָרפען אויף איהר, און האָט זי מערדערליך געשלאָגען...

אַ שלאַפלאָזע שרעקליכע נאַכט האָט ער געהאַט ווען ער איז געקומען אהיים.

ניט אויסטוהענדיג זיך האָט ער זיך געוואָרפען אין בעט, האָט איינגעגראָבען די הייס ברענענדע קאָפּ אין די קישענס און האָט געקרעכצט ווי אַ פערוואונדעטע חיה...

אין דער פיינליכער דיקער פינסטערניס האָט זיך איהם געדוכט, דאָס ער זעהט זיין פעניעס געזיכט ארומשווימען — אַך וואָס פאַר אַ שוידער — אַ צושלאָגענע מיט אַ צו־וואונדעטען געזיכט — מיט די געדיכט שווארצע האָר צו־וואָרפען — האָט זיך איהר קאָפּ ווי פון אַ מארטירערין געוואָרפען און איהרע גרויסע אויגען האָבען געגאָסען בלוטיגע זודיגע טרעהרען...

סעם האָט דערפיהלט ווי ער ווערט דערשטיקט פון היץ... אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דער שווימענדער קאָפּ... ער האָט געגראָבען טיעפער זיין קאָפּ אין די קישענס — אָבער דער געזיכט מיט דיא רחמים בעטענדע אויגען האָבען פון איהם ניט אָפּגעטרעטען.. איין אונבעגרענצטער מיטלייד האָט איהם ארומגעכאַפּט צו דער אומגליקליכער... אַ ליידענדע נשמה.. חרטה האָט ער אויף זיין מיאוסער ווילדער טהאַט... זיין הארץ איז שיעור ניט צושפּרינגען געוואָרען פון פאַרדרוס....

ער מוז זיא זעהען... ביי איהרע פיס וועט ער ליעגען ביז וואַ־נען זי וועט איהם מוחל זיין פאר זיין אבשייליכער האנדלונג...

גאַנץ פריה איז סעם געוועזען אין גאַס — שנאַפּס האָט ער גע־טרונקען, פארשיכור'ן האָט ער זיך געוואָלט, ער האָט געוואָלט לינדערן זיינע גייסטיגע יסורים. אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט, דער וועה, די שאנדע, די גייסטיגע שמערצען האָבען גובר געווען די קראַפט פון דעם ביטערען טראָפּען, און איהר ליידענדער געזיכט האָט ניט אָפּגעטרעטען פון איהם.

פאַרנאַכט איז סעם געגאַנגען צו זיין פעניען, צו יענער וועל־כע ער האָט בעליידיגט און ערנידעריגט, ער איז געגאַנגען ביי איהר פערצייאונג בעטען און פאַרלייגען איהר דאָס ער וועט איהר מאַטע־ריעל העלפען אויב זי נויטיגט זיך אין דעם...

סעם זעהט דעם בילד ערשט ניט לאַנג, נור זעקס שטונדען צוריק וויא עס האָט פּאַסירט.

ווען ער איז אַריין אין הויז איז זי געזעסען אַ צובראָכענע מיט אַ פערשוואָלענעם געזיכט און האָט האַרץ־ברעכענד געקרעכצט, ווען זי האָט איהם דערזעהען אריינקומען — איז איהר פערשוואָלענע געזיכט בלאַס געוואָרען פון שרעק, איהרע אויגען האָבען געבלאַנדזשעט ווי ביי איינעם וואָס זוכט רעטונג, איהר קערפּער האָט זיך ווי צוזאַמען געדרייט....

איהם דוכט זיך אַט לעבט דער בילד פאַר זיינע אויגען, סעם האָט דערפיהלט ווען זיין האַרץ ווערט ווי בעגאָסען מיט בלוט — פון וועה און מיטלייד...

— שרעק זיך ניט, — רעדט ער צו איהר מיט אַ שטילער שטימע.... — איך בין געקומען צו דיר, פעניע, בעטען זאָלסט מיר מוחל זיין פאר דער ברוטאַלער האנדלונג מיינער, איך האָב ניט געטאָרט אַט אַזוי זיך פערלירען, איך האָב געדאַרפט זיין אַ מענש, אָבער דער ווילדער מענש אין מיר האָט מיר גובר געווען און איך בין משוגע געוואָרען, יעס, פעניצקע, ניט אנדערש דאָס איך בין געווען פערדריקט. דען ווי קען איך זיך ערקלעהרען דאָס איך, וואָס וואָלט אַ מיאוסען וואָרעם ניט וועה געטהאָן, זאָל זיך אזוי פערליע־רען און דיך אזוי מערדערליך שלאָגען און בעליידיגען?

איך בעט דיך, פעניצקע, פערגיב מיר, איך וועל ניט מעהר דיר שטערען.... אַך וועל קומען זעהר זעלטען צו זעהען דאָס קינד... איך וועל דיך אויסמיידען, דען יעצט נאָך מעהר ווי פריהער מוז מיין אנוועזענהייט זיין דיר שרעקליך עקעלהאַפט... איך גיב צו דו

האָסט רעכט, נאָר איך בעט דיך, נעהם אין אנבעטראכט דאָס איך בין געווען משוגע....

סעם געדענקט ער האָט געגרעדט לאַנג, האָט געבעטען און זי איז געזעסען איהר קאָפּ געזונקען און האָט שטיל געאָיקעט.... געזיפצט...

ווען סעם האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אוועקצוגעהן האָט פּעניע זיך א רים געטהאָן פון איהר פּלאַץ, איהר געשוואָלענע געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט פון וועה, און עס האָט קאָנוואולסיוו געצוקט... און פּלוצלונג האָט זי זיך א וואָרף געטהאָן סעמען אויף דעם האַלז און האָט אויסגעבראָכען אין א הערצרייסענדען וויינען.

אין א ציטעריגער, אין טרעהרען דערטרונקענער שטימע, האָט זי זיך ביי איהם געבעטען.

טהייערינקער, נשמה מיינע, פערלאָז מיך ניט... איך בין דאָך אזוי עלענד... איך בין דאָך אזוי צובראָכען.... איך האָב דאָך אויך א הארץ... איך וויל דאָך לעבען... און דו ווייסט דאָך אז דו ביסט פאר מיר אלעס... איך בין דיר מוחל... נור פערבלייב מיט מיר!....

סעם איז וויא צודולטער געשטאַנען.... אינסטינקטיוו האָט ער זיך מיט זיינע ליפּען איינגעגעסען אין איהר געזיכט... און זיינע הענד האָבען געגלעט די האָר פון איהר קאָפּ, וועלכע זי האָט אזוי ווי א שוואכע פויגעל געטוליעט צו זיין ברוסט...

און יעצט זעהט זיך סעם ווידער א טאטע... ווידער א מאַן פון א פרוי.... ער זעהט זיך ווידער פעראייניגט מיט יענער וועלכע ער האָט ניט פערשטאַנען.

מיעד צובראָכען איז זיין קערפּער און זעלע פון דאָס דורכ־געלעבטע.... טויזענדע געדאַנקען, אזוי ווי שטאַרקע כוואַליעס וואַר־פען זיך, שווימען ארום אין זיין קאָפּ.

סעם זיצט, קוקט דורך דער פענסטער, וואו די שעהנע ארבייט פון דעם פראָסט איז פאַרטיג און רייכע געטליכע רייצענדע בלומען, זיינען צושפּרייט אויף דער גלאָז פון דעם פענסטער.

ער קוקט, הערט זיך איין אין דעם שנאָרכען פון זיין פעניצקען — און עס דוכט זיך איהם דאָס זי בעט זיך ביי איהם: ניט פערלאָז מיך, מיין חבר!

און ער מורמעלט שטיל:

איך בין מיט דיר... איך וועל דיך ניט פערלאָזען....

ניין, ניט מעהר!...

א סיבה.

לואי דער פענטס אפערייטאָר וועט שוין אַ צעהנטען פער־זאָגען אָהן אַ הענדקערטשיף די הויז ניט צו פערלאָזען. דאָס וואָס האָט איהם געטראָפפען קען פאסירען יעדען ווער עס איז נאַכלעסיג.

לואי דער אפעריטאָר איז אַ יונגער מאַן פון זעקס און דריי־סיג יאָהר, ער פערמאָגט זיין אייגענס אַ וויבעל, אַ גוטע שטילע נשמה, נאָר פון צרות נעבעך אָן אויסגעמוטשעטע, אָן איינגעדארטע, פיער קינדערלעך זאָלען געזונד זיין, פיקערס קיין עין הרע.

לואי האָט געארבייט ביי מיסטער ציפער יאָהרען לאַנג.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם גאָלדענעם לאַנד איז ער גע־ווען אַ געזונטער קרעפטיגער יונגער מענש, פול מיט האָפנונג, מיט זיסע טרוימען.

מר. ציפער איז אויך געווען אַ גרין דאר אידעל, וועלכער האָט ניט לאַנג געעפענט אַ סוועטינג שאָפּ, וואו ער האָט געזוכט פאר זיין ארבייט נור גרינע, און לואי׳ס מזל איז אויסגעפאַלען אָנקומען צו מר. ציפער אין שאָפּ.

שנעל האָבען זיך די יוצרות געביטען. לאַנגזאַם, וואָך נאָך וואָך, מאָנאַט נאָך מאָנאַט האָט לואי געארבייט לאַנגע שטונדען ביי דער מאַשינקע, זיין רויטער געזיכט האָט לאַנגזאַם אָנגעפאַנגען פאר־לירען די פארב, דער שטארק קרעפטיגער קערפער האָט זיך לאַנגזאַם געבויגען אונטער דער ניט הארציגער ארבייט, דערפאר איז אָבער מר. ציפער וואָס אַ טאָג, אַ וואָך עס איז אוועק — איז ער דיקער, רויטער און רייכער געוואָרען.

יאָהרען זיינען אוועק אין שווערע אונערמידליכע ארבייט, קלעגליכע וויידזשעס, צרות און סלעק פאר דעם אָרימען לואי׳ן.

אזוי האָט לואי געפיהרט אַ רוהיגען פרידליכען לעבען מיט זיין גוטער וויבעל, די גוטע נשמה, און זייערע קינדערלעך. אין די

פינסטערע רומס, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אימער געהערשט א גליק זעליגקייט, און זיין חנה'לע האָט מיט די קליינע ווײדזשעס אויפגעהאַלטען די הויז אין בעסטען אָרדנונג.

נור איין שרעק האָט פערפאָלגט דעם אָרימען לואי'ן און זיין גוטע חנה'לע, זיין געזונד, זיינע כוחות זיינען ערשעפט געוואָרען — די גיפטיגע אַטמאָספערע פון די שעפּער האָט אונטערגעגראָבען זיין שטאַרקען קערפּער, און א פינסטערע צוקונפט האָט ווי פאַר־טרונקען זייער וועלטעל...

עס האָט ניט געהאָלפען וואָס זיין גוטע ווייבעל, דיא שטילע חנה'לע, האָט איהם, לואי'ן, געפּילעוועט, האָט פאר איהם ספּעציעל געמאַכט, ווי זאָגט מען עס, יאַכילאַך פון טשיקען, זיין קערפּער איז געוואָרען געבויגען, דאָס געזיכט אויסגעצויגען, בלאַס געוואָרען.

עס איז געווען אין א קאַלטען ווינטער אבענד ווען לואי איז געקומען אהיים פון דער ארבייט א צובראָכענער, ער האָט זיך קוים ארויפגעשלעפּט די שטיגען און איז כמעט ווי אריינגעפאַלען אין הויז.

חנה'לע, זיין גוטע נשמה, האָט דער לשון אָבגענומען פון שרעק. איין אונבעוואוסטער שרעקליכער געפיהל האָט זי ארומגעכאַפּט, און פארברעכענדיג די הענד האָט זי אויסגעפּלאַצט אין א האַרציגען געוויין.

— אַך, דו נאַרישע קאָפּ, — האָט זי לואי געטרייסט, — וואָס האָסטו זיך צו קלאָגען, אידענע וואָס דו ביסט, איך בין דאָך חלילה ניט געשטאָרבען, האָסט געהערט א ביסעל וואָס א אידינע קען. איך האָב זיך צוגעקיהלט, פיהל ניט גוט, א הוסט מאַטערט מיך, נו, איז די וועלט שוין אונטערגעגאַנגען ? — האַ ?

—איך דאַרף, חנה'לע, געבריהטע מילך מיט פּוטער, אויף ביי־נאַכט גוט אויסשווייצען, און אַלעס וועט שוין זיין אָל־רייט.

חנה'לע האָט בעזאָרגט מילך, האָט פאַר לואי'ן געמאַכט דעם געלעגער פאַרטיג, האָט איהם געגעבען זיך אָנטרינקען מיט מאַלינעס, האָט איהם איינגעריבען מיט אַלקאָהאָל און האָט איהם אריינגעלייגט אין בעט.

אויף מאָרגען האָט לואי געפיהלט גאָר ווי א נייער מענש. ער איז אוועק צוריק צו דער ארבייט.

נאָר פון דאַמאָלס אָן האָט לואי, ביי די קלענסטע אונפאָרזיכ־טיגקייט, זיך לייכט צוגעקיהלט, און דער הוסט איז געוואָרען זיי־נער אַן אינטימער פריינד.

ביי נאַכט, ווען זיין אָרימע צובראָכענע מיעדע ווייבעל פּלעגט

אנשלאָפּען ווערען, פלעגט ער זיך ארויס׳גנב׳ענען פון בעט, און אין פראָנט רום ביי אַן אָפענעם פענסטער איז ער שטונדען לאנג גע־זעסען און האָט געזוכט לופט פאר זיינע לונגען....

דאָקטוירים האָבען לואי׳ן פערזאָגט, אויב ער וויל זיין אַ מאַן צו זיין פרוי און אַ טאַטע צו זיינע קינדער, דאַן מוז ער אונבעדינגט מופען פון די פינסטערע רומס. ער מוז האָבען צימערען מיט פענס־טער דורך וואנען ער זאָל קענען האָבען גענוג לופט פיר זיין גע־בראָכענעם קערפּער און שוואכע לונגען.

זיין טרייע ווייבעל, זיין חנה׳לע איז ארומגעגאנגען ווי אין אַ עולם־התוהו, זי איז ווי דערטרונקען געוואָרען פון איהר גרויסען בראָך, זי האָט איינגעריסען אַ וועלט, זי איז געלאָפען צו אלע זייערע קרובים, האָט געבעטען מען זאָל זי ראַטעווען, מען זאָל איהר געבען אַן עצה וואָס זאָל זי טהאָן ?...

נאָך אַ בעראטהונג מיט אלע קרובים, צווישען וועלכע עס איז געווען אַ קאָזין פון די בראָנקס, האָט ער, דער קאָזין, פאָרגעשלאָגען, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז לואי זאָל מופען אין די בראָנקס. דאָרט קען מען קריגען ליכטיגע, לופטיגע בעקוועמע רומס, און אויך ניט טהייער.

און אזוי האָט אין אַ זונטאג חנה׳לע איבערגעלאָזען לואי׳ן מיט די קינדער און זי איז אוועק צום קאָזין אין די בראָנקס, און איז מיט איהם געגאנגען זוכען אַ דירה.

ווען חנה׳לע איז געקומען צוריק פון איהר רייזע, האָט איהר געזיכט ערקלעהרט, אַז זי איז געווען ערפלאָגרייך.

איהר צוקנייטשטער פנים האָט זיך ווי אויסגעגלייטערט, איהרע בעוועגונגען זיינען געוואָרען גאָר פרייער, און זי האָט מיט שמחה אָנגעזאָגט לואי׳ן דאָס זי האָט געדעגנט רומס, פּשוט פּאַליעס, דער קייסער אליין מעג דאָרט וואָהנען — אַ רעגעלער גן־עדן איז דאָרטען, היינט איז אין די בראָנקס גאָר אַן אנדער וועלט, מען זעהט דאָרט אַ קלאָהרען, בלויען הימעל, מען זעהט פעלדער, וועלדער און בוימער, און אַז גאָט זאָל געבען פרנסה איז דאָרטען טאַקי אַן אמת׳ער געט־ליכער פערגעניגען צו וואָהנען.

אין דעם טאָג ווען לואי האָט געדאַרפט מופען איז ער געווען ביזי אַ גאנצע נאכט. ער האָט איינגעפּאַקט זיין ביסעל אָרימקייט. סטאַפען אַ טאָג איז אַ שאַדע, איז געבליבען חנה׳לע זאָל מופען מיט די קינדער און ער וועט צוקומען פון שאַפ גלייך אין דער נייער דירה.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך לואי געזעגענט מיט זיין חנה׳לען און די קינדערלאַך, האָט זיי צוגעוואונשען אין א מזל׳דיגער שעה, און אַנזאָגענדיג חנה׳לען אַז דער קאַזין זאָל קומען צו איהם אין שאַפּ איהם נעהמען אין די בראָנקס, דען זי ווייס דאָך, אַז ער ווייסט ניט וואו עס איז די בראָנקס, האָט זיך לואי אוועקגע־שלעפּט אין שאַפּ.

פארנאכט איז לואי מיט דעם קאַזין געגאנגען פאָהרען אין די בראָנקס. דער קאַזין האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער קען פאָהרען צו זיך אין דעם נייעם וואָהנונג מיט די קארס, מיט דעם עלעוויימאָר אָדער דאָס בעסטע איז די סאָבוויי, עס געהט שנעלער.

ווען לואי איז דעם ערשטען מאָל אראָב אין סאָבוויי, האָט איהם די האַרץ אָנגעפאנגען קלאפּען שטארקער, שנעלער, אין די אויגען האָט איהם געשווינדעלט. נאָר דער קאַזין האָט איהם גע־כאפּט פאר׳ן האַנד און האָט איהם ווי מיט גוואלד אריינגעשלעפּט אין דער טריין, וועלכע איז אָנגעקומען.

באַלד איז לואי געקומען צו זיך און האָט זיך ניט געקענט, אָבוואונדערען איבער אמעריקא׳ס גבורה, איבער דער געוואלדיגער ארבייט וואָס איז דאָ אָבגעטהאָן געוואָרען.

פּלאי פּלאים, האָט ער געמורמעלט צו זיך. גאָר טיעף אונטער דער ערד פּליהסטו ווי פון טייוואָלים געיאָגט, און דאָרט אין גאס געהט גאָר ניט אָן וואָס דאָ טהוט זיך.... גאָט׳ס וואונדער...

ווען לואי איז אריין אין האָלל איז ער א מאָמענט געבליבען שטעהן מיט ווייט אָפענע אויגען. עפּעס האָט זיך איהם ניט גע־גלויבט, אַז ער, דער פּענטס אפּערייטאָר, וועט וואָהנען דאָ.

די ווענט זיינען געווען רייך דעקאָרירט, דער פלאָר און שטיגען מיט דיקען קארפּעט בעצויגען, און ווען לואי איז מיט דעם קאַזין אריין אין די רומס, האָט ער זיך ניט געקענט אָבוואונדערען, און ווען ער, דער אָרימער, וואָלט ניט דערזעהען זיין ווייבעל, זיינע קינדערלאַך מיט זיין ביסעל אָרימקייט, וואָלט ער געמיינט, אַז דער קאַזין האָט א טעות געהאט...

— נו, ווי געפעלט דיר אונזער נייע דירה, — האָט חנה׳לע מיט א מין שטאָלץ געפרעגט לואי׳ן. נאָר ביי איהם האָט דאָס האַרץ געקוועטשט פון פרייד און ער האָט ניט געקענט ענטפערן. ער האָט געקוקט אויף די גרויסע ריינע פענסטער, אויף די שעהן־געפּאָלירטע ווענט, אויף די שפּיגעלדיגע מענטעלפּלייסעס. ער האָט געקוקט אויף זיין אָרימען חנה׳לען, אויף איהר געזיכט, וועלכער,

ווי איהם האָט זיך געדוכט, איז ליכטיגער, אינגער געוואָרען, עפּעס גאָר אַ יום־טוב׳דיגע זעהט זי אויס, זיין אָרימע צובראָכענע ווייבעל, און איבערוועלטיגט פון נחת האָט ער געדערט צו זיך:

— שעהנע רוםס.... טהייערע רומס....

לואי האָט ניט געוואָלט קיין סאַפּער, ער איז געווען זאַט מיט זיין נייעם וואָהנונג, ער האָט פערגעסען אויף זיין הוסט, האָט ניט געפיהלט קיין מיעדקייט.

ער איז ארומגעגאַנגען, האָט אַלעס בעטראַכט, בעטאַפּט, געגלעט און גע׳חידוש׳ט זיך איבער דער ריינקייט און הערליכקייט.

שפּעט זיינען זיי, חנה׳לע מיט לואי׳ן, געזעסען דעם ערשטען אבענד און האָבען גערעדט פון דעם, דאָס ווען אַ וואָרעם קריכט אריין אין חריין מיינט ער אַז קיין זיסערע איז נישטאָ, און אַזוי איז מיט די גרינהאָרנס, זיי מיינען, אַז בעסער ווי דער וויסטער, פינסטערער דאַון טאַון איז גאָר ניטאָ.

יעדען אבענד, ווען לואי פלעגט קומען אהיים, האָט חנה׳לע געהאַט פאַר איהם עפּעס נייעס צו דערצעהלען: דאָס האָט זי איהם בעוויזען פון די אייז־באָקס וואָס איז איינגעפּיקסט — דאָס פון דעם דאָמווייטער, דאָס פון דעם וואָס עס איז איהר אראָב די זאָרג פון היטען די קינדערלאַך.

דאָ האָט זי קיין מורא לאָזען די קינדער אין גאַס, עס איז ניטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקען, ניטאָ קיין טריינס, קיין קאַרס קיין עקספּרעסען, עס איז שטיל. לאַנגע ברייטע שטיקער פעלד איז אויס־געשפּרייט פאַר זייער הויז, און עס איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר טוי־זענדער קינדער צו שפּיעלען זיך אָהן סכנה.

* * *

אַ גאַנצען טאָג האָט לואי געפיהלט זעהר שלעכט, דער הוסט האָט איהם געשטיקט מעהר ווי געוועהנליך, עס איז געווען איין עסענדער פייכטער וועטער, דער הימעל איז געווען ווי אָנגעשוואָלען מיט געדיכטע שווארצע וואָלקענס, אין שאָפּ איז געווען הייס און דעמפּיג, און ניט האָבענדיג גענוג טרוקענע ריינע לופט, האָט לואי׳ן דער הוסט אָהנע אויפהער געשטיקט.

מיט שמחה איז ער פארנאַכט געלאָפען צו דער סאָבוויי צו פאָהרען אהיים. לואי האָט פערכאַפּט אַ סיט און האָט געדרעבענט צו כאַפּען אַ דרעמעל ווי אַלע מאָל.

נאָר דער הוסט האָט אָהן רחמנות איהם געוואָרגען און האָט אויפגעטרייסעלט זיין קערפּער. אין קאָפּ האָט איהם געקלאַפּט ווי

מיט האמערס, אין די אויגען האט געשווינדעלט און אזוי ווי מיט בליי וואלט ער געווען אנגעפילט, אזא שווערקייט האט ער געפיהלט און האט ניט געקענט ריהרען מיט קיין אבר.

די קארס זיינען געווארען אנגעפאקט מיט פאסאזשירען אזוי ווי בארעלס מיט הערינג. עס איז ניט געבליבען קיין שטיקעל לעער פלאץ, וואו א מענשליכע פוס זאל מען קענען שטעלען.

לואי איז געזעסען איינגעפרעסט, איינגעקלאמערט ווי אין אן אפצווייגעל. דער הוסט האט איהם געווארגען, די לייחאץ האט איהם געשטיקט.

לואי האט געזוכט א הענדקערטשיף, נאר א נעכטיגער טאג, לואי האט קיין מאל ניט געהאט א טיכעל סיידען ווען חנה'לע האט איהם מיט געוואלד אריינגעשפארט, אזוי איז דאס ביי איהם ניט געווען קיין וויכטיגע זאך. אבער יעצט האט ער, דער ארעמער, נויטיג געדארפט א טיכעלע.

דער הוסט ווערגט איהם, די לייחעץ פילט איהם אן אין האלז... אין מויל... ער דארף עס אויסשפייען, נאר ער האט ניט קיין פלאץ.

לואי וואלט שוין מוחל געווען זיין פלאץ צו זיצען, ער וואלט ארויס אויף דער פלאטפארמע, נור ערשטענס איז געווען אונמעגליך זיך דורכשפארען דורך דער לעבעדיגער וואנד, און צווייטענס האט ער געוואוסט, אז די פלאטפארמעס האבען צוגעמאכטע טהירען און דארט, ווי דא, איז ניטא קיין פלאץ וואו צו שפייען.

ער פיהלט זיך אזוי מיעד, דער הוסט מוטשעט, ווערגט, ער פיהלט דאס באלד און ער ווערט ווי דערשטיקט. עס האט איהם אנגעפאנגען צו שווינדלען אין די אויגען, פון שרעק און שאנדע איז ער ווי אבגעגאסען געווארען מיט א שווייס. אט דוכט זיך איהם ער וועט דאס ניט אויסהאלטען, ער וועט שפייען און וועט בעשמוצען די דערביי זיצענדע אדער שטעהענדע...

און דער הוסט מוטשעט איהם. אט באלד — און ער וועט עס לענגער ניט קענען פארטראגען.... פלוצלונג האט א געדאנק אויפגעבליצט אין זיין מוח, ער האט זיך ארומגעקוקט, האט פער־גנבה'ט בעטראכט די ארום איהם זיצענדע און שטעהענדע, און ווען דער מויל איז איהם געווארען ווי פערשוואומען מיט לייחאץ, האט ער פאמעלאך צוגערוקט דעם סליוו צו זיין מויל און האט עס געמאכט פאר זיין ספיטון.

ווען לואי איז פטור געווארען פון דער פאסקודסטווא, האט ער

דערפיהלט א געוואלדיגע ערלייכטערונג. פון זיין הארצען זייגען ווי אראב טויזענדע שווערע שטיינער.

די איבעריגע וועג פון זיין רייזע האט זיך לואי געפיהלט א ביסעל בעסער. דער הוסט האט אפילו געטהאן דאס זייניגע, דער־פאר אבער האט לואי געהאט א מיטעל און האט שטילערהייט טראנספארטירט די לייחאץ אין סליוו.

ווען לואי איז געקומען אהיים, האט ער זיך ארייגעכאפט אין בעדרום, האט אראבגעווארפען דעם אויבער ראק און רעקעל און האט זיך גלייך איינגעוואשען ביי דעם סינק.

נאך דעם סאפער, ווען ער האט אויסגעטרונקען א צוויי גלעז־לעך מילך איינגעבריהטע אין קאנדעלצוקער און פייגען, האט ער זיך געפיהלט א סך בעסער, און ער האט דערצעהלט זיין חנה׳לען א שפאס פון זיינעם א גוטען פריינד, וואס איהם האט געטראפען אין דער סאבוויי.

חנה׳לע האט עס געהרט און האט זיך געהאלטען ביי די זייטען לאכענדיג, און האט גוטמוטהיג געפלאפעלט.

— רעכט אויף איהם, זאל ער ניט זיין קיין שלימזל, יעדער מענש דארף האבען א טיכעלע אין פאקעט...

ער וויל זיך ניט אונטערגעבען.

ר' שמואל גרינבלאט האט אין רוסלאנד, אין זיין געבורט־שטעדטעל, געשפּיעלט א שעהנע ראליע.

ער איז געווען א בעל הבית א איד, האט געהאט א שעהנע נחלה און האט געפיהרט א רייכען שטאט.

זיין ווייבעל גיטעל איז גווען א גוטע עהרליכע אידענע, געשעצט און געאכטעט פון אלע איינוואהנער פון דעם שטעדטעל.

די גוטע נשמה, פלעגט מען זי רופען, דען עס איז ניט געווען קיין איינציגער וועלכער זאל זיך ווענדען צו איהר נאך הילפע און זאל עס ניט קריגען, און ווי שטארק זי, גיטעל, איז ניט געווען פערנומען מיט איהר הויז און מיט איהרע קינדער, האט זי אימער געפונען צייט פאר ארימע, זיי בריינגען הילפע, לינדערן זייערע ליידען.

דיעזע צוויי עדעלע מענשען האבען פערמאגט דריי קינדער, פון וועלכע די עלטסטע צוויי זיינען געווען גערויטענע פריילינס און א בן יחיד'ל, וועלכער איז געווען געצערטעלט פון דער גוטער מאמען.

ר' שמואל און זיין ווייבעל גיטעל האבען בעלאנגט צו דער קאנסערוואטיווער וועלט, אבער האבען דאך ניט געקענט געהן קעגען דעם געוואלדיגען שטראם פון ליכט, וועלכעס האט דורכגעדרונגען די דיקע ווענט פון פינסטערניס, אפילו אין די קליינע פערוואָרפענע שטעדטלעך, און זיי האבען געמוזט נאכגעבען די אהנע אויפהערענדע פאדערונגען פון זייערע ליעבע קינדער, וועלכע האבען געדורשט נאך בילדונג.

גערויטענע, מיט אלע מעלות, זיינען די קינדערלעך געווען, א ציערונג פאר דעם טאטע מאמען און גאָט־בענטשונג פאר לייטען.

דער טאַטע פֿלעגט האָבן אַ געטליכען בּערגענינגען פֿון די קלוגע אויפגעקלעהרטע קינדער, ווייל נאָך אַלעמען, טראַכט דעם וואָס ער איז געווען פֿרום, האָט ער געהאַט אַ קלאָהרען בּליק און פֿער־שטאַנד, און האָט צוגעגעבּען, דאָס מיט אַ געבּילדעטען מענשען איז אַ עונג צו ריידען, און דאָס זיי זיינען ניצליכע פֿאַקטאָרען אין דעם יעצטיגען לעבּען.

די בּיטערע שרעקליכע אונרוהיגע צושטענדע, די פּאָגראָמען, די גאַנצע בּעסטיאַלישע האַלטונג פֿון דער רוסישער רעגיערונג האָט רואינירט טויזענדע גליקליכע היימען, צווישען וועלכע עס איז געווען ר׳ שמואל גרינבּלאַט.

— וואָס זאָל מען טהאָן? צו וואָס זאָל מען זיך נעהמען ? — איז געוואָרען די לעבּענס־פֿראַגע פֿון דעם אַמאָליגען חשוב׳ען בּעל־הבּית. און נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעה איז געבּליבּען, צו פֿאָהרען אין אַמעריקאַ, דאָרט וואו מען דאַרף ניט מורא האָבּען ניט פֿאַר קיין פּאָגראָמען, ניט פֿאַר קיין הוליגאַנעס, ניט פֿאַר די פֿינסטערע משחיתים — נאַטשאַלסטוואָ.

ניט ווייניג בּלוט איז פֿערגאָסען געוואָרען בּיי דער אונגליק־ליכען טאַטע מאַמע, ניט ווייניג צרות, ערנידעריגונג זיינען זיי אויס־געשטאַנען, ניט ווייניג רדיפֿות און שפיכת דמים האָבּען זיי גע־האַט איידער זיי האָבּען דערלעבּט צו זעהען דאָס פֿרייע לאַנד.

אָבּער מיט זייער אָנקומען קיין אַמעריקאַ האָט דאָך קיין ענד געקומען צו זייערע אָפּקומענעס.

פֿרעמד אין די זיטען און מנהגים פֿון דאָס לאַנד, אונבּעקאַנט מיט דער שפּראַכע און די געשעפֿטען, ניט וויסענדיג וואוהין און צו ווענדען זיך ווענדען, צו וואָס זיך פֿריטוליען, האָבּען זיי געליטען און זעהר שטאַרק געפּלאָגט זיך.

ענדליך, דורך אַ ראַטה פֿון אַ גוטען שכן, האָבּען זיי זיך צו־געשלאָגען צו אַרבּייט.

די צוויי קלוגע, גוט ערצויגענע מיידלעך און דאָס געפּעסטעטע בּן יחיד׳ל זיינען אָנגעקומען אין אַ פֿעקטאָרי אַרבּייטען, מיט דער בּעדינגונג צוויי וואָכען אומזיסט און נאָך דער לעהרע צו קריגען בּעצאָהלט נאָך דער ווערדע נאָך. אַזוי האָט דער גוטער בּאָס פֿער־שפּראָכען.

טרעהרען בּלוטיגע ,זודיגע טרעהרען האָבּען פֿערגאָסען טאַטע־מאַמע ווען זייערע ליעבּינקע קינדער זיינען אוועק דעם ערשטען טאָג צו דער אַרבּייט.

א גאנצען טאג זיינען זיי ארומגעגאנגען ווי שיכור'ע און האָבען ניט געפונען פון וואָס צו ריידען. ער, ר' שמואל גרינבלאט, וועלכער ווערט אָנגערופען מיסטער גרינבלאט, האָט זיך געשעהמט צו קוקען זיין גוטער גיטעלען אין די אויגען. עפּעס האָט ער זיך געפיהלט אזוי קליין, אזוי הילפלאָז. ביטערע געדאנקען האָבען איהם געמוטשעט און עס האָט זיך איהם געדוכט דאָס די גאנצע וועלט געהט אונטער.

שווער, זעהר ביטער, איז איהם, גרינבלאט'ן, געווען איינגעוואָהנען זיך מיט דעם געדאנק, דאָס זיינע עדעלע קינדער דארפען ארבייטען, אז ער וועט חלילה דארפען לעבען אויף דעם חשבון פון זייער הארעוואניע.

ער האָט ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, דאָס ער, דער היימישער שעהנער סוחר, ער, וועלכער האָט געהאנדעלט און האָט געהאלטען מענשען, איהם זאָל אויסקומען זיצען אין הויז, ארום געהן פּוסט און פּאַסט.

יעדען פריהמאָרגען, ווען זיי האָבען געדארפט וועקען די קינדער צו דער ארבייט, האָבען זיי זיך געבאָדען אין טרעהרען, און נאָר די מורא פאר הונגער און קעלט האָט זיי געטריבען ארויסרייסען זייערע טהייערע נשמות און שיקען זיי אין פעקטאָרי.

אָבער ווי זאָגט מען, מיט צרות לעבט מען זיך איין, און דיא אָרימע מאַמע האָט זיך צוגעוואָהנט צו דעם געדאנק, און איהרע יסורים האָבען זיך געמינערט.

אָבער ער, מיסטער גרינבלאט, האָט זיך נאָך אלץ ניט אונטערגעגעבען, און זיין קאָפּ האָט געארבייט, געזוכט פּלענער, ווי ארום ער זאָל קענען זיך צו עפּעס צושלאָגען. זיין שטאָלץ, וועלכער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין איהם פאר די לאנגע יאָהרען, ווען ער האָט געשפּיעלט אזא שעהנע ראָליע, האָט זיין חאראַקטער פעסטער געמאכט און ער האָט זיך ניט געקענט בויגען.

יעדען פריהמאָרגען, ווען די קינדער פלעגען אוועק צו דער ארבייט, האָט ער דורכגעקוקט צייטונגען, וואו ער האָט געזוכט א בעשעפטיגונג פאר זיך, און יעדעס מאָל ווען ער האָט געזעהען, וואו מען האָט געזוכט א מענשען אין א געשעפט, האָט ער עס מיט א פענסיל פארצייכענט, און האָט זיך גאנץ שעהן אויסגעקאמט זיין שעהנע באָרד, האָט אָנגעטהאָן זיינע יום־טוב'דיגע מלבושים און איז געגאנגען זעהען דעם הערר, וועלכער פערלאנגט מענשען....

שטאָלץ, מיט א הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, פלעגט ער אריין

געהן אין סטאָר, אָדער אין שאָפּ, פון וואנען ער האָט געהאט די אַדוועטײזמענט, האָט מעשה סוחר פערלאַנגט צו זעהן דעם בעל־הבית.

זיין רעספּעקטאַבעלע ערשײנונג האָט געמאַכט א גוטען אײנ־דרוק, און מען האָט איהם געבעטען זיצען, און ווען דער באָס האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט דער פראגע, וואָס ער קען טהאָן פאר איהם, האָט מיסטער גרינבלאַט מיט שטאָלץ דערצעהלט פון זיינע געשעפטען, וועלכע ער האָט געפיהרט און צו ענדע האָט ער פאַרגעלייגט דאָס ער וויל אָננעהמען די שטעלע וועלכע ווערט אָנ־געמוטה דורך דעם אדוועטײזמענט.

דער באָס פלעגט איהם העפליך ערקלעהרען, דאָס ער קען זיין דיענסט ניט פערלאַנגען. אַנדערע ווידער האָבען זיך פון איהם אויסגעלאכט און האָבען איהם געהייסען געהן אהיים און אויסרוהען זיך אויף די עלטערע יאָהרען.

א פערטראַכטער, א פערמאוטערטער, מיט אַן אַראָבגעלאָזענע קאָפּ, האָט ער זיך געשלעפּט אהיים, און מיט וועהמוטה פלעגט ער זיך בעקלאָגען פאר זיין גיטלען אויף די יסורים וואָס ער שטעהט אויס.

סטייטש, האָט ער זיך ניט געקענט שטילען, אַזעלכע שנעקעס, אינגלעך, זיי זיינען בעל הבתים, שעהנערע מאַלציקעס האָב איך דאָך געהאַט אין מיין געשעפט, און יעצט ווען איך בין געקומען צו אַזא נידעריגע מדרגה, האָב איך גערעכענט אַז עס וועט זיין א כבוד פאר זיי, ערשט זיי לאַכען זיך אויס פון מיר.

אויף דער עלטער, זאָגען זיי, זאָל איך געהן אהיים און אויס־רוהען זיך.... גאַנצע חכמים זיינען זיי, זיי ווייסען ניט אַז אַזעל־כע האָב איך געקענט קויפען און פערקויפען יעדע שטונדע.

א מיעדער פלעגט ער זיך א וואַרף טהאָן אויף דער סאָפע, האָט געקרעכצט פון פערדרוס און האָט געשאָלטען אַמעריקא מיט איהרע געשעפטען.

— גוואלד, גיטעלע, זאָג מיר נאָר, וואָס טהוט זיך דאָ. אדרבא ערקלעהר מיר טאָמער ווייסטו דעם שכל. וואָס איז דאָ פאר א אינג־לאַך, אַז איך בין א ביסעל עלטער, וואָס אַרט עס זיי, איך דארף דען מיט זיי א שידוך טהאָן, האַ! אדרבא ביזט דאָך א קלוגע אידענע, ווייסטו דעם רעטענים.

נאָר זיין גיטעל האָט געשוויגען, האָט נאָר געענטפערט מיט א זיפץ.

איינמאָל איז מיסטער גרינבלאט געקומען אהיים נאָך זיין געוויינליכען שפּאַציער, גאָר לעבעדיגער, זיינע אויגען האָבען ווי אויפגעבליצט פון א גליק, און זיין גאַנצער איך האָט זיך ווי אויסגעצויגען און מיט א קינדערשער פרייד האָט ער אַנגעזאָגט זיין גיטעלע דאָס, ער האָט געקראָגען א שטעלע. עס איז טאַקי ניט אַזאַ שעהנע בעשעפטיגונג און עס בעצאָהלט זיך ניט אזוי גוט, נאָר דאָך אלץ בעסער ווי לעדיג ארומגעהן, און דארפען לעבען אויף דעם חשבון פון די קינדערשע פערדיענסטען, דערצו ווער ווייס, פּיעלייכט זייענדיג דאָרט אין געשעפט, וועט ער קענען גושא חן זיין ביי דער בעל הבית, וועלכער וועט איינזעהען אז ער איז א סוחר, וועט ער איהם געווים געבען א בעסערע, וויכטיגערע שטעלע.

אויף מאָרגען פריה איז אויך ר׳ שמואל גרינבלאט אוועק צו דער ארבייט. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיין גוטער גיטעלע, האָט א זאָג געטהאָן „מיט דער רעכטער פוס — אין א מזל׳דיגער שעה“, האָט ערנסט א קוש געטהאָן די מזוזה און האָט אוועקגעמארשירט אין שאפּ.

מיסטער גרינבלאט שטעהט און פאָלדט העמדלעך, קלינט די קאַטען, לערנט זיך ווי אויסלייגען דעם קאָלער. די ערשטע פּאָר שטונדען איז עס נאָך געווען עפּעס א נייעס ביי איהם, ער האָט נאָך זיך ניט אריינגעקלעהרט וואו ער איז און וואָס עס טהוט זיך מיט איהם, נור ביסלעכווייז האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זיך ארומגעקוקט און א געפיהל פון עקעל האָט איהם ארומגעכאַפּט.

ער, א איד, א מענש, וועלכער האָט אָבגעלעבט ביינאַהע זעקס צעהנדליג יאָהרען אין עושר און כבוד, ער שטעהט און ארבייט: און וואָס טהוט ער? ער קלינט קאַטען, לייגט צוזאמען העמדלעך.

דער רויש פון די מאַשינען, די געשרייען פון די אפּרייטאָרס, דער שטויב פון דער וואארע, די שטיקענדע אַטמאָספּערע האָט אויף איהם ארויפגעיאָגט א מאָדנעם וויטאָג און שרעק... עפּעס האָט איהם די קאָפּ אָנגעפאַנגען וואַקלען זיך ווי געוואָרפען פון א שטאַרקען שטורעם, זיין גאַנצער איך איז עפּעס ווי איינגעצויגען געוואָרען און די אויגען זיינען איהם ווי פינסטער, מיט א געדיכטען טומאַן פערצויגען, און עס דוכט זיך דאָס עס עפענט זיך פאר איהם א טיעפער אָבגרונד און וועלכער פאַלט פון ערגעץ, א וויטע הויכקייט...

ער האָט דערפיהלט ווי די גאַנצע הויז האָט זיך ווי א טרייסעל געטהאָן, און די העמדלאָך האָבען אָנגעהויבען ריהרען זיך און פאַלען אויף איהם... זיי שטיקען איהם, זיי ווערגען איהם.... און עס

שיטען זיך העמדלעך אָהן א שיער אָהן א צאָהל. ער פיהלט די שווערע משא ווי זי דריקט. ער פיהלט אז אָט וועט ער מעהר קיין כוחות האָבען עס אויסהאלטען.... ער וויל שרייען... ער וויל רופען נאָך הילפע.... נאָר ער קען ניט, די שווערקייט האָט איהם ווי דער־וואָרגען...

א קרעכץ... א פאל... פון א מענשליכען קערפער האָט ווי טויט שטיל געמאכט דעם שאַפּ מיט אלע ארבייטער.

דער פעקער איז געשטאָרבען, שושקען זיך איינינע ארבייטער און בעדויערען איהם... נאָר עס איז א טעות געווען, פרייען זיך די ארבייטער, ער האָט נאָר גע׳חלש׳ט, מען האָט איהם אָבגעמינטערט. א שעהנער איד, רעדען צווישען זיך די ארבייטער, קענטיג ער האָט בעסערע צייטען געזעהען......

יא... יא... שאָקלען צו פיעלע מיט די קעפּ דאָס איז דער שיקזאל פון אַן ארבייטער.

ווי א שיכור׳ער האָט זיך מיסטער גרינבלאט אוועקגעשלעפּט אהיים. דיא ריינע לופט אין גאַס האָט איהם צו זיך געבראכט.

א מיעדער, שעמעדיג צו קוקען גיטלען אין פנים, האָט ער זיך אריין געכאַפּט אין הויז, און א צודריקטער פון זיין קליינקייט און שוואכקייט האָט ער זיך אריין געוואָרפען אין בעט. מיט א שטי־לער שטימע האָט ער גיטלען בערוהיגט, האָט זי געבעטען איהם לאָזען זיך אויסרוהען...

ווען ער איז פערבליבען אליין אין צימער, האָט ער דערפיהלט אַן אונבעגרענצטען וועה... א מאָדנע בענקענים האָט איהם ארומ־געכאַפּט און האָט געצויגען זיין צו־ווייטאָגטע הארץ, צו יענע צייט ווען ער איז געווען א מענש, מיט כבוד און רייכקייט, און איבער־וועלטיגט פון די איבערגעטראָגענע יסורים האָט ער אריין געכאַפּט זיין גראָהע קאָפּ אין זיינע שוואכע טרייסלענדע פון אויפרעגונג הענד און האָט זיך צובליפּעט ווי א שוואכע קינד.

א טעות.

— הארצעלעך, קריינדעלעך, איך זאָג אייך אז איך בין שטאַר־קער פון אייזען, צוצוזעהען וואָס די חצופה גיט אָן אין איהרע רומס, עס איז גאָר אַ ביטערע עבירה וואָס אַזעלכעס לעבט גאָר אויף דער וועלט.

אזוי האָט חנה די ביגלערין, אַ הויכע, דאַרע סטולאַוואַטע אידענע מיט וואַסערדיגע אויגען און גרויסע אויערען, וועלכע האָ־בען ארויסגעקוקט פון איהר קאָפּ־טיכעל, מיט אַ עכט אידישען לאַנגען נאָז, וועלכען זי האָט אַלע ווײַלע געווישט מיט אַ קאָלירטען נאָז־טיכעל, גערעדט צו צוויי ווייבער, איהרע שכנטעס, פון די בעק, וועלכע זי האָט צו זיך פאַרבעטען פאַר זיי אנטפּלעקען דעם סוד, דאָס די יונגינקע ווייבעלע, די שכנה פון נעקסט האָר, אָט די חנ׳עוודיגע אונשולדיגע פייגעלע, וועלכע מישט זיך ניט מיט קיינעם נאָר זיצט ביי זיך אין די רומס, האַלט זיך פון אַלעמען פון ווייטען, אָט זי איז גאָר אַ לילית... אַ חצופה, וועלכע פיהרט גאָר הינטער׳ן מאַן׳ס פּלייצעס אַ ליבעצקע.

דוואָסיע, אַ עלטערע אידענע מיט אַ הויב אויף דעם קאָפּ, מיט אַ צוקנייטשטען געלען געזיכט, מיט גרויסע כימרע אויגען, האָט בע־דויערענס־ווערטה געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און האָט געאָיקעט אויף די גרויסע זינד....

און בעקי, די אַנדערע ווייבעל, מיט אַ פּיצעל קינד אויף דער האַנד, וועלכעס האָט זיך געצאַפּעלט, געשריען, און זי האָט עס גע־שטופּט איהר ברוסט אין מויל און האָט נאַכאַנאַנד גערעדט צום קינד: — וועסט שוין שטומען, דו ממזר! נאַ!.. נאַ!... פּרעס.... דאָס קען גאָר קיין מאָל ניט זאַט ווערען... — האָט זיך מיט גרויס כונה צוגעהערט צו חנה׳לעס סוד....

— ווער וואָלט זיך ריכטען אזוי אויף איהר אזעלכעס, — האָט חנה'לע ניט געקענט זיך שטילען. איך זאָג אייך, טהייערינקע, ווען מען וואָלט מיר געזאָגט, אז זי איז אזא אויסוואורף, וואָלט איך יע־נעם פערשפיגען דעם פנים.... סטייטש אזא יונגענקע, אזא חן'עוודי־גער איידעלער געזיכט. איך בין זיך פאר אייך מודה, אז זי האָט מיך, אָט די יונגע מכשפה, פון דער ערשטער מינוט אזוי בע'כישופ'ט, אז איך האָב זי ליעב געקראָגען אָט ווי איין אייגען קינד.

— איהר הערט דאָך, ווען זיי האָבען מיט צוויי וואָכען צוריק אריינגעמופט, האָב איך מיט אַן אויסרייד אריינגעכאפט זיך זעהן וואָס פאר אַ שכנים איך קריעג. זעהען צו זי היט כשרות, צו זי איז אַן עהרליכע אידישע קענד, ווייל איך האָב ליעב מיט מיינע שכנים לעבען אין שלום. איהר קענט דאָך מיך, דוואָסיע לעבען, מיט קיינעם ניט פערביטען קיין וואָרט חלילה. נו, איך קום אריין, פרעג ביי איהר וואו עס האַלט דער זייגער, און רעד זיך מיט איהר פאַנאַנדער. זי איז אזא ליעבינקע, מיט אַ זיסען שמייכעלע, האָט זי מיך געבעטען ווייטער אריינקומען און זי צו לערנען ווי מען קאָכט און באַקט, דען זי איז דאָך נור אַ מאָנאַט נאָך דער חתונה.... מהיכי תיתי, זאָג איך איהר, — געוויס מיין קינד... פאר וואָס ניט... אַ רחמנות נעבעך, קלעהר איך מיר. אַ עלענדע, אזא יונגענקע, אַ צוציקעל, אַ מצוה איז אַזעלכע צו לערנען און אויסהעלפען, און ער, איהר מאַן, איז אזא שטילער, גוטער מענשעל, אָט ווי צוויי טייבעלעך האַכט זיך לעבען זיי.

פאַרנאַכט ווען ער קומט פון דער ארבייט זיצט זי אַן אויס־געפוצטע, אַ צוגעקליבענע און מיט אָנגעשטעלטע ליפּעלעך בעגע־גענט זי איהם, און ער לעגט איהר פּשוט דעם ביסען אין מויל. גאָט'ס ברכה, פלעג איך מיר זאָגען, ווענען, קריינדעלעך, האָט גע־קענט איינפאַלען אז זי איז אַ פאַלשע, אַ שלאַנג...

טפוי אויף איהר קאָפּ, אויף איהר לייב און לעבען, האָט חנה די ביגלערין שוין מיט כעס אויסגעשאָסען.

„אַ שלעכטע, אַ זינדיגע וועלט געוואָרען, שאָקעלט דוואָסיע מיט'ן קאָפּ... הפקר געוואָרען... די יונגוואַרג האָבען גאָר קיין חרפּה.. קיין בושה... די קליפּה האָט אַלעם פער'סמ'ט און גאָט ווייסט וואָס דער סוף וועט זיין?!...“

און בעקי, די יונג ווייבעל מיט דעם קינד ביי דער ברוסט, הייסט דעם קינד שטומען, האַלט אָפען דעם מויל, הערט זיך איין אז זי זאָל חלילה אַ וואָרט ניט פערהערען... נעביך זי איז אַ פעראומער־

טע נשמה, זי ווייסט ניט פון ליעבע, פון פריינדשאפט, פון איבערגע־בענהייט. איהר איציקעל, איהר מאנדרע, ווי זי רופט איהם, איז א ביטערער יונג, טהיילט איהר צו געברענטע צרות...

— דוואסינקע, לעצטען דינסטאג, האט חנה'לע די ביגלערקע ווייטער אנגעפאנגען, געדיינקט איהר דאך, מען האט געבענשט ראש חודש, נו, יא, בין איך געקומען פון גאס א מיעדע, די קאפ האט מיר שיער ניט צושפאלטען אויף שטיקער, האב איך זיך צוגעלייגט אין פראנט רום אויף דער קאנאפע, האב צוגעלייגט א קאלטע נאסע טיכעלע צום קאפ און האב איינגעדרעמעלט, און ווי אין שלאף הער איך שטימען דורך דער וואנד פון מיין נעקסט האריבעם פראנט רום... א מענערשע, א דיקע שטימע רעדט אזוי היים... ברענענד.. עפעס דערצעהלט ער פון ליעבע... פון איבערגעבענהייט.. בעט זיך אנטלויפען מיט איהם... און פלוצלינג הער איך א ווייבערשע שטי־מע, אט ווי דער ווייבעלס פון נעקסט דאר. איך הער ווי זי זאגט, אז ער איז איהר גאנצער שאץ, אז זי קען אן איהם ניט לעבען... נאר זי בעט זיך ביי איהם ניט כאפען, געבען איהר צייט..

צוערשט האב איך געמיינט אז איך האב גע'חלומ'ט, האב איך דריי מאהל אויסגעשפיגען, האב אויסגע'בטל'ט אלע מיינע צרות אויף די שונאים'ס קעפ, און האב געוואלט ווייטער דרעמלען... אבער די שטימען פון דעם מאן און דער פרוי האבען זיך ניט אונטערברא־כען, און איך זעץ זיך אויף, רייב זיך אוים די אויגען, און הער זיך איין....

א בראך איז מיר!... פינסטער איז מיין וועלט ! עס האט מיך געווארפען אין היץ און אין קעלט!... אזא חטא... אזא שאנדע... א צוקאכטע בין איך צוגעלאפען צום סינק, האב אבגעגאסען נעגעל־וואסער, בין ווייטער אריין אין פראנט־רום, האב צוגעלייגט מיין אויער און האב זיך איינגעהערט...

זיסענקע, הענט און פיס האט מיר געווארפען... אין הארצען האט מיר אפגעריסען... עפעס ווי א טהייערע זאך האב איך פערלא־רען, אזוי האט מיר וועה געטהאן, איך האב זיך געוואלט איבער־צייגען, בין איך מיט א אויסרייד אריין א ציבעלע אנטלייהען, זי און דער יונגערמאן זיינען איינע פון דיא אנדערע אבגעשפרונגען ווי אבגעבריהטע, און זיינען רויט געווארען ווי בוריקעס, און זיא אט דיא מכשפה, האט מיך געבעטען ענטשולדיגען איהר, נאר דעם צווייטען מאהל ווען איך דארף אריינגעהן אין א פרעמדע הויז זאל איך אנ־קלאפען אין טיהר, אזוי זאגט זיא, פאדערט די העפליכקייט...

אז קלאפּען זאָל דיר א צאָהן אָן א צאָהן, עס זאָל דיך וואַרפען ווי א צעהן יעהריגע קדחת, האָב איך געקלעהרט, די פּאַסקודסטווא, די הולטײקע; אָט די דאָרע חראָנזע לערנט מיך נאָר ווי אויפצו־פיהרען זיך... אז ארויספיהרען זאָל מען זי אין איהר גלייכען. און אָט אזוי קומט דער יונגערמאַן צו איהר יעדען טאָג, זיי האַליובען זיך, קושען זיך, און ער, איהר מאַן נעביך, ארבייט, ווערט פערשווארצט, א רחמנות נעביך אויף איהם, איך האָב שוין געוואָלט אריינגעהן צו איהר און זי גוט אויספּאַטשען די הולטײקע, נאָר עס איז דאָך אמעריקא גנב, איך קען ווערען ארעסטירט איבער דער קליפּה... גוואַלד וואָס טהוט מען, האַרצעלעך, גיט מיר אן עצה!... האָט מיט פערבראָכענע הענד געענדיגט איהר ערצעהלונג חנה די ביגלערין.

דוואָסיע האָט פאָרגעשלאָגען אז דאָס בעסטע איז איהר מאַן דערצעהלען, זאָל ער זעהן פאַר ווען ער האָרעוועט, ווערט פער־שווארצט.

חנה די ביגלערין האָט פאָרגעשלאָגען, אז בעקי, די יונגע ווײ־בעל, זאָל איבערנעהמען אויף זיך די ארבייט צו רעדען מיט דעם מאַן, דען זי איז א יונגע ווייבעל וועט זי געפינען א וועג ווי אזוי מיט איהם צו געפינען א געשפּרעך.

נאָר די אַלטע דוואָסיע איז געווען דאגעגען, עס פּאַסט ניט, מען קען נאָך בעקי'ן חלילה אראָפּפיהרען פון'ם דרך הישר, זי איז א יונגינקע ווייבעל, א פערזאָמערטע מיט א פּארבימערטע האַרץ, און ער, דער יונגערמאַן פון דער יונגער מכשפה וועט דאָך ווערען דער־שלאָגען ווען ער וועט זיך דערוויסען פון זיין בראָך, און עס קען נאָך ווערען אז זיי, דיביידע פערביטערטע הערצער זאָלען נאָך זינדיגען חלילה... אזוי האָט דוואָסיע פילאָזאָפירט, טאָ וועט זי אליין נעהמען אויף זיך די מצוה און וועט איהם אַלעס ערקלעהרען... עפענען זיי־נע בלינדע אויגען...

ווען באָרים האָט אויסגעהערט וואָס די אַלטע האָט איהם צו דערצעהלען, האָט דאָס גאַנצע בלוט איהם א שפּאַר געטאָהן אין גע־זיכט, ער האָט געוואָלט א כאַפּ טהאָן די אַלטע און זי דערשטיקען פאַר דער מיאוסער פערלוימדונג... זיין אננא... זיין איידעלע, טרייע חבר'טע אזוי מיאוס ערנידריגט... אזוי טיעף בעליידיגט.. נאָר פון בעם האָט ער ניט געקאָנט א וואָרט ארויסריידען און מיט בלוט פער־לאָפענע אויגען האָט ער זיך אוועקגעקעהרט פון דער אַלטער און איז ארויף די שטיגען...

ווען ער האָט אָן עפּען געטהאָן די טהיר פלוצלינג אומגעריכט האָט זיך איהם ווי אויסגעדוכט, אז אננא, זיין נשמה איז ווי בלאָס געוואָרען און עפּעס ווי א פּאַפּיער האָט זי בעהאלטען ביי זיך אין פּאַקעט, ער איז ווי צוטומעלט געוואָרען, נאָר האָט מיט כעס אויף זיין שוואכקייט אראָפּגעוואָרפען דעם רעקיל, און איז צוגאנגען צו זיין טרייע חבר'טע, וועלכע איז איהם אַנטקעגען געקומען מיט א ויסען אונשולדיגען שמייכעל אויף איהר געזיכט, און מיט אָפענע אָרעמס. ער, באָריס, האָט אָנגענומען איהר קאָפּ מיט ביידע הענד, האָט זי פערריסען ארויף צו און האָט אריינגעקוקט אין איהרע גרויסע, בלויע אויגען, ער האָט אין זיי אריינגעקוקט און אין זיין קאָפּ האָט געשטורעמט.

„זעהט ער דען ניט אין איהר קלאָהרען ליעבען בליק די ריינקייט פון איהר נשמה? קען ער גאָר אויף איין סעקונדע צווייפלען אין איהר טרייהייט? איז ער ניט קיין מיאוסער, עקעלהאפטער מענש ווען ער קען גאָר האָבען דעם קלענסטען פערדאכט אין דער אויפ־ריכטיגקייט פון זיין ליעבע זעעלע?“ און ווי וועלענדיג איבערצייגען דאָס ער האָט געטהאָן אן עולה מיט דעם וואָס גאָר א מאָמענטאלנער געדאנק האָט ביי איהם געקענט געבאָרען ווערען אין זיין היים ברענ־ענדער קאָפּ, אויף אננא'ס ריינקייט, האָט ער זיך איינגעגעסען אין איהרע רויטע זאנפטיגע חן'עווודיגע ליפּען און האָט זיא פערשלונגען מיט זיין היים ברענענד ליידענשאפטליכער ליעבע...

אויף מאָרגען ווען באָריס איז געזעסען אין שאָפּ ביי דער ארבייט האָט אָן זיין ווילען ווי אויף צו להכעיס געדרעהט זיך ביי איהם אין קאָפּ די ערצעהלונג פון דער אלטער. ער איז איי־ניגע מאָל געוואָרען שטארק אין כעס אויף זיך פאר זיין שוואכקייט, אָבער די געדאנקען האָבען אָהנע אויפהער געעגבערט אין מוח און וואָס וויימער זיינען זיי געוואָרען שארפער, בייסענדער. א שרעק־ליכער ווייטאָג האָט אין איהם אויפגעלעבט, ער ווייס ניט, ער פאר־שטעהט ניט ווי אזוי נור עס האָט זיך ביי איהם אין זיינע פינס־טערע געדאנקען אויסגעארבייט, אז מען קלינגט איז א חגא, און פאר וואָס איז זי זיין נשמה, זיין אנאצקע בלאס געוואָרען?... וואָס פאר א פּאַפּיער האָט זי עס בעהאלטען? און ווען זיא בעהאלט עפּעס פון איהם, איז דאָך עס א סימן אז עפּעס איז דאָ וואָס זי וויל ניט, אָדער קען עס איהם ניט פארטרויען, און אויב אנאצקע קען עפּעס האָבען וואָס זי דארף מיט דעם זיך אויסבעהאלטען פון איהם, דאן איז זיא דאָך א סעקרעט פאר איהם. קורץ לאנגזאם האָט זיך

אויסגעארבייט אין זיין פיבער ברענענדען קאָפּ, דאָס זיא האָט איהם ניט ליעב און מן הסתם איז אמת וואָס די אַלטעצקע האָט דערצעהלט.

באָרים האָט דערפיהלט, ווי זיין מוח קעהרט זיך איבער, אין קאָפּ איז ביי איהם געוואָרען ווי אַ כאאס, טומאנע פינסטער... די הארץ האָט עפּעס אזוי מאָדנע גענאיעט... געבלוטעט...

און ווען עס האָט אין שאָפּ געשלאָגען די דריטע שטונדע נאָכמיטאָג, דאָס הייסט ווען די אלטעצקע האָט איהם געהייסען קומען צו זיין שכנה, דער ביגלעריכע וועט ער אַלעס הערען דורך דער וואנט, האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן פון זיץ און ערקלעהרענדיג אין שאָפּ, דאָס ער פיהלט זיך זעהר שלעכט, איז ער ווי פון טייוואָלים געיאָגט געלאָפען אהיים... די גאנצע וועג האָט ער ניט געקענט צוזאמען נעהמען די געדאַנקען, עפּעס אן אונבעשטימטער געפיהל האָט איהם געמאטערט און ווי פון א שרעקליכען שטורעם האָט ער ערוואַרטעט זיין זיסע וועלטיל זאָל גרויזאם צושטערט ווערען.

אַ בלאסער מיט צושראָקענע אויגען האָט ער אָנגעקלאפּט ביי חנה דער ביגלערין אין טהיר, אויף איהר ענטפער איז באָרים אריין אין הויז פון זיין שכנה, זיין הארץ האָט געריסען, געציפּט, אין מוח זיינען געשוואומען טויזענדע שטיקלאַך געדאנקען אָהנע אנפאנג און ענדע... אזוי ווי אַ היפּנאָטיזירטער האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ און האָט אָנגעשטרענגט זיין גאנצען געהערם אפּאַראַט ניט דורכצולאָזען קיין איין זילבע פון וואָס עס וועט ווערען גערעדט צווישען זיין „נשמה“, צווישען יענער וועלכער ער האָט גערעכענט צו זיין ניט קיין מענשענס נור אַ הערליכעם געטליכעם קינד....

באָרים האָט געהערט און אין זיין געזיכט האָט זיך געביטען די פּאַרב, זיינע אויגען זיינען ווילד אַרו םגעלאָפען איבער דיא געגענשטענדע אין דעם צימער... ער האָט געהערט זאכען וועלכע האָבען איהם ווי האַלב משוגע געמאכט.

ער איז געזעסען מיט קראמפּהאַפטע צוזאמען געדריקטע פויסטען, מיט פּאַרשצירעטע צעהן און אין זיין מוח האָט אויפגעבליצט אַ געדאנק אריין לויפען חאַפּען זי די פּאַלשע... די קליינע עקעלהאַפטע שלאַנג און זי דערשטיקען... טויטען די גיפטיגע חיה׳לע וועלכע האָט גערויבט זיין רוהע... זיין גליק...

חנה די ביגלערין און דוואָסיע די אלטעצקע זיינעןביידע געזעסען ווי אין געהאקטע וואונדען, זיי האָבען געקוקט אויף זיינע וויל-

דע אויגען און עס האָט זיי אַ ווילדע אימה אַרומגעכאַפּט... זיי האָ־בען שוין חרטה געהאַט און האָבען מיט פערבראָכענע הענד געקוקט אויף באַריסעס יעדע בעוועגונג.

פלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן פון זיין זיץ און בליץ שנעל האָט ער אַ עפען געטהאָן די טהיר פון חנה דער ביגלעריכעס הויז און האָט מיט אַ ווילדער קראַפט אַ ריס געטהאָן די טהיר פון זיין וואָהנונג וועלכע האָט זיך מיט אַ שטאַרקען רעש אַן עפען גע־טהאָן.

אננאַ איז געזעסען אויף דעם ראָקינג טשער, פאַר איהר אויף די קניע איז געשטאַנען דער יונגער מאַן און האָט מיט פייעריגע ווער־טער גערעדט פון זיין ברענענדע ליעבע.

נאָר וואָס זעהען די אַלטע חנה די ביגלערין מיט דוואָסיען? אנשטאָט דעם וואָס זיי האָבען מיט ציטערנדע הערצער ערוואַרטעט אַז ער באָריס וועט זיך אַרויפוואַרפען אויף דעם יונגען מאַן ווי אַ ווילדער טיגער און וועט איהם צורייסען אין שטיקער, איז ער, באָריס, גאָר געפאַלען פאַר דער צושראָקענער אננאַ'ן אויף די קניע און כאַ־פענדיג איהרע ווייכע פוכקע הענטלעך האָט ער זיך אין זיי איינגעגע־סען מיט זיינע הייסע פייעריגע ברענענדע ליפען און האָט אויסגע־בראָכען אין אַ שלוכצען.

„ענטשולדיג מיין נשמה... מיין אַלעס... איך בין אַזאַ מיאוסער וואָרים... אַזאַ פּאַסקודנער עגאָאיסט, איך האָב זיך צוגעהערט וואָס נאַרישע, אַלטע רכילות'ניצעס רעדען... בין משוגע געוואָרען, האָב זיי געגלויבט דאָס דו, מיין איידעלע נשמה ביזט מיר פאַלש... אַז דו ליעבסט אַן אַנדערען... אַזוי האָט ער גערעדט, זיין שטימע האָט געציטערט און איז געוועזען דערשטיקט פון טרעהרען...

פלוצלונג האָט באָריס זיך אַ הויב געטהאָן, האָט זיך אַרומגע־קוקט, און דערזעהענדיג די צוויי אַלטע וויבער מיט אויגען אין וועלכע ער האָט געלעזען דאָס זיי מיינען אַז ער איז משוגע, האָט ער אויסגעשריען: איהר אַלטע פערד... אַלטע מיאוסע מכשפות, איהר האָט דאָך מיך שיער צום וואַהנזינן ניט געבראַכט... דיעזער יונגער מאַן וועלכען איהר זעהט איז מיין פרוי'ס אַ ברודער, איהר פער־שטעהט, און די גאַנצע ליעבעס ערקלעהרונג איז ווייל זיי שפּיעלען טהעאַטער וואו זיי דאַרפען נעהמען דיעזע ראָלען... יעצט געהט אייך! געהט !"

די צוויי אַלטע וויבער זיינען אַוועק ווי אָפּגעגאָסען מיט אַ

טאָפּ זודיגע וואַסער און ער, באָרים, האָט אָהנע אויפהער געבעטען פּערצייהונג ביי זיין ליעבער „נשמה“.

נאָר אננאַ האָט צוגעגעבען אז עס איז איהר שולד, דען זי האָט זיך פאַר איהם ניט געדאַרפט בעהאַלטען, און טראָץ דעם וואָס ער וויל ניט אַז זי זאָל שפּיעלען אין די אונטערנעהמונגען, נאָר אזוי ווי עס איז אַ בענעפיט פאַר אַ וויכטיגער הייליגער אויפגאַבע וואָלט ער איהר זיכער ערלויבט.

צו פריה געפּרעהט זיך

צווישען אלע בעקאַנטע און פריינדע איז דזשייק געווען פאַר־רעכענט פאַר אַ שטילען גוטען מענשיל.

דזשייק איז געווען אַ שוירט מייקער אַ גרויסער דלפון, האָט געהאַט אַ ווייבעל און ווי אַלע אידען קין עין הרע פינף קינדערלאַך וועלכע זיינען דערגאַנגען די יאָהרען דער אָרימער מאַמען און האָבען דזשייק׳ן עלטער געמאַכט פאַר דער צייט.

דזשייק ווי אַלע מענשען האָט געהאַט אַ שוואַכקייט, און נעמ־ליך ער איז געווען אַ ליידענשאַפטליכער סמוקער.

רויכערען איז זיין חיות, פאַר אַ סיגאַר איז ער אייך מוחל דאָס בעסטע גלעזעל וויין דיא געשמאַקסטע טייבעלע.

ער, דזשייק ווערט גאָר איין אַנדערער, זיין פּנים ווערט ווי מיט אַ נייער הויט באַצויגען, זיינע אויגען ווערען אָנגעצונדען מיט אַ הערליכען פייעריל ווען ער האָט אַ סיגאַר, ער זיצט זיך בהרחבה צולייגט אויף דער קאַנאַפּע פאַרוואַרפט די קאָפּ ארויף צו, און לאָזט גאַנצע זיילען פון בלאָען רויך פון מויל, פון די נאָזלעכער און קוקט פאַר׳חלומ׳ט אין דעם וואַלד פון רויך וועלכער מאַניעווירט אין דעם צימער.

פון אַ פּייפּער סיגאַרעט לאַכט ער זיך אויס, דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי קיי און שפּיי, אָבער ווען איהר רויכערט אַ דיקען סיגאַר איז דאָך טאַקי אַ אמת׳ער חיות, איהר פיהלט דאַן ווי אייער צונג ווערט געריסען, געצופּט פון אַ געשמאַקער ביטערקייט, און אין די געדאַנקען קענט איהר זיך דאַן אוועקטראָגען אין אַ וועלט פון בלומען רייזען און ליליען. אָט אַזוי טענה׳ט דזשייק.

נור ליידער זעהר זעלטען האָט דזשייק זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס, סמוקען סיגאַרען, דען ווי ביליג סיגאַרען זאָלען איהם

קאָסטען איז עס אַ הוצאה פון וועלכע צוואַנציג סענט אַ טאָג וואָס דאָס הייסט אַ דאָלאַר מיט צוואַנציג סענט אַ וואָך אַ קימא לן פון וועלכע אָפּט און פופציג דאָלאַר אַ יאָהר, און אַ מענש וואָס פאַרדינט דורכשניטליך אכט דאָלאַר אַ וואָך, פערמאָגט אַ ווייבעל מיט פינף קינדערלאַך טאָר זיך אַזא אויסברייננגעריי ניט פערגינען, און דארום האָט דער ארימער דזשייק געמוזט זיך שטעלען צופריעדען מיט אַ פייפ.

אָט זיצט דזשייק ביי נאכט ווען ער קומט פון דער ארבייט ביי דעם טיש וואו עס ליעגט זיין פעקעל טאַבאַק, מיט אַ צייטונג אין האַנד און פייפ אין מויל און קוויקט זיך רויכערט אָהנע אויפהער, זיין ווייבעל גאָסיע אַ הויכע דארע אידענע מיט אַ געעלטערטען גע־זיכט פאר דער צייט מיט גרויסע שווארצע אויגען, בעט זיך ביי איהם רחמים.

— זעה דזשייק איך בעט דיך, אַלעס ווערט דאָך שווארץ פון דעם רויך, אַ מענש זאָל די פּיפּקע ניט ארויסלאָזען פון מויל.

נור ער, דזשייק איז ביזע הערט ניט איהרע גערעכטע טענות און פיהלט אַן איין פייפ נאָך דער צווייטער, און גאָסיע זיין ווייבעל ווען זי זעהט אז זי קען מיט איהם גאָר ניט מאכען עפענט זי אויף די פענסטער אז דער רויך זאָל ארויס.

„אַ, די טשימניע האָט זיך צעלאָזט" פלעגט זי זיך באקלאָגען פאר איהרע בעקאנטע ווען זי האָט דערזעהן דזשייקען אוועקזעצען זיך מיט דער פייפ און פעקעל טאבאק.

אין אַ שבת פארנאכט איז דזשייק געקומען אהיים לעבעדיגער ווי געוויינליך, פרעהליך זיינען זיינע אויגען ארומגעלאָפען אונטער זיין הויכען שטערען, זיין געזיכט איז געווען באצויגען מיט אַ צו־פרידענעם שמייכעל, און אראָפּווארפענדיג דעם רעקיל איז אנשטאָט דעם וואָס ער זאָל אוועקלייגען אויף דעם טיש די אַלטע פייפ מיט ־עם פעקעל האָט גאָסיע דערזעהען צו איהר ערשטוינען ווי ער, דזשייק, לייגט אוועק מיט אַ מין שטאָלץ אַ גאנצען באַנטש סיגארען.

זיא איז געבליבען שטעהן מיט אַ אָפענעם מויל, האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און האָט מיט אַ איראָניע זיך געווענדעט צו דזשייקען:

— וואָס איז די שמחה מיט דיר מיין פריץ ? האָט דיר ראָט־שילד ארייגעשיקט אַ טשעק אויף עטליכע טויזענד דאָלאַר? אָדער האָסט דוא געוואונען דעם גרויסען געווינס? האַ?...

דזשייק האָט זיך ברייטליך אראָפּגעלאָזען אין ראָקינג טשער,

האָט מיט אַ גאוה גענומען אַ סיגאַר האָט אָפּגעבּיסען דעם פּיטום און האָט פאַררויכערט, און האָט פון דער זייט געקוקט אויף זיין ווייבעל, וועמעס געזיכט עס איז בעגאָסען געוואָרען מיט אַ רויטע פאַרב, און ניט קריגענדיג אַזוי שנעל אַ ענטפער האָט דער כעס זיא מנצח געווען און זיא האָט אויסגעשאָסען:

— וואָס שווייגסטו דו?! גזלן, רוצח!... האָסט ניט וואו אהינ־צוטהון דיין גרויסע פרידע, האַ? זעהסט נאָר הארצעלאך וואָס אַ מענש קען זיך פערגינען, וואָלסט בעסער געקויפט דיין ווייבעל אַ וויסטעל, אַ סקווירט, עס איז דאָך אַלעס אויף מיר צוריסען, צו פּי־צעלט... איך שעהם זיך דאָך ווייזען פאַר לייטען... איך באַגראָב זיך דאָך נייען איילען אין דער ערד פאַר מיין גאַנג וואָס איך האָב ביי דיר... נאָר וואָס הארט דאָס דעם פרינץ מייגעם אבי זיין האָרלע צופרידען צושטעלען... ניין זאָג איך דיר דזשייקעלע — האָט זי שוין געשריען מיט אַ שטימע געשטיקט פון טרערען — איך וויל ניט מעהר ליידען, איך וויל זיין ווי אַלע לייטישע ווייבער... ניט ארומ־געהן ווי אַ שלעפּערקע!... דו הערסט! נישקשה ביזט ניט חולה צו סמוקען אַ פייפ. חא חאַ... האָט זי מיט אַ ביטערער איראָניע גע־לאַכט. — סיגאַרען האָט זיך איהם פערוואָלט... טפו אויף דיין קאָפּ אויף דיין לעבען... און זי האָט זיך אראָפּגעלאָזען אַ מיעדע אויף אַ טשער און האָט געווישט די טרעהרען פון איהרע אויגען.

דזשייקען האָט פערדראָסען פאַר וואָס ער האָט זי געלאָזט גאָר ריידען, פאַר וואָס ער האָט איהר באַלד ניט ערקלערט. און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ ווייכער שטימע.

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, האָט ער גע'טענה'ט צו גאָסיען וועל־כע איז געבליבען זיצען ווי איינע וועלכע טהוט אָפּ אַ נאַרישקייט און האָט חרטה. — וואָס האָסטו זיך צושריען ? ווייסט דאָך גאָסעניו דאָס איך בין ניט קיין אויסברייגגער, און משוגע וואָלט איך געדאַרפט זיין ספּענדען פופציג סענט פאַר סיגאַרען, נור אז איך האָב עס גע־טאָהן מן הסתם דאַרף עס אַזוי זיין.

— וואָס בינסטו נאַרעלע געבליבען זיצען ווי אַ גולם, אך אי־דענע וואָס דו ביסט... הערסט דאָך, איך האָב געלעזען אין אַ צייטונג דאָס דער שוירט מאַניפעקטשורער ב. פאַרלאַנגט אַ פאָרמאַן פאַר זיין שאָפּ, נו האָב איך זיך מישב געווען ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין אַ ארבייטער און יענער זאָל זיין אַ פאָרמאַן איבער מיר? האַ. ביז ווי לאַנג וועל איך ווערען פאַרשווארצט, און דו מיין אָרי־

מע וויבעל וועסט זיין א אפגעריסענע א פאזאומערטע, און מיינע ארימע קינדערלאך זאלען זשעדנע זיין אין א פעני?

איך זעה דאך גארנישטען, וואס קענען קיין צוויי ציילען, גולמס וואס קענען קיין קאץ א עק פארבינדען זיינען גאנצע מאכערס, פארלייטע... בעלי הבתים... און איך, א ארבייטער וואס פארשטעה מיין פאך ארבייט גוט, קען צעהנדליגע פארלייטע אויסטרייסלען פון מיין ארבעל מיט זייער גאנצע קענטניסע, דארף זיך מוטשען, עס איז דאך אמעריקא, מען דארף טרייען, נו בין איך היינט אין דער פריה איידער איך בין אוועק אין שאפ צו דער ארבייט האב איך זיך ארויפגעכאפט, געזעהען דעם מאנופעקטשורער ב., בין איהם געפעלען געווארען און האב אנגענומען די שטעלע, מאנטאג אין דער פריה דארף איך שוין איבערנעמען מיין פלאץ מיט א געהאלט פון צוואנציג דאלאר די וואך, און מיט א פארזיכערונג דאס אויב איך וועל זיין צופריעדען שטעלענד וועט ער מיינע ווידזשעס רייזען, נו וויא פארשטעהסט דו אלס פארמאן וועט מיר פאסען ארומגעהן מיט דער פיפקע אין מויל, נארעלע, אז דו זעהסט א מאן מיט א סיגאר אין מויל, האט ער דאך גאר אנאנדער פנים, און מען האט פאר איהם גאר אנאנדער דרך ארץ... פארשטעהסט גאסיניע...

גאסיע די ארימע איז געזעסען שטיל ווי א טויב, איהרע אויגען זיינען נאס געווארען פון פריידען טרערען, מיט דאנקבארקייט האט ניט געקוקט אויף איהר דזשייקען, אין איהר ארימען קאפ האט געשטורעמט, און איהר הארץ האט זיך געבאדען פון פארגעניגען. זיא האט געזעהען זיך א אויסגעפוצטע, נייע דרעסעס, ווייסטען... די קינדערלאך ווי דאלעס אנגעטאהנענע, שעהנינקע, ריינינקע און שכנים זיינען איהר מקנא, פריינד פרייען זיך און שונאים ווערען צולאפעט פאר פארדרוס...

דזשייק האט געלעבט דעם זאנטאג ווי זאגט מען עס, ווי גאט אין פראנקרייך, די פייפ האט ער ווי מיט רוגזה ארויסגעווארפען אין קלאזעט אויף דער אויבערשטער פאליציע, ווי איינער זאגט, געה איך דארף דיך אויף כפרות, איך האב זיך גענוג אנגעליטען פון דיין שגעון, פון דיין פירכען, פון דיין שזיפען, האסט מיר שוין לאנג צוגעגעסען, נור איך האב געמוזט פון דיר ליידען, אבער יעצט גענוג, איך האב דיך אפילו געקענט ארויסווארפען אויף דעם סמיעטניק, אז דיין גדרעכענים זאל זיך דא ניט געפינען נאר א רחמנות, האסט דאך טראץ אלע דיינע משוגעת'ן מיר געדיענט יאהרען לאנג געטריי — האסט אפילו צוגעסטרייקט, האסט פערלאנגט אפטע פאפ־

ראוועס, אָפּטע פּוצונגען, נור איך בין דיר מוחל, ליעג דיר דאָרט און רוה זיך אוים אויף די עלטערע יאָהרען. אָט מיט אזעלכע גע־דאנקען האָט ער זיך ארומגעטראָגען ווען זיין בליק איז געפאלען אויף דעם קלאָזעט דאָרט וואו זיין פּייפ איז געלעגען.

א גאנצען טאָג איז דזשייק ארומגעגאנגען די הענד אין די פּאַקעטס מיט א סיגאר אין מויל, האָט עטליכע מאָהל זיך אָפּגע־שטעלט א קוק טאָהן אין שפּיגעל, און האָט אליין פאר זיך געקראָגען עפּעס אנאנדער רעספּעקט.

פרייליכע געדאנקען האָבען איהם, דעם אָרעמען דזשייק׳ן ווי שיכור געמאכט, ער האָט געזעהען זיך אויפגעהויבען פון דעם פינס־טערן אָבגרונד, ער האָט געזעהען זיין ווייבעל א פרעהליכע א געזונדע א אויסגעפּוצטע מיט טויזענד חן.

ער האָט געזעהען זיינע קינדערלאך צאַגעפּוצטע, רייניקע אזוי ווי בריליאַנטען שיינען זיי, ער האָט געזעהען זיין וואָהנונג רייך אויס־געמעבלירט און ועל כלם האָט ער געזעהען אויף זיין דעסק שטענדיג שטייענדיג א פולע באקס האוואנא סיגארען, און ער, דזשייק קוויקט זיך, שלינגט, באדט זיך אין דעם בלאָלעליכען שליינגעלדיגען רויך און לעבט אין א נייער הערליכער וועלטיל.

אויף מאָרגען האָט זיך דזשייק אויסגעפּוצט אין זיינע שבת׳די־גע בגדים האָט זיך צו קוסט מיט זיין ווייבעל און די קינדערלאך, וועלכע האָבען פרעהליך געפּלאָפּילט וועגען די „גוט טהינגס“ וואָס פּאָפּאַ וועט זיי ברייגגען, און מיט א סיגאר אין מויל האָט ער אוועק־געמארשירט אין דעם נייעם פּלאַץ.

וואָס נעהענטער ער איז געקומען צום שאָפּ אלס שטארקער אלס שנעלער האָט זיין הארץ געקלאַפּט, עפּעס א אונבעוואוסטער געפיהל האָט איהם געמוטשעט, און ביטערע געדאנקען פון צווייפעל, טאָ־מער וועט ער דעם באָס ניט געפעלען, טאָמער וועט דער באָס זעהען אז ער איז גרין און וועט איהם הייסען געהן אהיים, אָט אזעלכע גע־דאנקען האָבען איהם פארפּאָלגט און ווי מיט שוויים אָפּגעגאָסען.

ווען דזשייק איז אָנגעקומען אין שאָפּ האָט איהם דער מאַנו־פעקטשורער ב. באַגעגענט און מיט א שמייכעל האָט ער איהם איינ־געלאַדען צו זיך אין אָפּיס וואו ער האָט איהם אָנגעוויסען אויף א פּלאַץ צו זיצען, האָט ער נעבאך דזשייקען אין גאנצען צוטומעלט, ער האָט דאך־ערוואַרטעט גלייך זיך נעהמען צו זיין ארבייט, צום סוף ווערט ער איינגעלאַדען אויף א געשפּרעך, נור ער האָט זיך געטרייסט, מן הסתם האָט איהם דער באָס עפּעס צו זאָגען וואָס ער וויל ניט

אז די אנדערע אין שאפ זאלען הערען, און ער האט זיך מיט א גע־צוואונגענעם שמייכעל אראפגעלאזען אויף דעם אנגעוויזענעם פלאץ.

„איך האף איהר וועט מיר ענטשולדיגען, האט מר. ב. אנגע־הויבען, איהר האט מיר דאן ערקלערט אז איהר זייט יעצט אהן א פלאץ, זא דאס דורך מיר בלייבט איהר דאך ניט אראבגעפיהרט פון א שטעלע, איהר פארשטעהט איך האב א פריינדעל א פארמאן ביי דער פירמא נ. קריעגט נעבאך צוועלף דאלאר די וואך, נו שבת וועז איהר זייט אוועק איז ער געקומען מיט א טענה, שטייטש ער איז דאך א עקספירענס מאן, אן אייגענער מענש, פארוואס זאל איך איהם ניט טאהן די טובה און איהם צונעמען, ער איז צופריעדען מיט פופ־צעהן דאלאר די וואך, ווי געוויינטליך איך האב אייך צוגעזאגט האב איך געוואלט ווארט האלטען, ערשט שבת אבענד איז ער געווען ביי מיר אין הויז און מיין פרוי און אלע פריינד זיינען באשטאנען אז איך מוז איהם צונעהמען, איהר פארשטעהט, איך האב אנדערש ניט געקענט האנדלען, איהר וועט מיר ענטשולדיגען אייער שטעלע האב איך געגעבען מיין פריינדעל...“

דזשייק איז געבליבען זיצען אן לשון אין קאפ האט איהם א קלאפ געטאהן ווי מיט טויזענדע האמערס, זיינע אויגען האבען תמ׳עוואטע געוואנדערט איבער דעם געזיכט פון דעם מאנופעקט־שורער, בוך־קיפער, סייף און דאס אלעס האט זיך אויסגעמישט און ווי א שיכור׳ער האט ער פערלאזען דעם אפיס.

געגאנגען איז דזשייק אויף זיין אלטען פלאץ צו דער ארבייט, זיין הארץ האט געבלוטעט... געריסען, אין קאפ זיינען ארומגעשוואר־מען פינסטערע יאוש געדאנקען... און פארשצימענדיג די צייהן האט ער זיך געשטארקט ניט ארויסברעכען אין א ביטערען וויינען...

געביטען דיא ראלען.

דוד און פעניע זיינען פון איין שטאָדט, זיי קענען זיך פון די קינדער־יאָהרען, ביידע געדיינקען נאָך די צייט ווען זיי האָבען אויף דעם הויכען גרינעם בארג אין פערדליך זיך געשפּיעלט.

ווען די בעקאַנטע און גוטע פריינד איז בעוואוסט געוואָרען דאָס זיי זיינען חתן־כלה האָבען אַלע איינשטימיג ערקלעהרט דאָס פעני'ן האָט געטראָפען אַ גליק. איהרע אַלע פריינדינען האָבען איהר מקנא געווען דעם מזל, מאַמעס האָבען זיך געוואונשען דאָס זייערע טעכ־טער זאָל גאָט צושיקען אַזא גוטען זיווג, אַזא דימענטענע נשמה.

„ער איז דאָך אַ מענש אָהן אַ גאַל". „אַ גליקליכע דאָליע וועט זיא פאַר איהם האָבען". קיין הויך וואָרט הערט מען דאָך פון איהם ניט", אזוי האָבען די ווייבער געשמועסט.

ווידער אנדערע האָבען איהם בעדויערט. אַ רחמנות נעביך. אַ וואויל מענשיל, וועט ביי איהר קיין האָניג לעקען.

נאָר דוד און פעני זיינען אזוי געווען איבערשוואומען מיט גליק, אזוי פערטיעפט אין זייערע גאָלדענע רייצענדע פאַנטאַזיען דאָס זיי האָבען ניט געהערט, און ווען יאָ, האָט עס זיי ניט געקימערט.

און אַזוי האָט פּאַסירט און דוד האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט פעני'ן, אַ חן'עוודיגע איינפאַכע פריילין, אַ בת יחידקה, ער־צויגען ביי עלטערן פון דער אַלטער וועלט, וועלכע האָבען אָבער גאָר ניט געזשאַלעוועט פאַר זייער טעכטערל, און וועלכע האָט געהאַט גע־נוג קאַפּריזען.

ליעב האָט דוד זיין ווייבעלע, קוקט איהר אין איהרע גרויע שטיפערישע אויגעלעך, שמייכעלט גוטמוטהיג ווען זיא, זיין פעני, פערלאַנגט פון איהם זאַכען וואָס זיינען שווער פאַר איהם דורכצו־פיהרען, נעהמט ער צו פון איהר פערשיעדענע נארישע קאַפּריזען און זוכט נאָר אַלע איהרע ווינשע צו ערפיללען.

דוד איז געווען א שוירט מייקער ביי דעם טרייד, האָט שווער געאַרבייט אום צו קענען נאָכקומען אַלע איהרע פאָדערונגען, און זיין פּעניצקע האָט זיך איינגעלעבט מיט די געדאנקען דאָס אַלעס וואָס זי פערלאַנגט מוז בעשאַפען ווערען, און אזוי ווי פאַר דוד'ן מיט די פערדיענסטען אלס שוירט מייקער איז געווען גאַנץ אָפט אונמעגליך צו פערווירקליכען פעני'ס וואונש, דאַרום האָט עס ניט ווייניג שפיכת דמים איהם פערשאַפט, דען זיא פלעגט וויינען און אָפט איהם מכבד זיין מיט א פאָרציע קללות וואָס זיא האָט אזוי גוט אויסגעשטודירט פון איהר מוטער.

און דוד האָט געהאט פאַר זיין פעני'ן נור א גוט וואָרט, האָט אַלע מאָל געפונען א ענטשולדיגונג פאַר איהר אויפפיהרען זיך.

אזוי איז דיא צייט געגאַנגען און פעני האָט דוד'ן געשענקט צוויי קינדערלעך טהייערע פויגעלעך, וועלכע האָבען מיט זייער קינדערשען געלעכטער אָנגעפילט זיין אָרימע וואָהנונג מיט א געלעכטער מוזיק...

אַלעס ענדערט זיך אין אונזער וועלט׳ און אזוי האָט פּאַסירט אז לאַנגזאַם, און די אומשטענדען האָבען איבערגעקנאַטען, אויסגעאַרבייט פון דוד'ן אַן אַנדער מענש.

נאָך די לאַנגע יאָהרען פון זיסע טרוימען און פאַנטאַזיען, האָט זיך לאַנגזאַם פאַר דוד'ן אַנטפּלעקט די נאַקעטע ווירקליכקייט, און אַך ווי שרעקליך און האָפנונגסלאָז זי איז.

די אַרבייט איז וואָס ווייטער געוואָרען שווערער, אונערטרעגליכער, די פערדיענסטען קלענערע, די בעדירפּניסע גרעסערע, און זיצענדיג אין דעם שטויבענדען שאַפּ, אין דעם קבר וואו ער האָט בעגראָבען די בעסטע יונגע יאָהרען, עגבערט איהם אין זיין אָרעם קאָפּ איין געדאַנק:

וואָס וועט זיין דער סוף? ביז ווי לאַנג וועט ער קענען אַרבייטען ביי דער מאַשין ? זיין פאַמיליעצקע ווערט גרעסער, די בעדירניסע ברייטערע און זיין פעני וויים נאָר, טאָג איין און טאָג אויס, אימער איהם יאָדענען: אז זי האָט ניט קיין אנשטענדיגע קלייד, אז יאָהנע דוואָסיע פון נעקסט־דאָר האָט א גליקליכערע מערכה פאַר איהר מאַן, זי לעבט אַלע מאָל מיט דעם סטייל, און זיא, וואָס איז אַלס מיידעל, געווען א געפוצטע, קען ניט מעהר זיך פערגינען נאָר א ציצענע קליידעל אין א נאָווינע, און זי צאַפּט זיין בלוט מיט איהרע טענות מיט איהרע נארישע רייד, און ער פיהלט מאַנכעס מאָל דאָס ווען ער הערט איהרע טענות, איהרע קללות כאַפּט איהם

ארום א ווילדער צאַרען: — ווי קען זי ריידען פון סטייל, פון פוטע ווען זי זעהט ווי ער ארבייט שווער, לאָזט זיינע כוחות און עס איז שווער מיט זיינע פערדיענסטען דורכשטופען זיך מיט דעם עקזיס־טענץ? נאָר ער דערשטיקט דעם ווילדען מענש אין זיך און מיט א געמאכטען שמייכעל שטילט ער זי איין מיט א האָפנונג אין גיכען זי אויספוצען ווי א דאַל.

דוד זיצט יעצט אין שאַפּ, דער טאָג איז געווען א שרעקליך שטיקענדער, די ברענענדע שטראהלען פון דער זונן האָבען אָנ־געברענט די ריעזען געביידעס, די געפּלאַסטערטע גאסען און די בלע־כערנע דעכער און פון אלעם שלאָגט מיט א שטיקענדע ברענענדע לופט, עס איז שווער צו אָטהעמען. אין דעם שאַפּ איז דער לעבען געווען גאָר אונערטרעגליך, דאָס רוישען פון די מאַשינען, די אָפּטע באַקלאָגען זיך פון די אַפּערייטאָרס, דער בייסענדער שטויב פון דער וואָרע האָט זיך אלעס אויסגעמישט און האָט געמאכט די אָטמאָספּע־רע ניט אויסצוהאלטען.

דוד זיצט ווי אין א היהנער־פּלעט, און געדאנקען פון יאוש, געדאנקען פון חרטה טומלט אין זיין קאָפּ.

ער זעהט די סצענע פון געסטערען אבענד און עס פערדריסט איהם אויף זיך, ווי קומט עס, אז ער זאָל זיך אזוי פארלירען, ער זאָל באליידיגען זיין פעניען?! עס פארדריקט איהם זיין אָרימע האַרץ ווען ער עראינערט זיך וואָס פאר א בלאַסען ציטערענדען גע־זיכט זיין פעניע האָט באַקומען ווען ער האָט איהם געזאָגט דאָס זיא איז א גולם, און אז זיא האָט קיין שכל פאר קיין קינד, וויא זי איז געבליעבען זיצען מיט דעם לעפעל אין האנד און האָט געקוקט אזוי רחמנות'דיג און מיט שרעק אין איהרע גרויסע אויגען וועלכע זיינען פארגאָסען געוואָרען מיט טרערען...

האָט ער ריכטיג געהאנדעלט? איז זי ניט גערעכט? האָט ער איהר ניט צוגעזאָגט הרים וגבעות בעפאָר זיי האָבען זיך פאראיי־ניגט? האָט ער ניט געמאָהלען פאר איהר אין רייצענדע פארבען זייער צוזאמענזיין? און וואָס איז יעצט די ענד פון אלע זיינע פאר־שפּרעכונגען, האָט ער עס ערפיהלט? ניין, ניין, ער איז א פערברע־כער, א ליגנער קעגען זיין אונשולדיגער נאאיווער פעניען, ער דארף אנערקענען, אז ער איז שולדיג און דארף דערפאר זיך קאָנטראָלירען, אמווייניגסטען לאָזען צופרידען שטעלען איהרע פערלאנגען מיט דעם וואָס זיא רעדט...

און עס מישען זיך אין זיין קאָפּ פארשיעדענע געדאנקען: גע־

דאַנקען פון כעס אויף זיך, אויף פעניען, אויף דער גאַנצער וועלט, און אַ רחמנות געפיהל קומט און באַקעמפפט דעם ערשטען און אַזוי האָט אין איהם אַ גאַנצען טאָג געבלוטעט זיין האַרץ, און ווען פאַר־נאַכט ער האָט זיך ווידער געשלעפט אַהיים האָט ער געפאַסט אַ בע־שלום, צו זיין מאַן געגוג און ניט פאַרלירען זיך, לאָזען זיין אונ־שולדיגע פעניעצקען אין איהר צושטאַנד, ניט שטערען איהר רוהע, זיא איז דאָך גליקליך מיט דער אויסנאַהמע וואָס זיא פערלאַנגט נאָך אַ קלייד און אויב זיא קריעגט עס ניט שטעלט זיא זיך צופריעדען מיט איהרע אייביגע טענות.

„לאָז זי טענה'ן פיעל זי וויל", האָט דוד ביי זיך באַשלאָסען, ער וועט שווייגען און שיינקען איהר דעם זעלבען גוטמוטהיגען שמייכעל ווי אַלע מאָל, זאָל זיא זיין אין איהר בלינדהייט, צו וואָס זיא אויפקלעהרען, צו וואָס איהר צייגען, די ביטערע ווירקליכקייט? צו וואָס?

פאַרנאַכט איז דוד געלאָפען אַהיים, אין דעם ליעבען נעסט וואו זיין פעניע און זיינע פייגעלאַך לעבען, דאָרט אין זייער קרייז וועט ער טרייען צו פאַרגעסען די פרעסענדע געדאַנקען.

אין הויז האָט ער געטראָפען זיין פעניען ביזי מיט דעם סאַפער פאַרפערטיגען, און די קינדערלאַך האָבען זיך געשפיעלט אויף דעם פלאָר, און האָבען אַנגעפילט די הויז מיט זייער אונשולדיגען פלאַפלען.

אַ צופריעדענער האָט זיך דוד אַראָפגעלאָזען אין טשער און נעהמענדיג דעם קלייניקען קאַראַפוזיק אויף די הענד האָט ער מיט דער צווייטער געגלעט די לאָקענס פון דאָס צווייטע קינד וועלכע האָבען אַנגעפיהלט די הויז מיט דעם גליקליכען באַלאַבאַצען פאַפאַ... פאַ... פאַ...

ביי דעם סאַפער האָט זיך דוד באַקלאָגט אויף דער שרעקליכער היץ, און האָט באַוויערט וואָס די קבצנים זיינען געצוואונגען צו שטיקען זיך אין אַזאַ שרעקליכען וועטער אין די ענגע פאַרפעסטעטע שטעדט. ער האָט אויסגעדריקט דאָס גליקליך וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט געקענט זיא פענעצקען מיט די קינדערלאַך שיקען אין אַ קאַנטרי, און אַזוי האָט ער מיט זיין פעניעצקע פאַרבראַכט, און מען איז איבערגעגאַנגען פון איין פראַגע צו אַ צווייטער, ביז אונ־ערוואַרטעט האָט זיא איהם מיט איהר אונשולדיגער שטימע דער־צעהלט דאָס מירקע די דיענסט־מויד, וועלכע האָט אין איהר קינ־

רער יאָהרען זיך געוואַלגערט, איז געוואָרען א גאַנצער יאַ־טע־בי־דאַם — און אז זי קלייבט זיך פאָהרען אין קאַנטרי, הײנט די רייבקייט פון איהרע קליידער איז ניט אָפּצושאַצען, און מיט א שטימע פון פּאַרדרוס געמישט מיט טרעהרען האָט פעניע ווי אלע מאָל באַקלאָגט איהר שיקזאַל, און דאָס זי פינסטערט אָפּ איהר לעבען מיט איהם. ווען דוד האָט דערהערט ווידער דיעזעלביגע טענות, האָט א ווילדע רציחה איהם ארום געחאַפּט און אַ קלאַפּ־טאָנדיג אין טיש מיט דעם גאַנצען קראַפט, האָט ער ווי א פערוואונדעטער אויסגעשריען:

שווייג דו אידיאָט! דו פערדישע קאָפּ, יעהר ווי שמאַכטעט ליעגט דאָך דיר ניט אין זינען!... און מיט אַ ווילדען כעס האָט ער זיך א ריס געטהאָן פון טיש און איז אַוועק אין בעד־רום, האָט זיך א וואָרף געטהאָן אין בעט. א מאָדנע שוואַכקייט האָט איהם ארומגעכאַפּט, עפּעס א מין רחמנות צו זיך האָט איהם געצופּט ביז צום וויינען... ער האָט זיך געפיהלט אזוי קליין... אזוי הילפלאָז אין די הענד פון די צושטענדע... ער האָט זיך, דעם גוטען, דערזעהען פערוואַנדעלט אין א חיה... ער האָט געזעהען זיין וועלטיל צושטערט... צובראָכען...

און אזוי האָט פּאַסירט און דער גוטער דוד מיט זיין פעניען האָבען זיך געביטען מיט די ראָללען

יעצט טענה'ט אָהנע אויפהער דוד, אז דער לעבען טויג ניט, אַז זיא, זיין פעניע איז אַ בהמה... און זי די אומגליקליכע זיצט ווי אַ דערשלאָגענע פויגעלע קוקט מיט צושראָקענע אויגען — און פינטעלט מיט זיי... און אזוי ענדיגען זיך די סצענעס, דאָס פעניע חאַפּט די קינדער לויפט אין פראָנט־רום און באַוויינט איהר פינסטערען מזל.

סוף גנב לתליה.

מר. בעריל איז א אפרייטאָר ביי ליידים ווייסטען. ווען מען בעגעגענט איהם אין גאס איז זעהר שווער צו טרעפען צו וואָס פאר א פראָפעסיאָן ער בעלאנגט. אפערייטאָרס זיינען געוועהנליך בלאסע, דארע, פאר׳חשך׳טע מענשעלאך, אָבער מר. בעריל איז א איד פון א גוטע דריי הונדערט פונט. אויף זיין בעל־הבית־שען בייכעל, ליעגט מיט גדלות, א גרויסע, שווערע גאָלדענע קייט.

מר. בערילס פולער גאָר ניט זאגענדער געזיכט, איז באצירט מיט א פראנצויזיש שוואַרץ בערדיל, די אויגען וואסערדיג, תמוואטע און ווען ער געהט טראָגט ער דעם בייכעל פאר זיך מיט א מינע פון שטאָלץ און בלאָזט פון זיך ווי עפּעס רעכטס.

קיין בילדונג האט ער ניט גענאָסען, און מיט שווערע מיה לעזט ער דורך א אידישע ציימונג, נאָר בעריל האלט ניט פון אזעלכע זאַ־באַבאָנעס ווי לעזען: וואָס וועט ער דאָרט געפינען בלאָפּס, ליגענס, און עס איז א שאָדע א סענט צו ספּענדען. נור פון צייט צו צייט ווען עס פאלט צו איהם אין די הענד אריין א אידישע ציימונג האָ־רעוועט ער א גאנצע וואָך ביז ער קלעטערט זי דורך.

מיסעס בעריכע, א הויכע, דארע אידענע מיט א פארמענט געלען געזיכט ,האט מורא געהאט פאר איהר מענדעלע. איהר פנים האט גע׳מסר׳ט, אז זי האט א ביטערע מערכה ביי איהר זיסען ברויט־געבער.

די קינדער האבען אויסגעמידען דעם שטרענגען, בייזען טאטען, און ווען בעריל איז געוועןאין שלעכטען יומאר. האט זיין ווייבעל מיט די קינדער אפגעטראָטען די וועג, האָבען איהם אויסגעמיעדען.

בעריל איז היינט געקומען אהיים פריהער ווי געוועהנליך, זיין געזיכט איז געווען פינסטער בייז, און ווען זיין אידענע האט איהם דערזעהען אין אזא צושטאנד האט זי שנעל געמאכט פערטיג דעם

סאַפּיר פאַר בערלין, און אליין איז זי מיט די קינדער אריין אין בעד־רום.

מיסטער בעריל געהט ארום אין צימער, זיין געזיכט צוקט פון כעס, די שטילקייט אין הויז האָט איהם היינט געערגערט, עפּעס א ווילדער פערלאנג האָט איהם ארומגעכאַפּט: א עפּען טהאָן די טהיר פון בעד־רום און זאָגען דער לאַנגער, דאַרער דראַנג, דאָס זי איז א בהמה, א גולם... אויסגיסען די גאל פון זיין הארץ האָט ער גע־וואָלט צו איהר מיט די קינדער, נאָר ער האָט זיך היינטיגען מאָל צוריקגעהאלטען, און מיט שנעלע טריט האָט ער געשפּרייזט איבער דעם צימער, האָט נערוועז געצופּט דאָס פראַנצויזיש בערידל און האָט געקנייטשט דעם קליינעם שטערען פון טיעפען דיינקען.

פלוצלונג האָט זיך אויף זיין נארישען געזיכט געצייגט א צו־פריעדענער שמייכעל און זיין שטימע האָט אָפּגעקלונגען אין הויז.

„העי, לואי... לואי. א נו קום נור אַהער... נו שוין, ריהר זיך דאָרט שנעלער“, האָט בעריל געשריען, ווען איהם האָט זיך אויס־געדוכט דאָס ער נעהמט צו פיעל צייט ביי לואי.

א באָי פון א יאָהר זעכצעהן, א הויכער, א בלאַסער, איז פאַר־שלאָפען אריין אין דעם צימער און האָט געריבען די אויגען, וועלכע האָבען געשטאָכען פון די ליכט.

„נו שוין, לעבעדיגער, האָט בעריל געקאָמאַנדעוועט, נו? נור ניט פארשלאָפען, געה נעהם טינט, פּאַפּיער און זעץ־זיך־שרייבען, אָט אזוי, יא, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע וואָס איך קען טהאָן... דאַצאָ־רייט...“ האָט ער צופריעדען געריבען די הענד.

„הער־זשע לואי מיט קאָפּ, שרייב נאָר שעהן, פארשטעהסט מיט דרייד עלאַך מיט קונצעלאך, דו קענסט דאָך שעהן שרייבען, שרייב, אַז די חלירע זאָל איהם דאָרט חאַפּען... נו, גערדיינק, שרייב וואָס איך וועל דיר הייסען, אָט אזוי... ניין זעץ זיך בעסער... יא, אָט אזוי. שרייב לואי אין ענגליש“.

„טהייערער הערר און בעל הבית מיסטער ק.

„ליעבער גוטער בעל הבית, מען סטרייקט ביי דיר, די שלעכ־טע פאַרדאָרבענע ארבייטער ווייסען ניט ווי אָפּצושאַצען וואָס דו גיסט זיי ברוי. איך בין ניט שולדיג. מיט גוואַלד האָט מען מיך אַראָפּגעשלעפּט... איך האָב מורא פאַר זיי. שלעכטע ביטערע יונגען זיינען זיי, זיי ווילען שלאָגען ביז טויט, זאָגען זיי... איך ווערטהער הערר, ליעב איך, שעץ אייער גוטע הארץ, אָבער שטאַר־

בען ווילט זיך ניט. איך האָף דאָס איהר וועט אָן מיר ניט פאַרגע־סען, וועט וויסען דאָס איך בין אייך טריי, און ווינש אייך ערפאָלג אין אָנלערנען די אינגלאַך, אז זיי זאָלען אַ צעהנטען פאַרזאָגען ניט צו סטרייקען מיט אייך. צו צייגען אייך מיין איבערגעבענהייט וועל איך אייך לאָזען וויסען וואָס עס טהוט זיך צווישען די סטרייקערס, און דערווייל פערבלייבט געזונד.

„אייער ערגעבענסטער,   בעריל“.

מיט אַ מיאוסען שמייכל איז זיין פערדישע צורה געווען באַצוי־גען ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו לואיס לעזען, און האָט געריבען די הענד פון צופריעדענהייט. שווערע שטיינער זיינען אַראָפּ פון זיין עגאָאיסטישער הערצעל, און ער האָט זיך דערפיהלט אויפגעראַמט, פריילאַך. אליין האָט ער פערקלעפּט דעם אינוועלאָפּ, האָט געחאַפּט דעם רעקעל, און איז אוועק אין גאַס קויפען אַ סטעמפּ און עס אוועק שיקען.

ווען מיסטער בעריל האָט אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין לעטער באַקס, האָט עפּעס אין אַ וויטען ווינקעלע ביי איהם אין דאַרצען אַ צאַפּעל געטהאָן. אין קאָפּ האָט דורכגעבליצט דאָס וואָרט „סקעב“, „פאַררעטהער“. נאָר באַלד פון צופריעדענהייט האָט ער זיך אריין געכאַפּט אין אַ סאַלון, האָט אויסגעטרונקען לחיים פאַר דער גרויסער העלדענטהאט וואָס ער האָט אויפגעטהאָן.

אויף מאָרגען האָט מר. בעריל געהאַט אַ גאַסט, איינעם פון דעם באָס איבערגעבענע משרשים, דער לייס ארויסגעבער, אַ קליינער מענ־שיל, מיט אַ קליינינקע נשמה; ער האָט בעריל'ן ערקלערט, דאָס דער באָס וויים ווי אָפּצושאַצען די איבערגעבענהייט פון אַלע וועלכע העלפען איהם אין דעם קאַמפּף, און נאָכדעם ווען דער באָס וועט ארויס זיעגער, וועלען זיי האָבען די בעסטע שאָו; דער באָס פער־לאַנגט, דאָס בעריל זאָל געהן צו די מיטינגען פון די סטרייקערס, זאָל זעהען רעפּאָרטען וואָס דאָרט טהוט זיך, און זאָל אינטריגירען, טהאָן זיין בעסטעס צו העלפען ברעכען דעם סטרייק און אויב ער דאַרף געלד, וועט איהם דער באָס צאָהלען ווייִדזשעס... מר. בעריל האָט געקראָגען אַ נייעם דזשאָב. אַזוי ווי אַ פיש דאַרף וואַסער, אַ מענש לופט אום צו קענען עקזיסטירען, אזוי דאַרפען אָט אַזעלכע מיאוסע ווערים, ווי אַ מיסטער בעריל, שמואַץ, בלאָטע, פינסטערנעס אום זיי זאָלען קענען ציהען זייער מיסראַבעלען עקזיסטענץ.

יעצט האָט ער דערזעהען פאַר זיך אַ מעגליכקייט איינקויפען

זיך ביי דעם באָס, און פערזיכערען פאַר זיך אַ אייביגען, זיסען, לייכטען פלאַץ...

און אזוי איז דער קורצער מר. בעריל, דער מיאוסער, קליינינקער מענשיל, מיט דער פארפוילטער נשמה, אזוי ווי אַ אָפּשיילי־כער ווארעם ארום געקראָכען, האָט געלעקט די האנד וואָס האָט איהם ערניעדעריגט, בעליידיגט, מיט דעם וואָס זי האָט איהם צוגעוואָרפען עטליכע דאָלאַר.

מיסטער בעריל איז אַ איבערגעבענער סטרייקער, קיין איין ריטינג לאָזט ער ניט דורך. די ארבייטער האָבען זיך פארוואונדערט אָנגעקוקט, סטייטש, בעריל דעם וואָס זיי האָבען פארדעכטיג, אז ער איז אַ פארקויפטע נשמה, ער זאָל זיין אזא אייפעריגער ארביי־טער, צו אלע מיטינגס אנוועזענד זיין, און אלע וויכטיגע קאָמיטעעס אָננעהמען, עס איז טאקע גאָטס וואונדער. און מר. בעריל האָט אין דער שטיל געארבייט צו גונסטען זיין באָס, ער האָט געוואָרפען ווער־טער פון אונצופריעדענהייט, האָט פארשפרייט די זריעה פון מיס־טרויען אין די רייהען פון די סטרייקערס. האָט אין דער שטיל, פאַר אייניגע, די שוואכערע, די נארישערע, דערצעהלט בסוד, אז ער ווייס, אז דער סטרייק איז פערלאָרען, אז עס איז גענוג סקעבס דאָ, און אז עס איז נאָר אַ אַמביציע פון די עטליכע מאכערס. קורץ ער האָט געטהאָן זיין מיאוסע ארבייט געטריי — דער באָס האָט זיך ניט גענארט — דער מיאוסער הונט האָט געציטערט פאַר זיין פעל און האָט איהם געדיענט ערגעבען...

נאָך צוויי וואָכען צייט האָט זיך פארשפרייט אין די רייהען פון די סטרייקערס א אפּהענטיגקייט, אַ גלייכגילטיגקייט, קיינע פּי־קעטס האָט מען ניט געקענט קריגען. אייניגע האָבען פארלאָזען די סטרייקער און זיינען אוועק ארבייטען אויף אַנדערע פלעטצער, און די פיהרערס האָט מען באַליידיגט, ערקלערט, אַז זיי האָבען אַן אייגענעם אינטערעס, אז דער סטרייק זאָל אָנהאַלטען, און נאָך אַ שטורמעדיגען מיטינג איז דער סטרייק אויפגעלייזט געוואָרען.

אזוי ווי אַ אָפּגעבריהטער האָט זיך בעריל אויפגעכאַפּט, ווען דער בעשלוס איז געפאסט געוואָרען. זיין גראָבער, קורצער קערפּער איז ווי אָנגעפילט געוואָרען מיט עלעקטריציטעט, און אזוי ווי אַ פעסיל האָט ער זיך אראָפּ געקייקילט פון די טרעפּען און איז בליץ־שנעל געלאָפען צום שאָפּ, צום באָס מיט דער גוטער בשורה.

ער איז געווען אין גאנצען אזוי ווי א גרויסער גראָבער לאפּין,

זיין פערדישע געזיכט, די תמ׳עוואטע אויגען האבען זיך געדרעהט, געשמייכעלט און מיט נידריגע חניפה דערצעהלט דעם באס פון דער נידערלאגע פון די סטרייקער...

מיסטער ק., דער באס האט פארגעניגט געשמייכעלט, האט געקלאפט בערלין אין פלייצע:

„יו אר ע גוד באי... יו אר ע סמארט באי...״ און בעריל האט זיך געפרעגילט פון גליק..

בעריל האט געקראגען די שאו, א גאנצער מאכער איז ער געווארען אין שאפ, און ווען אייניגע סטרייקער האבען זיך געווענדעט צום באס נאך די אלטע פלעטצער, האט דער באס פריהער געפרעגט בערלי׳ן די צושטימונג, אויב דער און דער איז געווען א ביטערער סטרייקער, אדער א נייטראלער, און בעריל האט געהאט אין זיין האנד צו ענטשיידען....

אין א וואך ארום נאך דעם, ווען דער שאפ איז געווען אין ארדנונג, אלע מאשינען זיינען געווען בעזעצט מיט פיעלע פון די סטרייקערס, וועלכע האבען געהאט דעם מזל, אז בעריל זאל לייגען די חתימה, אז זיי מעגען צוגענומען ווערען צוריק צו דער ארבייט, האט אין איין פריה־מארגען פאסירט, דאס ווען בעריל איז געגאנגען צו קריגען נייע ארבייט, האט מען איהם גערופען אין אפיס און מען האט איהם ערקלעהרט, דאס ער קען געהן אהיים, מען דארף איהם ניט מעהר.... מילא אז ער איז א סקעב.... א פער־רעטהער צו די ארבייטער, דאס הארט ניט דעם באס, אבער אזוי ווי מען האט אויסגעפונען, אז ער נעהמט צו לייס.... וויל ער איהם ניט האלטען און ער מעג זיך געהן....

בליטץ שנעל האט זיך פאנאנדער געטראגען צווישען די אר־בייטער, אז בעריל איז געסעקט. זיי האבען ניט געוואוסט די אורזאכע — נור ווען ער האט אנגעטהאן דעם רעקעל און איז ארויס פון שאפ, האבען פיעלע פון די ארבייטער. פון פרייד געריבען די הענד און האבען געמורמעלט: „סוף גנב לתליה״.

ביז ווי לאנג?

(א בלעטעל פון א טאגע־בוך).

פוי, ווי היים !.... שרעקליך שטיקענד היים....

אהן רחמנות האט א גאנצען טאג די זונן געברענט, גע'שרפ'עט; די לופט איז א פייכטע, א שווערע — א פארע שלאגט פון די אנגעגליהטע שטיינער און אייזענס.....

די גאסען זיינען ווי פארשוואומען מיט אויסגעמאטערטע שוואכע בלאסע אין שוויים איינגעטונקטע מענשען, וועלכע קוים וואס זיי שלעפען זיך, מיט פאנאנדערגעשפילעטע העמדער, די רעק־לעך אין די הענד, האלטען אפען די מיילער און זוכען ארייננאטהע־מען עטוואס לופט...

די קליינווארג, אזוי ווי מוראשקעס, קריכען ארום, פלאנטערען זיך פאר די פיס, ליגען נעבעך אין די שמוציגע גאסען און אטהעמען אריין די גיפטיגע פול מיט שרעקליכע באצילען לופט....

א צובראכענער, א מיעדער האב איך זיך ווי א שיכור'ער גע־וואקעלט, בין געגאנגען אהיים.....

רוהע פאר מיין אפגעמאטערטען קערפער, פאר מיין שוואכען גייסט האב איך געדארפט.....

רוהען און זאמלען קרעפטען פאר דעם צווייטען טאג, אום איך זאל האבען כוחות צו כאפען שטיקלעך אבפאל, שטיקלאך ברויט פאר מיינע ארימע....

א מיעדער בין איך אריין אין מיין הויז, האב אראבגעווארפען דעם קראגען, האב זיך שווער אראב געלאזט אויף א טשער און האב גערעכענט, אז יעצט וועל איך רוהע געפינען.

מיין ווייבעל, די ארימע פארמאטערטע לעבענס חבר'טע, איז זעהר צופרידען ווען איך בין אין הויז, און אזוי שנעל ווי איך

האָב זיך אָבגעאָטהעמט, האָט זי מיר איבערגעגעבען די לייצעס פון דער רעגיערונג...

איך בין מיעד.... רוהען וויל איך.... נור מיין אַלטעצקע לאָזט ניט, זי שיט אוים אָהנע אָבשטעל אַלעס וואָס זי האָט אויסגעליטען פאר דעם טאָג.... שווערע טענות האָט זי צו מיר, צו די קינדער, און מיט א שאַרפער שטימע בעשולדיגט זי מיך, דאָס איך בין א עגאָאיסט, דאָס איך בין קיין טאטע, און אז די קליין־ווארג האָבען גאָר קיין פחד פאר מיר, און וואָס אַארט עס מיך, טענה'ט זי, מיין אָרימע נשמה, זי לאָזט די גאַל מיט די קליינע שדים, וואָס קימערט מיר איהרע יסורים, איהר צובראָכענע הארץ. איך בין, זאָגט זי, א מיאוסער עגאָאיסט, איך היט זיך אָב, האָב מורא פאר מיין הערצעלע, און מיט א ביטערע ערגעגענדע שטימע געהט זי איבער אין איהרע טענות פון איין געגענשטאַנד צו א צווייטען, און פאָדערט שטרענג פון מיר דאָס איך זאָל די קינדערלעך בעשטראָפען, זיי זאָלען זי ניט מוטשען, זיי זאָלען איהר ניט דערגעהן די יאָהרען.....

די גאַנצע צייט וואָס מיין ווייבעל רעדט זיץ איך ווי אין א היפּנאָטישען צושטאַנד, האַלט צוגעמאַכט די אויגען און אין קאָפּ טאַנצען ארום ביטערע געדאַנקען.

אָט שליינגעלט זיך א געדאַנק, וואָס זיינען זיי שולדיג, די אונשולדיגע קינדערלעך, זיי זיינען דאָך נאַאיוו, זייערע הערצעלעך זיינען נאָך ניט באַשווערט מיט די שמערצען פון ערוואַקסענע, זייערע קערפּערלעך זיינען נאָך פריי פון די זאָרג פון פרנסה, און זיי שטיפּען, טאַנצען, שפּרינגען....

און מיין ווייבעל'ס שטימע ענטפערט: זיי פאָלגען ניט, פּלאָנ־טערען זיך א גאַנצען טאָג פאר די פיס, געוואַלדעווען און קעהרען איבער די הויז קאַפּויר.

טאָ וואָס זיינען זיי פאָרט שולדיג; פערענטפערט זיי דער געדאַנק. שעהנע גרויסע גארטענס דארפען זיי, גענוג פּלאַץ פאר זייער אַמוזירען זיך, הערליכע שפּיעלצייג דארפען זיי און א גוטען אויפפּאַסער, וועלכער זאָל זיך מיט זיי אָבגעבען, ערציהען זיי לערנען זיי.

און אַן עכאָ פון מיין ווייבעל'ס שטימע קלינגט: „איך האָב שוין קיינע כוחות, איך וואַש, איך רוים, איך טהו זיי אָן ריינינקע, ציכטיגע ווייסטעלעך, דרעסקעלעך, הייזקעלעך, און אין צעהן מי־נוטען קומען זיי ארויף פון גאַס אָט ווי אין בלאָטע געלעגען, איך קען

עס ניט אויסהאַלטען", קרעכצט און זיפצט דער אָבשטאַרבענ־
־ער עבאַ....

און די קינדערלעך, די אַנגעקלאָגטע שטעהען פאַר מיר, זיי, די עופה'לאך, וועלכע קריכען אַרום גאַנצע טעג אין די איינגע, שמור־ציגע גאַסען, אָטהעמען אריין די גיפטיגע שטויב וועלכע ווערען גע־שטויסען, געטראָטען פון אײלענדע פאַרבייגעהער, זיי, וועלכע קריכען דעם מלאך־המות אין די אויגען, זיי וואָס ווערען געיאָגט פון יעדען, זיי, שטעהען קוקען מיט די אונשולדיגע אויגעלעך אין וועלכע עס גלאַנצען קינדערשע טרערעלעך, מיט ציטערענדע, קלאַ־פענדע הערצעלעך, זיי שטעהען די „גרויסע" פאַרברעכער, און מיט שרעק ווארטען זיי אויף דעם אורטהייל...

זיי קוקען אויף מיר מיט אזא רחמנות־פּנים — זיי שרעקען זיך פאַר מיין בליק, וועלכען איך האָב אויף זיי אַנגעשטעלט.... די ליי־פּעלעך ציטערען.... און זיי בעטען זיך.

פּאַ... פּאַ... מיר וועלען זיין גוטע קינדער.... מיר וועלען פאָלגען... און דאָס פּיצעלע, דער אינגעלע פון דריי יאָהר, ער טענה'ט מיט א געבעט, מיט א ציטערענדע שטימע: אַי בי גוט... פּאַפּאַ... אַי... פאָלג.... מאַמאַ...

איך פּיהל, אז באלד און איך וועל אויסברעכען אין א הארצ־ברעכענדען געוויין, איך פּיהל דאָס איך האָב גיט קיין רעכט זיי משפּט'ען... איך ווייס דאָס איך בין דער שולדיגער, דאָס איך בין דער אנגעקלאגטער, און דאָך, און איך זאָג זיי דאָס איך וועל זיי איצטיגען מאָל מוחל זיין, נאָר זיי זאָלען געדענקען, גוטע קינדער זאָלען זיי זיין, פאָלגען טאַטע מאַמע דארף מען, אז ניט וועל איך שניידען פּאַסען, מיט שטריק וועל איך בינדען, און א תל וועל איך פון זיי מאַכען.

און די קינדערלעך, צופרידענע, שטיל ווי קעצעלעך, געהען זיי אויף זייערע פּלעצער, זיי געהען שלאָפען, און זי' מאַמע, די אָרימע מאַמע זיצט מיט א צוקרימטען געזיכט פון יסורים פאַר אירע קינדער, קוקט זיי נאָך ווען זיי פאַרלאָזען דעם צימער, און פיעלדייטיג זיפצט זי....

* * *

עס איז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, אַלע שלאָפען, און עס דוכט מיר, אז יעצט און איך וועל ענדליך רוהע געפינען. איך שלעפּ זיך צו צו אַן אָפענעם פענסטער, קוק פאַר זיך אין דער אונ־

ענדליכקייט, און נעדאַנקען פון יסורים עגבערען, קריכען אין קאָפּ, און לאָזען מיך ניט רוהען.

שלעכטע, ביטערע באָרדערס, זיינען געדאַנקען, ווען זיי קלייבען זיך אריין צו אייך אין קאָפּ....

און אזוי טאַנצען ארום די שלעכטע געדאַנקען אין מיין מוח — שווימען ארום און רייסען שטיקער מאַרך און שליידערען אָהן רחמנות אין דער סאַרער פינסטערנים....

אַך, ווי איך בין מיעד... וואו קען איך רוהע געפינען ?.... און אַלס ענטפער הער איך דאָס שווערע אטהעמען פון מיין פרוי, דאָס אונרוהיגע ווארפען זיך פון די קינדער, און עס טומעלט אָהנע אויפהער, ברויט, קליידער, קינדער, פרוי, וואָהנונג און דאָס אַלעס ריישט זיך אין דער פיינליכער פינסטערנים און יאָגט אַ אימה אויף מיר...

איך דערפיהל זיך אזוי מיעד, אזוי צובראָכען.... איך זעה זיך אזוי קליין, הילפלאָז.... איך זעה די וועלט אזא שעהנע, אַ הערליכע, איך זעה ווי פון אַלעס איז דאָ איבער גענוג... איך זעה פאַלאַצען מיט רייכע גאַרטענס געשלאָסענע, גערויבט פון אונזערע קינדערלאַך... איך זעה אַ וועלט פון רייכקייט, לוקסוס פאַר איינציגע... און אַ וועלט פון עלענד, יסורים, דחקות פאַר מיליאָנען, און עס עגבערט אָהנע אויפהער ביז ווי לאַנג ?

אַך, ביז ווי לאַנג ?...

אויך א ביזנעס מאן.

דוד איז א יונגער אינטעליגענטער מענש, איז א בעל־הבית'יל פון א קלייניגקע שווארץ חן־עוודיגע ווייבעל, וועלכע דערגעהט איהם די יאָהרען פון צייט צו צייט, און א קליין פויגעלע, א מיידעלע, דער גאנצער נחת ביי טאטע־מאמע.

אין דעם גאָלדענעם לאנד איז דוד געקומען א זעקס יאָהר צוריק, מיט שעהנע רייכע פאנטאזיען, מיט זיסע האָפנונגען אויף א גליקליכען לעבען. אזוי ווי אלע גרינע האָט ער געמוזט זוכען ברויט, און זיינע פריינדע, צו וועמען ער איז פערפאָהרען, האָבען איהם געהאָלפען צו ווערען אן ארבייטער ביי פענטס.

דוד האָט די פּראָסטע ניט שכל'דיגע ארבייט, האָפט אויף דער צייט ווען ער וועט קענען זאָגען „ברוך שפטרני" פון דעם איינגען ווייסטען שאָפּ, זוכט מיטלען ארויסצורייסען זיך פון דער ארבייט, נאָר די אומשטענדען זיינען שטארקער פון זיין ווילען און זיי האַלטען איהם ביי דער מאשינקע.

מיט בעקי'ן, זיין חנ'עוודיגע ווייבעל, האָט ער זיך בעקאָנט און דער גאָט אמור האָט ארייגעשאָסען זיינע פיילען אין זייערע הערצער, און אין א קורצער צייט האָט דוד חתונה געהאט מיט מזל.

א רוהיגען שטילען לעבען פיהרען זיי. נאָר די פרנסה, דער דאָלאר, וועלכער פעהלט זיי גאנץ אָפט, ברייננט אריין מאנכעס מאָל א שטורם אין זייער שטילען נעסט.

בעקי גלויבט שטארק אין דוד'ס פעהיגקייטען און זי האָט אָהנע אויפהער גע'טענה'ט, דאָס ער איז נאכלעסיג. עס איז א שאנדע, א חרפה, אז ער, דוד, וועלכער איז א געבילדעטער, ער, וואָס בעזיצט די ענגלישע שפּראך, האָט אזעלכע שארפע איינפעלע ווי אזוי א ביזנעס מאכען סוקסעספול, ער, וואָס בעזיצט אזא שעהנע רעדענס־ארט, וועלכע איז נויטיג אין יעדען געשעפט, דארף נאָר

זיין אַן אפּריטאָר און ציטערען טאָמער וועט איהם דער פּאַרמאַן סעפּען און זיי וועלען בלייבען אָהן א שטיקעל ברויט.

די פריינדע און בעקאַנטע האָבען אויך געגלויבט אין דוד'ס פעהיגקייטען און האָבען צווישען זיך געשמועסט, דאָס ווען ער, דוד, זאָל זיך צושלאָגען צו ביזנעס, וואָלט ער וועלטען איבער געקעהרט.

און דוד, הערענדיג זיין ווייבעל'ס גערעכטע טענות, און ווי־סענדיג די מיינונגען פון זיינע בעקאַנטע, האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, דאָס ער בעזיצט א פאַרבאָרגענע קראַפט צו ביזנעס, און ווען ער זאָל זיך נור קענען צו עפּעס צושלאָגען, וואָלט ער זיך שנעל ארויפגעארבייט.

פּלוצלונג האָט דוד'ן געטראָפען א גליק. אַן אַגענט האָט איהם פאָרגעשלאָגען דאָס מיט הונדערט דאָלאר איינצאָהלען, קען ער אריין אַלס פּאַרטנער אין א גוטען געשעפט. ווען ער האָט עס דערהערט איז ער גלייך געלאָפען זעהען וואָס פאַר א ביזנעס עס איז, עס האָט אפילו אויף איהם ניט געמאכט אזא גוטען איינדרוק, די ביזנעס איז געווען מכולה'דיג, אָבער דערפאַר א'ז געווען א גרויסער, רייכער פעלד צו דער ארבייט, און דוד האָט שוין געזעהען זיך אַלס ערפאָלגרייכען ביזנעס־מאַן.

דוד האָט ניט גערוהט. ער איז ארומגעלאָפען צו פריינדע און בעקאַנטע, האָט צוזאמענגעבאָרגט הונדערט דאָלאר, האָט עס איינגעצאָהלט און האָט געקראָגען א שעהן גע'חתמ'טען פאפּיער ביי א נאָטארי פּאָבליק אַלס בעוויז דאָס ער איז שוין ניט מעהר ארבייטער, ניין — ער איז א ביזנעס־מאַן.

ווען דוד איז געקומען אהיים, און האָט מיט א געזיכט, אויף וועלכען עס איז געווען צוגאָסען צופרידענהייט, זיין בעקי'ן געצייגט דאָס פּאַפּיער, איז איהר פּנים איבערגעצויגען געוואָרען מיט גליק־זעליגקייט, איהרע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט פריידען־טרעהרען און אין איהר קאָפּ האָט געטומעלט, געשוואומען שעהנע, רייכע בילדער פון זייער צוקונפטס לעבען.

שפּעט אין דער נאכט איז דוד געזעסען מיט זיין בעקי'ן, האָבען געמאכט פּלענער ווי אזוי זיי וועלען איינריכטען זייער לעבען בעקוועמער, בעסער. זיי האָבען גערעדט פון זייערע פערגעניגענס, ניט מעהר קיין זאָרג פאר דעם מאָרגען, און אזוי האָבען זיי ביידע מיט א גליקליכען שמייכעל איינגעשלאָפען.

א ווערטעל איז דאָ ביי אונז אידען: „דער מענש טראכט און

גאט לאכט". אזוי האט זיך אויסגעלאזען פון דוד'ס פאנטאזיעס. די צייט איז אין אלגעמיין געווען א שלעכטע, דער געשעפט איז געווען א האלב־רואינירטער, קיין פראפיט האט מען ניט געהאט. און דער ארימער דוד, אנשטאט ער זאל קלעהרען ווי אזוי צו מאכען די ביזנעס בעסער, האט גאר געדארפט קלעהרען, וואו נעהמט מען צום לעבען?

אזוי איז אוועק איין מאנאט און א צווייטער. ביי דעם דריטען מאנאט האט זיך דוד דערזעהען דערטרונקען אין חובות און קיין געלד אויף רענט האט ער ניט געהאט. ווען עס איז פאראיבער צוויי וואכען נאך דעם ערשטען און דער לענדלארד האט שטרענג געמאנט די רענט, האט ער, דוד, אלס ביזנעס־מאן ערקלעהרט דעם לענדלארד, דאס ביזנעס איז יעצט זעהר שוואך, און דער קאלעקשאן איז טויט, און האט דעם לענדלארד בעוויזען דאס עס לוינט זיך פאר זיי ביידען אז ער זאל איהם שוין ווארטען די רענט ביז דעם ערשטען, דען אזוי ווי ער האט שוין א צוויי וואכען איינגעוואהנט און ווען ער זאל איהם מאכען צו מופען וועט ווידער נעהמען אכט טעג, וואס דאס הייסט צוריבען א מאנאט, און דאצו וועט ער אנווערען א טענענט, אמעהר אזוי ווי ער איז זיכער ביים ערשטען צו בעצאהלען איהם דאס רענט, דארום איז פון ביזנעס שטאנדפונקט גלייכער ער זאל ווארטען.

דער לענדלארד האט איינגעזעהען דוד'ס לאגישע ארגומענטען און איז אוועק מיט א פערזיכערונג דעם ערשטען צו קריגען דאס געלד.

עס איז צוויי טעג פאר דעם ערשטען און דוד האט נאך קיין סענט ניט. ער געהט ארום שווארץ ווי די ערד, מורא'דיגע געדאנקען קריכען אין זיין קאפ, שרעקליכע בילדער זעהט ער אין זיינע פאנטאזיען.... צום הונדערטסטען מאל האט ער זיך געפרעגט אין זיינע געדאנקען, וואו קען ער באהגען געלד פאר דעם לענדלארד, און זיין ווייבעל שיט נאך זאלץ אויף די וואונדען. זי דערמאנט איהר ביזנעס מאן, דאס עס איז דא א גראסערי, א בוטשער מאן, און אז זיי ווילען אויך געלד, און זי פערשטעהט גלאט ניט וואס איז דאס פאר א ביזנעס ווען מען קען ניט נעהמען קיין געלד, און זי טענה'ט מיט הארץ דאס ער איז א שלמזל, ער טויג ניט אפילו א קאץ דעם עק פארבינדען.

איבעראל, וואו דוד האט געבעטען געלד אויסבארגען, האט ער

עס ניט געקראַגען. איינער האָט געענטפערט סתם, איך קען ניט באַרגען, דער צווייטער, איך וויל ניט. דער דריטער האָט זיך גלאַט אויסגעלאַכט, און אזא ביטערע צייט זאָל א מענש האָבען אזא השגה באָרגען געלד? און דער פירטער האָט דוד'ן פערזיכערט, דאָס ער וואָלט איהם מיט דעם גרעסטען פערגעניגען אויסגעבאָרגט, נאָר ער האָט ניט יעצט, א אכט טאָג נאָך דעם ערשטען וועט ער איהם זיכער קענען געבען דאָס געלד.

א שלאָפלאָזע אונרוהיגע נאכט האָט דוד דער ביזנעס־מאַן געהאַט. די קישעלע צוקאָפענס איז ווי ארומגעשוואומען און איהם האָט זיך געדוכט דאָס ער קעמפּפט נוצלאָז. די ווילדע כוואַליעס פון דעם לעבען זיינען שטארקער, זיי ווילען איהם סוף כל סוף דער־טרינקען, און פעסימיסטישע ביטערע געדאנקען האָבען איהם די גאנצע נאכט געפּלאָגט.

אויף מאָרגען פריה האָט דוד געהאַט א פּלאַן: ער איז אוועק צו א גוטען פריינד, האָט ביי איהם געבעטען א טובה, ער זאָל איהם געבען א טשעק אויף פינף און צוואנציג דאָלאר.

ווען זיין פריינד האָט אויסגעהערט זיין פערלאנג, איז ער גע־בליבען זיצען מיט אַן אָפענעם מויל און האָט בעוואונדערט די חוצפּה. סטייטמש, פרעגט ער דוד'ן, דו קומסט דאָך מיר שוין געגוג, אויף וואָס קוקענדיג זאָל איך דיר נאָך געבען? און דוד ערקלעהרט איהם, דאָס ער פערלאנגט פון איהם א טשעק, וועלכען ער, דער פריינד, קען געהן גלייך אין די ביינק און סטאָפּען.

וואָס זשע איז דער שכל? האָט דער פריינד זיך געוואונדערט. נאָר דוד האָט איהם ערקלעהרט, אז ניט יעצט, ער האָט קיין צייט ניט, און ווי ער האָט געקראָגען דעם טשעק איז ער ארויס פון זיין פריינד מיט א געזיכט, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעדריקט פרייד, ער האָט דערפיהלט ווי שווערע שטיינער זיינען אראָב פון זיין הארצען.

דוד האָט דעם טשעק איבערגעגעבען זיין שווארץ־חן'עוודיגער ווייבעל, וועלכע האָט איהם מיט גרויסע אויגען אַנגעקוקט, און ער האָט איהר ערקלעהרט דאָס ווען זי וועט קריגען טשענז פון דעם פינף און צוואנציג דאָלארדיגען טשעק, וועט זי האָבען עטליכע דאָלאר פאר דעם גראָסערי מאַן.

ביי נאכט, ווען דוד איז געקומען אהיים, און זיין ווייבעל, א צופרידענע, א רוהיגע האָט דוד'ן געגעבען דעם רעסיט פון לענדלאָרד,

און האָט איהם דערצעהלט, דאָס זי האָט בעצאָהלט אין גראָסערי עטליכע דאָלאר און אז זי האָט נאָך געלאָזען פאר איהם פופציג סענט פאקעט געלד, האָט דוד אויסגעשאָסען אין א געלעכטער, און בעקי, זיין ווייבעל, איז געבליבען זיצען מיט גרויסע אויגען. זי האָט זיך דערשראָקען פאר איהר דוד׳: משוגע! איז איהר דורכ־געפלויגען א געדאנק, וועלכער האָט זי ווי געליימט פון שרעק.

דוד האָט פערשטאנען בעקי׳ס בליקען, און שטיקענדיג זיך פון געלעכטער, האָט ער איהר דערצעהלט, דאָס קיין געלד האָט ער ניט געקענט קריגען, איז ער געפאלען אויף א פלאן: אזוי ווי רענט מוז ער געבען, זאָנסט וועט דאָך דער לענדלאָרד ניט ווארטען א מינוט, האָט ער גענומען א טשעק וועלכער איז גלייך געסטאפט געוואָרען. ביז דער טשעק וועט קומען צוריק פון די ביינק, קען נעהמען אכט טאָג, אונטער דער צייט וועט ער זיך מן הסתם געפינען אן עצה, אלא ניט, וועט דער לענדלאָרד צייט האָבען איהם מאכען צו מופען צוויי וואָכען שפעטער.

ווען זיין ווייבעל האָט אויסגעהערט דוד׳ן, האָט זי איהם גע־האָלפען לאכען און האָט נאָך פעסטער אָנגעהויבען גלויבען אין דוד׳ס פעהיגקייטען. אזא איינפאל קען דאָך נאָר בעשאפען ווערען אין א מיניסטערשע קאָפּ, אזוי האָט זי אָהנע אויפהער גע׳טענה׳ט, און אזוי האָט דוד דער ביזנעסמאן געסעטעלט זיינע חובות.

פאר איך.

— ליזעצקע, קינד מיינס, קוק זיך נאר איין אין שפיגעל מיט מיינע אויגען, זעה וואס פאר א פנים דו האסט, א שעהנערע ליגט מען דאך אריין אין קבר.

וואס וועט זיין דער תכלית פון דיר ? הא !

צי וואס נוצט דיר דאקטאר, די מעדיצינען, ווען דו פאלגסט ניט וואס ער האט פערזאגט, אז דו זאלסט רוהען, אז דו זאלסט פיה־רען א רעגעלמעסיגען לעבען, דען דאס איז דאס וויכטיגסטע פאר דיין אויסגעמאטערטען קערפער; איך פרעג דיך נאר, דו ביזט דאך א קלוגע, א בר דעת — איז דאס געווען דער צוועק. דער ציעל פון דיין פאהרען אין אמעריקא ?

אזוי האט גערעדט מיט א הארציגער שטימע א עלטערע פרוי, מיט א גוטען אינטעליגענטען געזיכט, אויף וועלכען עס זיינען געווען שארף אויסגעקריצט סימנים פון וועה און זארג פאר איהרע ליעבע קינדער. זי האט מיט איהרע גוטע מילדע אויגען געקוקט אויף דעם בלאסען, שווער פערוואלקענטען געזיכט פון דער צו־ הערערין, א יונגע פריילין מיט א לענגליך סימפאטישען געזיכט, וועלכער האט זיך ווי געקרימט פון אינערליכע ליידען. זי, ליזע, איז נאר וואס געקומען פון גאס א פערמאטערטע, א בלאסע האט זי זיך אראבגעלאזען אויף א טשער און האט עקשנות'דיג געשוויגען. איהרע ליפען האבען אין די ווינקלעך געצוקט, און אויף דעם געזיכט האבען זיך געביטען די פארבען : אט איז זי בלאסער, בלאסער גייווארען, און פלוצלונג און א חוואליע בלוט פלעגט א קלאפ טהאן אין געזיכט, און מיט פערביסענע ליפען פון ערגערניס האט זי זיך צוגעהערט צו דער אלטער'ס טענות.

— וואס שווייגסטו ? ווארום ענטפערסטו ניט דיין באבען ?

— האט די אלטעצקע מיט א ציטערענדע שטימע פארטגעזעצט.

— ליזעצקע, דו ווייס דאָך, קינד, אז איך בין דיר אַן אמת טרייער פריינד, און אפילו דיינע אָנקעלס, וואָס דו רופסט זיי אָן בורזשואס, אויך זיי, ווען זיי טענה'ן אז עס איז צייט אז דו זאָלסט ווערען א מענש, אוועקווארפען די נאַרישקייטען, און זאָלסט בעסער קלערען א תכלית פאר זיך, — אויך זיי, מיין טהייערע, מיינען דאָך נור דיין טובה, און צו דעם רעכענסטו, אַז דו, א אָרימע שוואכע פרוי, קענסט העלפען יעדען?... דו קענסט דאָך דער גאַנצער וועלט ניט העלפען.... דו טאָרסט דאָך מיט זיך ניט מפקיר זיין.. דו געהסט דאָך איין פון שעה צו שעה... און דו האָסט דאָך אַ הייליגע אויפגאבע פאר זיך.... דו האָסט דאָך איבערגעלאָזען אַן אַלטען אָרימען שוואַכען טאַטען אין רוסלאנד, דו האָסט דאָך איבערגעלאָזען צוויי עלענדע ליעביקע יתומים'לעך, דיין שוועסטעריל און ברודעריל, וועלכע דיין שטאַרבענדע מאַמע האָט איבערגעלאָזען מיט א גרויסען בטחון אויף דיין קלוגהייט, דיין גוטסקייט, — א מאַמע ביסטו דאָך צו די אָרימע שוואכינקע עופה'לאך... און דו, וואָס טהוסטו פאר זיי? הא, וואָס?

דער אַלטעצקער'ס שטימע איז דערשטיקט געוואָרען פון א שטראָם טרעהרען, וועלכע האָבען ארויסגעשפּאַרט פון איהרע אויגען, און אראָבלאָזענדיג איהר שוואכע גראָע קאָפּ, האָט איהר שוואכער קערפּער אויפגעשוידערט פון ביטערען וויינען.

ליזע איז געזעסען אזוי ווי א צודריקטע, זי האָט נערוועז גע־ריסען א שטיקעל פּאפּיער וואָס זי האָט געהאַלטען אין איהרע הענד, איהר בלאַסער געזיכט האָט זיך ווי אויסגעצויגען, איהרע גרויסע בלויע אויגען זיינען אָנגעגאָסען געוואָרען מיט טרעהרען, און מיט א צורייצטער ציטערענדער שטימע האָט זי אויסגעשאָסען:

— וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס שיט איהר מיר זאַלץ אויף די וואונדען? בין איך דען ניט אַליין מענש גענוג צו פער־שטעהן מיינע פליכטען.

איהר, באָבעצקע, זייט אַ פרוי פון דער אַלטער וועלט, איהר פערשטעהט מיך ניט. מיינע אָנקעלס זיינען צופיעל ביזנעס לייט, אז זיי זאָלען מיך פערשטעהן, וואָס אין מיין אָרימע הארץ טהוט זיך. מיינע געפיהלען זיינען אייך פרעמד, מיינע בעגריפע פון דעם לעבען זיינען ברייטערע, גרעסערע, איך האָב א הארץ, איך בע־מיטלייד אַלע אָרימע, אַלע אונטערדריקטע. איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען דאָס א מיידעל זאָל אימער זיין צווישען מענער־גע־

שלעכט, זאָל זיין מיט זיי היים בעפריינדעט, און איהרע, אָדער זייערע אינטערעסען זאָלען זיין ריינע אָהנע שלעכטע אנזיכטען, איהר קענט עס ניט פערשטעהן....

וואָצו, באַבעניו, זאָלט איהר מיך אויפרעגען, איך בין דאָך אזוי אויך מיד, צובראָכען... איהר וועט מיין נאַטור ניט איבער־אנדערשען, אַט אזוי בין איך, אזוי פיהל איך און נאָך מיינע געפיהלען נאָך האנדעל איך...

זי איז געבליבען זיצען אַ פאַרמאַטערטע, איהר בלאַסער געזיכט האָט פאַרגעשטעלט אַ בילד פון אַ מאַרטירערין, אין איהרע בלויע שעהנע אויגען האָט געברענט אַ הערליכער פייערל, און אָנשפאַרענדיג איהר מיעדע קאָפּ אויף איהרע הענד, האָט זי זיך שווער אָבגעזיפצט.

די אַלטעצקע גוטע באָבע איז געזעסען, האָט ניט געקענט אָברייסען די אויגען פון איהר, איהר אָרימע הארץ האָט אזוי ווארים געקלאַפּט פאַר איהר קלוגער שעהנער אייניקעל, וועלכע זי זעהט פאַר זיך איינגעהען, און קען איהר ניט העלפען.

— געוויס, געוויס קינד מיינס, ביזט גערעכט, — האָט די אַלטעצקע ווידער אָנגעפאַנגען. — מיר פערשטעהען דיך ניט. ניין, מיר זיינען ניט אזעלכע פילאָזאָפען. אמת, מיר זיינען אָבגע־לעבט. אָבער מיר האָבען אויך אין אונזערע צייטען געהאַלפען אונ־גליקליכע, זאָט געמאַכט די הונגעריגע, געגעבען אַ נאַכטלעגער דעם היימלאָזען. אָבער אַלץ מיט אַ דרך. יא, מיין קינד, מיר פער־שטעהען דיך ניט און דיין גלייבען, און דאָך זיינען מיר אויך געווען אַמאָל יונג, און גלויב מיר, מיין קינד, דו נארסט ניט נאָר מיך, נור זיך אויך אויב דו וועסט וויטער ערקלעהרען, אז ביי דיר איז קיין אונטערשיעד נימאָ פון גאַסיע ביז בערלען. דו ביזט דאָך אַ קלוגע, אַ בעלעזענע, ווייסטו דאָך אַז נאָך אַלע דיינע פילאָזאָפיען ביסטו דאָך אַ פרוי מיט אַלע איהרע שוואַכקייטען און נאַטירליכע פער־לאַנגען, און אויב דו ביזט שטאַרק גענוג זיך צו רעגיערען, וועט עס יעדענפאַלס ברעכען דיין יונגען לעבהאַפטען קערפּער, דען צו רייצען זיך מיט דער נאַטור איז געפעהרליך.... הערסט, ליזעצקע, איך רעד מיט דיר אָפען, איך וויל דיך ראַטעווען, מיין קינד. דיין אויסגעצערטעס געזיכט, די שווארצע רינגען אונטער די אויגען זאָגען מיר, דאָס עס איז צייט דו זאָלסט אָפּברעכען אַלע פערבינדונגען מיט דיינע פריינדע, און אָנפאַנגען פיהרען אַ רוהיגען רעגעלמעסיגען לעבען..... נור זאָל שוין זיין גענוג, — האָט די אַלטעצקע אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד, ווי איינע זאָגט עס איז פערפאַלען, אפילו

אַ טאַטער וועט דאָ ניט העלפען, און מיט שנעלע טריט איז זי אוועק אין צווייטען צימער.

ליזע איז געבליבען זיצען ווי אין אַ הינערפּלעט. אין איהר קאָפּ האָט געשטורעמט און אזוי ווי טויזענדער ליכט וואָלטען דאָרט זיך אָנגעצונדען, — אזא פייער האָט אויפגעפלאַקערט אין איהר אָרימען קאָפּ. אזוי ווי אַ שיכורע האָט זי זיך אויפגעהויבען, איז אוועק אין בעד־רום, פון וועלכען זי האָט די טהיר פערמאַכט, און אַ מיעדע האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן אין בעט.

זי ליגט און איהר הארץ ווייטאָגט אזוי שמערצענד, צופּט נאָגעט, און עס בעט זיך.... אין איהר קאָפּ טומעלט. געדאַנקען, עררעגענדע געדאַנקען, ביטערע, שווימען ארום אין דעם אָרימען ברענענדען מוח, שטויסען זיך און זוכען זיך אַ וועג ארויס פון זייער געפענגעניס....

זי ליעגט אזוי ווי אין אַ לעטארגישען שלאָף. זי זעהט זיך — אָט נאָר וואָס דאַכט זיך האָט עס פּאַסירט — זי איז געקומען אין אמעריקא אַ יונגע פריילין פול מיט לעבען, פול מיט רייץ. אויף איהר פולען רונדען חן'עוודיגען געזיכט איז געזוען צוגאָסען אַ גע־זונטע נאַטירליכע רויטע פאַרב, איהרע צוויי גרויסע קלוגע בלויע אויגען אין איהר קאָפּ האָבען געשיינט מיט פרייד און האָפנונג, און האָבען אויסגעדריקט אזא שטאַרקען נאאיווען גליק. קוקענדיג אין איהרע בלויע לאַכענדע ריידענדע אויגען פלעגט דער אומעט פערשווינדען.

און אלע האָבען איינגעשטימט, אז דאָרט וואו איהרע אויגען שיינען אויף דאָרט פערשווינדט דער טרויער, דאָרט וואו איהר זיסע ווייכע שטימע קלינגט, דאָרט איז ניטאָ קיין פּלאַטץ פאַר אומעט, פאַר וועה.....

„דער שעהנער זיסער זינגער“ פלעגט מען זי רופען.

און ליזע זעהט זיך שנעל אריינגעריסען אין דעם שטראָם פון דער בעוועגונג, איהר טהעטיג־קרעפטיגע נאַטור האָט פאַר איהר געפאָדערט עפּעס אַ מעהר עררעגענדע ארבייט, ווי צו זיצען און לעזען אַ בוך אָדער זינגען אַ ליעד, עפּעס שטורמעדיגעס, קאַמפפס־לוסטיגעס האָט זי געזוכט, און זי האָט געקראָגען אין די הונדערטע פערעהרער צווישען די נייע אָנגעקומענע פון רוסלאַנד אנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערען.

גרויס איז די צאָהל פון איהרע בעקאַנטע, און זי האָט אַ סך

ארבייט. פיעלע פון זיי זיינען ארבייטסלאָזע, זי איז בעשעפטיגט, לויפט ארום זוכט א פלאץ פאר איינעם, בעזאָרגט א נאכטלעגער פאר אן אנדערן, העלפט אויס מיט געלד א דריטען, — לויפט ארום באָרגען געלד פאר א פיערטען, און אזוי טאָג איין, טאָג אויס איז זי ביזי, ארבייט שווער, עסט ניט צו דער צייט, שלאָפט ניט גענוג, און איהר שטארקער פול מיט רייץ קערפער, בויגט זיך פון דעם ניט נאָרמאלנעם לעבען. די רויטע פארב פון איהר געזיכט פערשווינדעט לאנגזאם, און א טויטע בלאסקייט פארנעהמט דעם פלאטץ. דער לעבעדיגער האָפנונגספאָלער גלאנץ פון די אויגען ווערט ווי אויסגעלאָשען, און ליזיע דערזעהט זיך ווי א שאטען....

אונטער דער גאנצער עררעגענדער צייט האָט זי ניט געפאָלגט די געבעטען פון דער אָרימער באָבען, די פאָדערונג פון איהרע גוטע ערגעבענע פריינד, זי איז אזוי געווען פער'שיכור'ט פון איהר רעש'יגען לעבען, דאָס ערגעץ ווייט אין א ווינקעלע האָט נאָך געטליעט א אנדענקונג אז זי האָט אן אלטען טאטען, צוויי אָרימע יתומה'לעך, איבערגעלאָזען דאָרט אין דער אלטער היים, צו וועמען זי איז פערפליכטעט....

און זי ליגט, די אָרימע, זי פיהלט ווי די קישען שווימט ביי איהר צוקאָפּענס, די עראינערונגען ברענען איהר דעם מארך און שניידען די הארץ, און זי גראָבט טיעפער די הייס־ברענענדע קאָפּ אין די קישענס, דריקט פעסטער צוזאמען די אויגען.... און ווי אויף א לייווענד, פונקט ווי צו רייצען זי, שווימען די בילדער אזוי בולט, אזוי שארף....

אָט זעהט זי פאר זיך איהר גרויען שוואכען אלטען טאטען, מיט דער שנעע־ווייסער באָרד, מיט דעם געבויגענעם רוקען און די וואסערדיג פאר'חלום'טע אויגען.... אָט זעהט זי איהרע צוויי קליינינקע אונשולדיגע שוועסטעריל און ברודער'ל, די שוואכינקע שוצלאָזע.... זי זעהט זייערע שעהנע קינדערשע אויגלאך, אין וועלכע עס פינקלען טרעהרלאך, און עס דוכט זיך איהר דאָס די זיסינקע ליפעלעך קרימען זיך פון ווייי, זיי ציטערען, אָט דאכט זיך און זיי וועלען אויספלאצען אין א הערצרייסענדען געוויין... און זי זעהט די דריי טהייערע נפשות, עס דאכט זיך איהר זיי שטעהען, קוקען אויף איהר מיט פאָרוואורף און געבעט, און די ציטערענדע אלטע ווייכע שטימע פון דעם שוואכען טאטען הערט זי אקאמפאנירט אין הארמאָניע מיט די קינדערשע טרויעריגע קול'כעלאך פון די עלענדע יתומים, און זיי דריי ווי אין כאָר ריידען מיט אזוי פיעל וועה,

מיט אזא טרויער, עס הערט זיך אין זייער הארציגען ריידען א שטימע פון רחמנות, א שטארקע בענקענים, עס פיהלט זיך אזא אונ־בעהילפלאזיגקייט, עס בלאזט אזא שרעקליכע יתום׳דיגקייט — און זיי טענה׳ן דורך טרעהרען....

„ווארום, דו טרייע נשמה אונזערע, האסטו אונז פערלאזען עלענד, הילפלאז אין דער פרעמד?....

„ווארום האסטו פערגעסען דעם הייליגען פארשפרעכען וואס דו האסט געגעבען דיין ארימען טאטען, די שוואכע עופ׳עלעך, בעפאר דו האסט פערררייזט?....

זי ליגט, דרייט זיך אזוי ווי אין קאנוואולסיען, איהר הארץ ווערט צוזאמענגעדריקט פון די אונמענשליכע יסורים, און איהר ארימער קאפ טומעלט, רוישט, און געדאנקען פון חרטה פאר איהר שלעכטער האנדלונג ברענען דעם מוח... זי ליגט און איהר קערפער ווערט אויפגעטרייסעלט פון א הארץ פלאצענדען וויינען.

פעניע נעבעך

ע ר צ ע ה ל ו נ ג.

פעני איז געווען א סימפאטישע יונגע פריילין, מיט צוויי קלוגע גרויסע אויגען, וועלכע האבען אבגעשפיגעלט אין זיך לעבען, ענערגיע. זי איז באזעסען א ציעמליך שעהנע בילדונג און האט געהאט א גוטע ערציעהונג.

שעהנע רייצענדע חלומות, זיסע פאנטאזיען האט פעני געהאט וועגען אמעריקא. א הייסער וואונש האט זי איבערוועלטיגט צו פאהרען אהין, וואו אלעס אטהעמט מיט פרייהייט, מיט גליק.

באריס איז געווען א אידישער יונגער מאן פון בעל־בתישע עלטערן. ער איז געווען א משכיל, אנגעשטעקט מיט די נייע, פרייע געדאנקען, און אויך ער האט זיס געטרוימט וועגען דעם גאלדענעם לאנד.

פעני און באריס האבען געוואהנט אין שכנות אין דער קליי־נער שטעדטיל. זיי האבען פארטרויט איינער פאר דער צווייטער זייער גרויסען פערלאנג, און דיעזער וואונש, דיעזער שטרעבען האט זיי נעהענטער צוזאמענגעפיהרט און האט זיי ענדליך פעראייניגט.

באלד נאך זייער הייראטה האבען זיי געזעגענט זיך מיט גוטע געטרייע עלטערן, וועלכע האבען זיי מיט טרעהרען אין די אויגען צוגעוואונשען גליק און פערגעניגען. זיי האבען פערלאזען יענע געבורט־שטעדטעל, וועלכע האט זייערע פיעלע קינדערשע גליקליכע סודות אין איהר בוזים, זיי האבען זיך געזעגענט מיט אלעס וואס האט זיי אין די קינדער יאהרען פיעלע גליקליכע שטונדען פערשאפט.

פיעל צרות, יסורים האבען זיי געהאט ביז זיי האבען דערלעבט קומען אין דער גליקליכער אמעריקא, און דא האט באריס, ווי פיעלע פון די געפלאגטע אויסגעמאטערטע עמיגראנטען, פיעל געליטען,

ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגען צו אַ ארבייט, ביי וועלכער ער האָט געקענט פערדיענען פיר זיינע און פעגיס עקזיסטענץ.

באַרים איז שווער קראַנק געוואָרען, האָט אָבער אין זיך לאַנג געשטיקט זיינע ווייטאָגען. ער האָט געוואוסט, אַז זיין ארבייט איז דער איינציגער קוואַל פון זייער חיונה, און ער האָט זיך געשראָקען פאַר דעם געדאַנק, דאָס זיין פעניצקע וועט ליידען. און דארום האָט ער ניט געאַכטעט זיין קראַנקהייט, האָט ווי צו להכעיס, נאָך שטאַר־קער, נאָך פלייסיגער געארבייט ביז ער איז אַוועק געפאַלען, און ניט האָבענדיג די נויטיגע מעדיצינישע בעהאַנדלונג, איז באַרים געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג זיין אָרימע פעגי אין עלענדע, אָהן פריינדע און אָהן מיטעל צום לעבען, מיט אַ קינד וועלכער האָט זיך ענטוויקעלט אין איהר לייב...

זעהר אַ שווערען קוואַלפאָלען לעבען האָט פעגי געפיהרט. זי איז געווען צובראָכען, צודריקט פון דעם שווערען קלאַפּ וואָס זי האָט געקראָגען, און מיט אַ צובראָכענע האַרץ האָט זי געדארפט געהן אין שאַפּ ארבייטען, פאַרדיענען פאַר איהר ברויט.

זיצענדיג איבערגעבויגען לאַנגע שטונדען ביי דער ארבייט, פלעגען ביטערע מחשבות טומלען אין איהר אָרימען קאָפּ. צייטענ־ווייז, און צובראָכען פון די איבערגעלעבטע יסורים, פלעגט זי פיה־לען אַ האַס צו דאָס אונשולדיגע נפש, וועלכעס איז געוואַקסען אין איהר, און וועלכעס האָט זי געשראָקען מיט אַ ביטערע צוקונפט. זי האָט געזעהען זיך פעראָרטהיילט צו אַ שווערען אומעטיגען לע־בען, זי האָט געזעהען דאָס פּיצעלע ווי געוואַלדיגע שטיינער אין איהר וועג....

מאַנכעס מאָל פלעגט איהר האַרץ פאַרדריקט ווערען פון ווייה און שרעק פאַר דער צוקונפט פון דעם קליינינקען יתומ׳על. פאַר דאָס אונשולדיגע הילפלאָזע פויגעלע, וועלכע וועט געבראַכט ווערען דורך איהר אין דער וועלט פון יסורים און לייד....

* * *

פעגי איז אויפגעשטאַנען פון איהר קראַנקען בעט נאָך סימ־פּאַטישער ווי פריהער. דאָס געזיכט איהרער איז געווען בעצויגען מיט אַ בלאַסקייט, וועלכעס האָט איהר צוגעגעבען חן. דאָס פּיצעלע, דאָס קליינינקען, רויטינקען פּוכקען אינגעלע האָט זי געהיט, גע־כאָוועט. שטונדען לאַנג פלעגט זי קוקען אויף איהר קינד און איהרע אויגען פלעגען גיסען מיט בלוטיגע טרעהרען אויף דעם שיקזאַל פון דעם לעבעדיגען הילפלאָזען יתום....

צום באַטעל האָט פּעני געמוזט דאָס קינד צוגעוואָהנגען. אויף דער גוטהערציגקייט פון דער אָרימער מיסעס, אויף איהר אויפפּאַסונג האָט זי געמוזט איהר אוצר איבערלאָזען און אליין האָט זי זיך געשלעפּט אין שאָפּ.

א מיעדע, א צובראָכענע איז פּעני פאַרנאַכט פון דער ארבייט געגאַנגען. די ארבייט, די זאָרג, דאָס שווערע דענקען פלעגען זי אויסמאַטערען, און איהר נשמה, איהר קערפּער האָט רוהע געדאַרפט. גאָר די אָרימע פּעני האָט עס ניט געקראָגען. יעדען אבענד, ווען זי איז געקומען אהיים, האָט דאָס פּיצעלע געפאָדערט איהר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט: וואַשען, ראַמען, און דאצו איז עס געווען א קרענקליכע קינד. דאָ האָט עס געהאַט צו טהאָן מיט דעם מאַגענדעל, דאָ איז האָנגוואַולטען, וועלכע האָבען דער אָרימער מאַמען געבראַכט שווערע יסורים. דאָ האָט זי גלאַט געהאַט א שלאָפלאָזע נאַכט איבער דאָס פּיצעלע, און אין שווערע מאָמענטען פון איהר ביטערען לעבען פלעגט זיך ביי דער אָרימער פּעני, ביי דער מאַמען פון דאָס אונשולדיגע קינד, פער'גנב'ענען א געדאַנק, פאַר וועלכען זי פלעגט זיך נאַכהער שעהמען צו קוקען זיך אין די אויגען.... עס פלעגט איהר עגבערן אין מוח, אז גלייכער פאַר דעם לעבעדיגען יתום.ל, פאַר איהר, איז, אז ער זאָל שטאַרבען — שטאַרבען און בעפרייען זי פון דעם שווערען אומעט לעבען, און זיך פון א לעבען, וואָס איז פול מיט שטיינער און דערנער, ער וואָס וועט זיכער אמאָל פאַרשעלטען דעם טאָג, ווען ער איז געבוירען געוואָרען, וועט מיט א פלוך דערמאָנען די מוטער וואָס האָט איהם געבראַכט אויף דער פינסטערער וועלט....

און אין מיטען פון איהר פינסטערען לעבען האָט זיך געצייגט א ליכטיגער שטראַהל...

דאָס איז געווען א יונגער מאַן פון א וועלכע דרייסיג יאָהר. זיין אינטעליגענטע, כמעט פרויען געזיכט, איז געווען בעגאָסען מיט א זיסען חן; ער, דוד האָט זיך מיט פּעני'ן בעגעגענט, און א הייסע פריינדשאַפט איז צווישען זיי געשלאָסען געוואָרען.

דאָס ערשטע וואָס דוד האָט איהר געראַטהען, דאָס עס איז בעסער פאַר איהר, געזינטער און בעקוועמער פאַר דעם קינד'ס צוקונפט, אז זי זאָל דאָס פּיצעלע אוועקגעבען אין א וואייזען-הויז.

נישקשה, רעדט דוד מיט זיין ווייכער זיסער שטימע, איהר זייט ניט די ערשטע וואָס טהוט עס.

איך פערשטעה, עס איז אייך שווער צו שיידען זיך פון אייער קינד, נור איהר מוזט עס טהאָן אין אייער אייגענעם אינטערעס.

פעני האָט זיך צוגעהערט צו דוד'ס עצה, וועלכע איז איהר גע־געבען געוואָרען פון אנדערע, אָבער זי האָט עס ניט געקענט הערען. עס האָט איהר געשווידערט ביי דעם געדאַנקען צו שיידען זיך מיט דעם ליעבען נפש'ל, און זי האָט אזעלכע עצות צוריקגעוויזען מיט פעראכטונג. אָבער דוד האָט עס אזוי לאַגיש איהר בעוויזען, עפּעס האָט עס איהר גאָר אזוי ניט געשראָקען, הערענדיג עס פון איהם.

די ערשטע צייט, נאָך דעם ווי זי האָט דאָס קינד אוועקגעגעבען אין אן אינסטיטושאָן, האָט פעני געמיינט, אז זי וועט עס ניט איבערלעבען. זי האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט. אבענדס, ווען זי פלעגט קומען פון דער ארבייט, האָט זי זיך פערשפּארט אין איהר צימער, און ווארפענדיג זיך אין איהר בעטיל האָט זי ביטער גע־וויינט, א שרעקליכע בענקעניס, א נאָגענעם האָט געריסען איהר הארץ, און עס האָט זיך איהר אויסגעדוכט, דאָס זי זעהט איהר איינגעלע, דעם קלייניקען מלאכ'ל, ווי ער קוקט מיט זיינע ליכטיגע אויגעלעך, אין וועלכע עס גלאַנצען קינדערשע טרעהרען, און ער בעט זיך: מאַ... מאַ... נעהם מיך צו זיך!...

אין אזעלכע מאָמענטען האָט די אָרימע פעני געפיהלט, אז איהר קאָפּ ווערט צוריסען פון די פינסטערע געדאַנקען, און זי האָט שוין אייניגע מאָל בעשלאָסען ארויסצונעהמען דאָס קינד נאָר דוד האָט זי געטרויסט, דאָס זי וועט זיך איינלעבען, זי וועט זיך צוגעוואָהנען. ער האָט איהר געצייגט אזוי פיעל פריינדליכקייט, און זי, די אָרימע, האָט אין זיין געגענוואַרט פערגעסען אויף איהרע יסורים.

זעלטענער, זעלטענער זיינען פעני'ס וויזיטען געוואָרען צו איהר קינד. אין א נייער וועלט האָט זי דוד אריינגעפיהרט: צו לעקטשורס, פערזאמלונגען, טהעאַטערע. איבעראַל האָט ער זי פאַרגעשטעלט פאר זיינע בעקאַנטע, און זי האָט זיך געפיהלט א גליקליכע, א צופרי־דענע אין איהר רעש'יגען לעבען.

דוד האָט פעני'ן קיין מאָל זיך ניט ערקלעהרט אין ליעבע. זיינע רעדעס זיינען געווען אימער אונשולדיגע, אָבער וועלכע האָבען פער'סמ'ט פעני'ס הארץ. ער פלעגט פאר פעני'ן, אזוי ווי פאר א גוטען אינטימען פריינד, אויסגיסען זיין ביטערע הארץ, מיט א וויי־בער שטימע אין וועלכער פעני פלעגט פיהלען די וואונדען פון זיין הארצען, האָט ער איהר הונדערט מאָל דערצעהלט פון זיין שרעק־

ליכען פאמיליען לעבען. זיין פרוי איז אַן אונוויסענדע, שלעכטע, ער פינסטערט אָב זיינע בעסטע יאָהרען מיט אַ פּערזאָן, וועלכע איז ענטגעגענגעזעצט אין איהר פיהלען און דענקען, זיין היים איז איהם פרעמד, אַ פּראָסט טרייבט אין יעדען ווינקעל. ער קען ניט איבער־טראָגען די שלעכטע אויפפיהרונג, איהרע מיאוסע קללות, פער־קעהרט ער בעדויערט זעהר זיין פרוי, זי איז ניט שולדיג, אַזאַ ער־ציהונג האָט זי געקראָגען. אָבער וואָס קען ער העלפען. ער האָט געטהאָן זיין בעסטעס, האָט געטרייט זי אויפקלעהרען, ענטוויקלען... נאָר זי לאַכט זיך אויס פון איהם מיט זיינע אויפקלעהרונגען....

פעני האָט פיעל מאָל בעשלאָסען געהן צו זיין פרוי, איהר צייגען ווי זי דערוויטערט פון זיך אַזאַ טהייערע הארץ, אַזאַ איי־דעלען מענשען, נור זי האָט ניט געהאַט קיין מוטה, זי האָט מורא גע־האַט זיין פרוי קען נאָך אייפערזיכטיג זיין און מאַכען אַ סקאַנדאַל.

פיעלע מאָל האָט דוד אונשולדיג בעמערקט, אַז ער בעדויערט שטאַרק וואָס ער האָט פעני'ן ניט געקענט בעפאָר ער האָט זיין שיק־זאַל פערבונדען מיט זיין שלעכטער פרוי, און ווי גליקליך וואָלט ער זיך געפיהלט מיט פעני'ן, ער וואָלט אַזאַ פרוי די פּיס געוואַשען און דאָס וואַסער געטרונקען.

און אָט די אונשולדיגע רעדען פון דוד'ן האָבען ניט פער־פעהלט זייער ציעל. פון רחמנות צו ליעבע איז וור איין שפּאַן, און אין דער ארימער פעני'ס הארץ האָט זיך אָנגעצונדען אַ ברענענדעס ליעבעס־פלאַם צו דוד'ן. זי האָט נאָך קיין מאָל געליעבט, און יעצט האָט די פרוי אין איהר ערוואַכט אין פולער קראַפט, און זי איז פערטיג געווען צו אָפּפער'ן זיך פאַר דוד'ן.

פעני האָט שווער געאַרבייט און האָט פערדיענט שעהנעס געלד. זי האָט געזעהען איהר דוד'ן אימער אַ פערזאומערטען. זיין לעבען איז געווען אַ ביטערער, און דאַצו איז ער געווען אויסער אַר־בייט, און זי האָט געשעצט זיך גליקליך מיט דעם וואָס זי קען איהם העלפען מאַטעריעל. ווען צום ערשטען מאָל האָט זי דוד'ן אָנגעמיטה געלד, האָט ער פּראָטעסטירט און כלומרשט געמאַכט זיך אַז ער האָט זיך געפונען בעליידיגט, נאָר נאַכהער האָט ער עס גע־נומען מיט אַ שמייכעל, ווי איינער זאָגט, עס קומט מיר דאָך אַ חוב.

דוד האָט געטרייט צו צייגען איהר אימער ווי טהייער זי איז איהם, און איינמאָל האָט ער איהר ערקלעהרט, דאָס זי זאָל אַוועק־ווארפען דעם שאַפּ, ער וועט איהר העלפען מיט זיין פּאָפּולאַריטעט,

זאָל זי עפענען אַ קאַפע סאַלאָן, און ער פערזיכערט איהר גוטע גע־שעפטען, דען אַלע זיינע קאַמעראַדען וועלען זיין קאַסטימער.

פעני׳ן איז געפעלען געוואָרען דוד׳ס עצה, און ניט פיעל טראַכטענדיג האָט זי אריינגעשפּאַרט איהרע עטליכע אָבגעשפּאָרטע הונדערט דאָלאַר אין אַ רעסטאָראַנט.

מיט אַ צופרידענעם שמייכעל אויף איהר סימפּאַטישען גע־זיכט איז פעני געשטאַנען דעם ערשטען טאָג פון דער ערעפענונג ביי דער קאַסע, אין איהר קאָפּ האָט זי געמאַכט חשבונות, פּלענער, זי וועט סופּרייזען איהר דוד׳ן, ער וועט זי נאָך מעהר ליעב קריגען פאַר איהר איידעלער האַנדלונג. זי, פעני האָט בעשלאָסען ביי זיך, אַז אַ געוויסען פּראָצענט פון איהרע פּראָפיטען יועט זי אָוועקגעבען פאַר דער בעוועגונג, וועלכע נויטיגט זיך אַזוי אין געלד, און דאַצו וועט זי האָבען אַ פריייעם טיש פאַר די ארבייטסלאָזע גענאָסען....

זים האָט פעני געטרוימט, גליקליך האָט זי זיך געפיהלט, ווען זי האָט געקלעהרט ווי איהר פּאָפּולאַריטעט וואַקסט, ווי איהר דוד וועט ערשט זעהען דאָס זי איז ווערטה זיין ליעבע, זיין אויפ־מערקזאַמקייט.

ליידער איז דער געשעפט ניט געגאַנגען גוט, דוד׳ס פּאָפּולאַ־ריטעט האָט ניט געהאָלפען, זיינע גענאָסען די קאַמעראַדען זיינען זעלטען ווען געקומען אין רעסטאָראַנט. די איינציגע, וועלכע האָבען אויף פעני׳ן ניט פערגעסען זיינען געווען די הונגעריגע קאַמעראַדען, וועלכע האָבען געהערט פון פעני׳ס „פריייעם טיש“, און זיי האָבען זיך ניט געלאָזט בעטען.

דיא גרויסע רענט, די אונגעהייערע אנדערע אויסגאַבען האָבען אין פערלויף פון זעקס מאָנאַטען אויפגעגעסען פענים עטליכע הונ־דערט דאָלאַר און זי איז ארוים פון דעם געשעפט אָהן אַ סענט געלד.

געהען ווידער ארבייטען האָט זי ניט געקענט, זי האָט זיך גע־פיהלט אַזוי צובראָכען פון עגמת נפש, דאַצו האָט זיא דערשפּירט דיא פרוכט פון זייער ליעבע ווי עס האָט זיך ענטוויקעלט אין איהר, און ווען דוד איז מיט איהר געזעסען און האָט גערעדט וואָס איז ווייִ־טער צו טהאָן, האָט פעני, איהם מיט ארונטערגעלאָזענע בליקען און שטילער שטימע ענטדעקט דעם סוד, אַז זי איז שוואַנגער.

אַזוי ווי אַ באָמבע וואָלט פּלאַצען אַזוי האָבען די עטליכע שטי־לע ווערטער געווירקט אויף דעם גוטען דוד׳ן, מיט אַ פלאַמענדען גע־זיכט, פייער שיסענדע אויגען האָט ער איהר מיט אַ שטרייִנגער שטי־

מע ערקלעהרט, אז ער האָט קיין מאָהל ניט ערוואַרטעט, אז זי וועט זיין אזא נאַר און דערלאָזען צו אזא פאַל אז זי זאָל שוואַנגערען, א מענש דארף מען זיין, טענה'ט דוד, האָסט עס ניט געטאָרט צולאָזען.

און די אָרימע פעני איז געבליבען זיצען, א טויטע, א דערשלאָגענע, עפּעס אזוי ווי זי איז נאָר די שולדיגע, אזוי ווי זי איז די פערברעכערן, און ער איז א כשר'ע נשמה, איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען פאר וויטאָג און שרעק פאר איהר צוקונפט.

דוד האָט איהר געראטהען מאכען אַן אָפּעראַציע. אין אָנפאַנג איז זיא געוואָרען דערציטערט, אָבער נאָך א נאַכט פון שרעק און גוואלטיגע יסורים האָט זיא בעשלאָסען איבערגעבען איהר לעבען דעם שיקזאל אין דיא הענד.

ווען פעני איז אַרויס פון האָספּיטאַל איז איהר ערשטער געדאַנק געווען לויפען צו דוד'ן, איהר ליעבען טהייערן פריינד. געטראָפען האָט זיא איהם אין א קאַפע סאַלון, און ווען ער האָט זיא דערזעהען האָט ער זיך אביסעל פערלאָרען, אָבער האָט איהר געבעטען זיצען, האָט געאָרדערט קאַפע פאר איהר און האָט זי געפרעגט וואָס זיא מאַכט.

די קאַלטקייט, זיין גאַנצע בענעהמונג האָט דער אָרעמער שיער ניט דערשלאָגען.

פעני האָט איהם ערקלעהרט דאָס זיא איז יעצט וויא אויפ'ן וואַסער, האָט ניט קיין געלד, קיין וואָהנונג, קיין אַרבייט און בעט איהם אז ער זאָל פאר איהר שאפען א צימער ביז זיא וועט זיך אַרומקוקען.

דוד האָט אָנגענומען פעני'ס האַנד און האָט איהר מיט א שטימע וועלכע האָט געציטערט, ערקלעהרט דאָס זיינע פינאַנסען זיינען ווי אַלע מאָל אויף צרות, האָט זיא געבעטען פערגעסען אויף איהם, דען ער זעהט ניט וואָס עס וועט זיין דער רעזולטאַט פון דעם, מיט זיין פרוי קען ער זיך ניט שיידען, אוועקוואַרפען וועט פעני דאָך עס ניט דערלאָזען, און אריינקומען צו איהר וועט זיא זיך ווידער אריינכאַפּען... דאָס בעסטע בעט ער זיך, פערגעס מיך פעניצקע, פערגעס מיך....

אזוי ווי א שיכורע, וואַקלענדיג פון די פיס איז פעני געגאַנגען אָהנע ציעל, דאָס האַרץ האָט געריסען, דער קאָפּ איז געווען אָנגעפילט מיט שטורעמדיגע ביטערע געדאַנקען, איין געדאַנק האָט זיא אַרומגעכאַפּט, לויפען אין קאַפע הויז, אַראָפּרייסען די מאַסקע פון

זיין געזיכט, ציינען פאר דער וועלט ווי ער האָט זי מיסהאַנדלט, ווי ער האָט זי אויסגענוצט, האָט אויסגעזויגען די זאַפט פון איהר און יעצט האָט ער זי אַרויסגעוואָרפען, אַ צובראָכענע, אַ קראַנקע, און ער וועט ווייטער שפּיעלען די ראָלע פון אַ פּיינעם, פּראָגרעסיווען און וועט ווייטער שפּרייטען אַ נעץ פאַר אַנדערע אונגליקליכע...

ביי אַ אָרימע לאַנדס־פרוי איז זיא פאַרנאַכט אַ מיעדע, אַ צובראָכענע, מיט אַ צוקרימטען געזיכט פון ווייטאָג אַרומגעלאָפען, האָט זיך ביי דער גוטער פרוי איינגעבעטען אויף לאָדזשי ביז זי וועט זיך אַרומקוקען.

אַ שרעקליכע שלאָפלאָזע נאַכט האָט די אָרימע פּעני געהאַט. די קליינע קישעלע צוקאָפּענס האָט זי געוויקט מיט איהרע טרעהרען. זי האָט אין יענער ביטערער נאַכט בעגראָבען אַלעס וואָס איז איהר אַזוי הייליג און טהייער געווען אַלע איהרע זיסע הערליכע טרוימען וועגען דער הייליגער ליעבע, פריינדשאַפט, מענשליכקייט, זיינען אין יענער מורא'דיגער נאַכט פאַר פּעני'ן אָבגעשטאָרבען....

פּעני האָט זיך צוגעשלאָגען צו א נייע ארבייט, האָט דאָס קינד ארויסגענומען פון ווייזען־הויז, און פיהרט א רוהיגען שטילען לעבען, צוריקגעצויגען פון דער גאַנצער וועלט.

איהר קינד איז איהר גאַנצער טרויסט, איהר גאַנצער נחת, זיא ציטערט איבער איהר טרייען אוצר צו וועלכען זי פיהלט אַ אונבעגרעניצטע הייסע ליעבע.

אין צייטען ווען אַ שווערער אומעט פרעסט און דריקט איהר האַרץ, דאַן שפּאַרט זי אָן איהר קאָפּ אויף איהר קינד'ס קעפּעלע, עסט זיך איין מיט איהרע ליפּען אין זיין ווייכען ווייסען געזיכט און אין דער הייליגער ליעבע צו איהר נחת דערטרינקט זיא אַלע יסורים, אַלע ערערגענדע שמערצענדע עראינערונגען...

איינע פון פיעלע

די גאָלדענע שטראהלען פון דער פריהמאָרגען זונן האָבען צו איהר אין צימער אריינגעדרונגען און האָבען געטאַנצט, געשפּיעלט אויף איהרע צוואָוואָרפענע פעך־שוואַרצע האָר. זיא ליעגט מיט וויס אָפענע אויגען, ציהט זיך פויל אונטער דער ווייסער דעקע, און אויף איהר חנ׳עוודיגען ווייסען געזיכט שפּיעגעלט זיך אָב פרייד.

א שלאָפלאָזע נאַכט האָט זי פערבראַכט, אָבער עס איז געווען פון זיסער עראינערונג; עטוואָס הייליגעס, זיסעס האָט זי דורך געלעבט, און יעצט אין דעם פריהמאָרגען פיהלט זיא זיך מיעד.

זיא וואָלט געוואָלט פארבלייבען אין בעט מיט זיך אליין, — א גרויסער יום טוב איז ביי איהר — און עס ווילט זיך איהר ניט שטערען דיעזע געטליכע הייליגקייט מיט דער וואָכעדיגער ארבייט.

א גליקליכער שמייכעל שוועבט אויף איהר צאַרט וויס געזיכט, איהרע גוטע מילדע אויגען ברענען מיט א הייליגען פייער ביי דער עראינערונג.

באָרים, דער קלוגער, דער גוטער באָרים האָט איהר נעכטען אבענד ערקלעהרט, דאָס אין איהר האָט ער געפונען דעם אידעאַל פון זיין לעבענס חברטע...

עס מאַכט איהר צום לאַכען, ווען זי שטעלט זיך פאָר די סצענע, ווי ער, באָרים, איז געשטאַנען פאר איהר א צוטומעלטער, א נערוועזער, האָט געצופּט, געריסען א שטיקעל פּאַפּיער, און האָט מיט די גוטע אויגען געקוקט אויף דעם פענסטער, און נאָכדעם ווי זיינע אויגען האָבען זיך ניט געקענט אָבשטעלען אויף איין געגענשטאַנד, נור האָבען געטאַנצט פון איינס צו דאָס צווייטע, האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט, און ער האָט זיך פערלאָרען. ניט סמיעלע האָט ער איהר האנד אָנגענומען און האָט מיט ניט קיין דרייסטער ציטערענדער שטימע געבעטען איהם ניט ענטזאגען, ערלויבען

איהם צו טרוימען, צו האָפען, דאָס זיין גרויסער וואונש מיט איהר זיך פעראייניגען, וועט פערווירקליכט ווערען.

פעניע קען באַריסען פאַר די לעצטע פיער יאָהר. געטראָפען האט זי איהם אין א ליידים ווייסט שאפ, וואו ער האט געארבייט. ער איז געווען דער קאָפּ פון דעם שאפ, ביי אַלעמען בעליעבט און רעספּעקטירט. פעניע האט אין איהם געפונען אַן אינטעליגענטען יונגען מאַן, צו וועלכען זי האט גלייך געפיהלט רעספּעקט און סימ־פּאטיע. זיי האָבען צוערשט זיך אָפט געטראָפען ביי פערזאמלונגען, ליטערארישע אונטערהאלטונגען. אָבער מיט דער צייט איז זייער פריינדשאפט געוואָרען אַ מעהר אינטימערע און באָריס פלעגט זיא בעזוכען אין איהר הויז. זיי זיינען געגאנגען אין טהעאטער, צו פּיק־ניקס און אנדערע אונטערהאלטונגען.

פיעלע שלאָפלאָזע נעכט האָט פעניע פערבראכט קלערענדיג און האָפענדיג, דאָס באָריס וועט דאָך ענדליך איהר ערקלעהרען זיך אין ליעבע. זיי זיינען דאָך פאַר אזא לאַנגע צייט ארומגעגאנגען און זי האָט זיך געפיהלט אזוי צוגעבונדען צו באָריסען, דאָס זי האָט גאָר ניט געקענט זיך פאָרשטעלען אנדערש, אז באָריס איז איהר צו־קונפטיגער חבר אין לעבען, — האָט ער אָבער געשוויגען. נאָך פיע־לע ערדעגענדע אבענדען פאַר דער אָרימער פעניען פאַסירט דאָס, אויף וואָס זיא האָט אזוי פיעל געהאָפט, און וואָס איהר הארץ האָט אזוי געגאַרט...

א זיסער שמייכעל שפיעלט אויף איהרע ליפּען, איהר ברוסט הויבט זיך פעסט אונטער דער דעקע און איהרע אויגען צינדען זיך אָן מיט אַ פלאַם פון ליידענשאפט ביי דער עראינערונג, ווי באָריס האָט זי צו זיין ברוסט געדריקט און דעם ערשטען קוס אויף איהרע ליפּען אָבגעפּרעסט.

מיט א פרעהליכער בעוועגונג איז זי ארויסגעשפּרונגען פון בעט, האָט זיך אָנגעטהאָן און אָפּכאפּענדיג דעם ברעקפעסט איז פעניע אַוועק אין שאפ.

דער פריה מאָרגען איז געווען אַ שרעקליך שטיקענדער. די לופט איז געווען אַ פייכטע, אַ שווערע, פולל מיט הייסען דאמפף, פון אַלעם האָט געשלאָגען מיט אַ קאָכענדע זודיגע היטץ. פעניע איז געגאנגען לאנגזאם איבער די געפּאקטע גאסען. זי האָט געוואָלט וואָס לענ־גער צו פערבלייבען אונטער דעם פרייעם קלאָרען הימעל. זי האָט זיך געפיהלט גליקליך, ניט מעהר עלענד, ניט מעהר אליין... און א

זיך געטליכע מעלאָדיע האָט איהר געזונגען א ליעד פון הייסע היימלי־
כע ליעבע, טרייע איבערגעבענהייט.

מיט א גוטער שטימונג איז פעניע געקומען אין שאַפּ. אויף
אלעמען געקוקט מיט ליעבע, מיט פריינדליכקייט. זאָגאָר דעם פאָר־
מאן, וועלכען זי האסט, אפילו ער, דער אונוויסענדער קעריל, ווי פעניע
האָט איהם גערופען, האָט אין איהרע אויגען בעקומען חן.

עס רוישען, עס שטורמען, עס ברויזען די מאשינען. אלע זיינען
ארייגעטאָן מיט זייערע חושים אין דער ארבייט, און פעניע זיצט ביי
דער מאשין, איהרע הענד בעוועגען זיך מעכאניש, אבער איהרע גע־
דאנקען זיינען יעצט ווייט פון דאנען. זי זעהט זיך ענדליך מיט איהר
באָריסען פערהייראטה.. האָבען אויפגעפיקסט א שעהנע הויז, א בעל
הבית'טע פאר זיך. עס זינגט, עס שמעקט אין יעדען ווינקעלע. זי איז
די קעניגין פון דעם שיינעם רוהיגען היים, אלע חבר'טעס זיינען איהר
מקנא.. זי שטעלט זיך פאָר ווי איהר ליבער באָרים קומט פון דער אר־
בייט א מיעדער, ווי זי קומט איהם אנטקעגען. קוסט אראָב די מיעד־
קייט פון זיין געזיכט און מיט איהרע לאָסקעס פערטרייבט זי די
זאָרג.. און עס דוכט זיך איהר, דאָס זייער קליינינקע היים איז א גן־
עדן, זייער לעבענס וועג איז אויסגעשפרייט מיט רייכע בלומען, שעה־
נע ראָזען און אונשולדיגע ליליען... פון אזעלכע רייכע הערליכע גע־
דאנקען פאנגט אָן ביי דער אָרימער פעניען דאָס הארץ צו ציטערען.
איהרע אויגען פיהלען זיך אָן מיט פריידען־טרערען, און איהר מיל־
דעם געזיכט ווערט ווי איבערגעצויגען מיט אַן אונענדליכען גליק און
רוהע־זעליגקייט..

— מיסס! — האָט פלוצלונג א גרילץ געטהאָן דעם פאָרמאן'ס
קול, — דאָ איז דאָך ניט קיין יוניווערזיטעט! טראַכטען וועט איהר
זונטאג — איהר הערט — דאָ ארבייט מען. אויב איהר ווילט
שלאָפען זיצט מען אין דער היים!

און איידער זי האָט צייט געהאַט זיך א קעהר צו טאָהן איז ער
זיך גאַנץ גלייכגילטיג אוועק פון איהר מאשין.

פעניע האָט אויפגעציטערט פון אויפרעגונג. מיט א ביטערען
בעס האָט זיא נאָכגעקוקט דעם פאָרמאַן, אן עקעל האָט זי דערפיהלט
צו דיעזען פרעכען קעריל, וועלכער האָט פאראונרייניגט איהרע הער־
ליכע געדאנקען. מיט פערביסענע ליפען האָט זיא דיא בעליידי־
גונג פארשוויגען, וועלענדיג זיך פארטומלען, פערגעסען אָן זיין
פרעכהייט, האָט זי זיך איבערגעבויגען איבער דער ארבייט און גע־
נומען יאָגען די מאשין.

פעניע האָט שוין ניט מעהר געקענט קומען צו איהר פריהערי־גע שטימונג. ביטערע טראָפּענס זיינען אריינגעגאָסען געוואָרען אין איהר זיסען בעכער.

נאָכמיטאג האָט פעניען אויסגעפּעהלט לייס צו פינישען דעם באַנדעל ארבייט, און זיא איז געבליבען זיצען. פון אימער האָט זי פיינט געהאַט ביי מר. בוריקען צו בעטען לייס. ער פלעגט זיך אַלע מאָל דינגען, עפּעס אַזוי ווי מען נעהמט עס פאר זיך. יעצט האָט זי נאָך מעהר געפיהלט דעם האַס און עקעל פאר דער חוצפה'־דיגער האלטונג, און זי האָט זיך געווענדעט צו איהרע אַ שכנה:

— פּלים, עני, פּיעלייכט האָט איהר אַ שטיקעל לייס, איך דאַרף נור איינינגע יארד צו ענדיגען.

— איך האָב אין דער ערד, דעם גראָבען יונג, — האָט גע־ענטפערט שטיל איהר שכנ'טע, — ער האָט מיר שוין פריהער צו־געטהיילט געגוג צרות.

פעני האָט דערפיהלט אַ ווילדען צאָרן צו דעם בלוט צאַפּער, און מיט אַ פעסטען שטאָלץ האָט זי זיך געווענדעט צום פאַרמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט:

— מר. בוריק, פּלים גיט מיר לייס, עס פעהלט מיר אויס צו פינישען די ארבייט.

— וואָס ווילט איהר, לייס? געהט און קויפט עס, וואָס איז עס פאר אַ מאָנקי ביזנעס, — האָט דער פאַרמאַן זיך צושריען אויף די העכסטע טענער, — מען האָט אונז לעצטען סיזאָן בע'גנב'עט אין אַ פיער הונדערט דאָלאר לייס, — איהר ווילט פאר זיך נעהען ווייסטלעך! איהר דאַרפט לייס! — קויפט מען עס! די פירמא איז ניט מחויב אייך צו בעזאָרגען מיט פריי לייס?!

פעניע איז געבליבען זיצען ווי פּאַראַליזירט. עס איז אפילו ניט דאָס ערשטע מאָל, אָבער דאָך האָט ער זי נאָך קיין מאָל ניט בעשולדיגט אין גנב'ענען. גראָדע פאר איהר האָט ער עפּעס גע־האָט מעהר רעספּעקט, און פלעגט צו איהר אימער פאַרטרויען אַ סוד, אַז די מיידלאך גנב'ענען גאַנצע פּעקלאך מיט לייס. עס פלעגט אין איהר ברענען אַ גערעכטער צאָרן געגען דעם פאַרמאַן פאר אַזעל־כע בעשולדיגונגען. יעצט איז זי אויפגעשווידערט געוואָרען פון דיע־זער ווילדער בעשולדיגונג דאָס זי נעהמט לייס צו נייען ווייסטלעך פאר זיך.

פעניע האָט מיט אַ שטימע געשטיקט פון טרעהרען, שאַרף פּראָטעסטירט און האָט הארציג גע'טענה'ט:

— מר. בוריק, איך וואָל געוואָלט דאָס איהר זאָלט פערשטעהן דאָס אַז ארבייטער איז אויך אַ מענש, האָט אויך עהרען־געפיהלען. עס איז טאַקי אמת דאָס איהר האָט אונז אַלעמען אימער בעליידיגט, ערנידעריגט — אָבער אויף אַלעס איז דאָ אַ גרענעץ, מיין הערר, צו בעשולדיגען אין גנבה — דאָס איז ערגסטע. איך פאָדער אייך אויף, — אָדער איהר זאָלט בעווייזען אז אייער בעשולדיגונג איז וואָהר, אָדער איהר זאָלט עס צוריק־ציהען.

דער פאָרמאַן איז אויף אַ מאָמענט געבליבען שטעהן צוטור־מעלט. זיינע גרויסע, אויסגעבולקעטע אויגען האָבען געקוקט פאר זיך תמ'עוואטע, און ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפער האָט ער אַ טראַכט געטהאָן:

„די ארבייטער האָבען מן־הסתם זיך פעראייניגט, זיי האָבען געמאַכט אַ יוניאָן, און ווי קען עס אנדעריש זיין?" קלערט ער. — פון וואַנען קומט אַזאַ ענטשלאָסענהייט און שאַרפער פראָטעסט פון אַן ארבייטער?" אָבער ווען מר. בוריק האָט דערזעהען פאַר זיך דיא לעקערשע בליקען, די חניפה שמייכלען פון פיעלע ארבייטער, האָט ער זיך בערוהיגט. ער האָט געזעהען אז עס איז ניטאָ קיין סכנה, די שקלאַפען זיינען לאָיאַל, און ער האָט מיט פרעכהייט זיך געווענ־דעט צו פעניען.

— מיסס פעניע, אַלע מאָל פעהלט ביי אייך לייס, מען גיט אייך אויסגעמאָסטען און עס איז ניט אונזערע ביזנעס וואָס איהר טהוט מיט דעם, איהר זייט רעספאָנסיבל, עס טאָר ניט פעהלען, חוץ דעם דיינק איך, דאָס בעסטע פאַר אייך איז צו פערלאָזען דעם פלאַץ, איהר וועט דאָ ביי אונז גאָר ניט אויפטהאָן מיט אייערע סאָציאַליס־טישע געדאַנקען. יעדער וואָס וויל דאָ ארבייטען מוז געהאָרכען די רולס פון דער הויז, — איהר פערשטעהט וואָס מען רעדט צו אייך. מיר דאַרפען ניט קיין סטרייקערס, קיין חוצפה'דיגע ארבייטער.

די פרעכהייט פון פאָרמאַן, די הינטעשע אונטערטהעניגקייט פון די ארבייטער, וועלכע האָבען אזוי נאַריש געשמייכעלט, — דאָס האָט פעניען כמעט ווי צובראָכען, און אָהן אַ וואָרט צו זאָגען, מיט אויגען פול טרעהרען, איז זי אוועק פון שאַפּ.

אַ ־יעדע, אַ צובראָכענע איז זי געקומען אַהיים, איז אריין אין איהר רום, האָט מיט אַ עררעגענדער נערוועזיטעט פון זיך אַלעס אראָבגעוואָרפען און האָט פון שוואַכקייט אַ פאַל געטהאָן אויף איהר בעטעל.

ביטערע יאוש געדאנקען האבען געשטורעמט אין איהר קאפ, און א טיעפער וויטאג האט דאס הארץ געריסען.

אלע איהרע זיסע, הערליכע פאנטאזיען האט דער פארמאן מיט חוצפה צושטערט. ער האט זי ארויסגעשטויסען פון די שעהנע טרוימען צו דער ביטערער ווירקליכקייט.

קיין מאל האט זי זיך ניט געפיהלט אזוי צובראכען, אזוי הילפ־לאז. קיין מאל האבען פערצווייפלונגס געדאנקען זי אזוי פערטרונ־קען ווי יעצט...

זי שטעלט זיך פאר איהר באריס, דער קעניג פון איהר הארצען. זי זעהט איהם ווי ער זיצט אין שאפ ביי דער מאשין, און ער ווערט אויך געטראטען, בעשימפפט פון זיין פארמאן, פון זיין באס, — זי ווייס אז אין אלע שעפער איז דאס זעלבע.

זי ליעגט די ארימע, פרעסט די צופענדע הארץ מיט די צי־טערענדע הענד און ביטערע געדאנקען שלענגלען זיך אין איהר פי־בער־ברענענדען מארך....

אט, קלערט זי, איז איהר באריס יעצט נאך א סינגעלמאן, צו קיינעם ניט פערפליכטעט, ער איז מעהר זעלבסטשטענדיג. ווען ער ווערט ערנידעריגט, בעליידיגט פון א באס אדער פארמאן, דאן קען ער אלס מענש מיט זעלבסטווירדע, מיט פעראכטונג און עקעל א שפיי טהאן דעם דריקער און בעליידיגער אין געזיכט, און אוועק פון דעם שאפ וואו מען זוכט אין איהם צו טויטען דעם מענש. קיינער וועט דאך ניט ליידען, קיינער וועט ניט הונגערן פון דעם רעזולטאט פון זיין שטאלצער האנדלונג, — קיינער, נור ער אליין. אבער ווען ער וועט מיט איהר זיך פעראייניגען, ווען זיי וועלען אויפ־בויען פאר זיך א היים, וועט ער פיהלען א דאפעלטען יאך, און ווען א ברוטאלער פארמאן אדער באס וועט איהר ליבינקען באריס בע־ליידיגען, זיין בלוט פערגיסען, וועט ער עס מוזען פערשווייגען; מיט א געבויגענעם רוקען וועט ער אלעס דערשטיקען אין זיך, וועט מורא האבען, פיעלייכט ווערט ער ארבייטסלאז, וואס עס מיינט — ברויטלאז, און דאן וועט זי, זיין פעניע הונגער ליידען, זי קען דאך איהר גוטען באריס. זי ווייס, ער וועט לאזען זיין הארץ פערבלוטען, — ער וועט אלע גייסטיגע ליידען פערטראגען, אום זי — זיין פעניע — פון נויטה און לייד צו בעשיצען. און פעניע שוידערט אויף פון א נייעם געדאנק.

עס קען נאך אין זיין מח זיך ענטוויקלען א געדאנק. דאס זי,

פעניע, איז די שולדיגע אין זיין ערנידעריגונג, אין זיינע גייסטיגע יסורים, אין אנשטאָדט ליעבע, זאָל אין זיין אָנגעווייטאָגטער הארץ אויפפלאַמען אַ האַס צו איהר, די אורזאַכע פון זיין זינקען, פון זיינע יסורים...

און פון דיעזען ביטערען געדאַנק דערפיהלט די אָרימע פעניע ווי עס ווערט איהר פינסטער אין די אויגען. עפּעס פיהלט זי ווי אַלע אברים וואָלטען פאַראַליזירט געוואָרען. איהר הארץ ווערט געדריקט, געריסען. זי בלייבט ליגען מאַכטלאָז, קוקט מיט גרויסע גלעזערנע אויגען אין דער טונקעלהייט, מיט וועלכען דער אבענד האָט אָנגעפיהלט דעם צימער.

האט זיך פערלארען.

זי זיצט און קוקט אריין אין דעם בוך, וואס ליעגט פאר איהר, זי זעהט פאר זיך געדיכטע שורות, שווארצע פאסען, און די ווערטער טאנצען, שווימען און גיסען זיך צוזאמען.

מיט ביטערניס האט זי דאס בוך פון זיך אוועקגעשמיסען, א מיעדע, א צובראכענע האט זי זיך צוגעשלעפט צום פענסטער פון איהר קליינעם צימערעל, שווער האט זי זיך אראפגעלאזען אין דעם טשער, און אנשפארענדיג איהר פיבער ברענענדען קאפ אן דער קאלטער גלאז פון פענסטער האט זי געקוקט מיט א פערצווייפעלטען בליק אין דער טונקעלהייט פון דער נאכט...

א גרויסע, זיסע, דאך שרעקליכע עראייגניס האט פאסירט אין איהר לעבען, א לאסקענדיגער כישופס־געפיהל האט איהר גאנצען וועזען, איהר נשמה ארומגעכאפט, און זי פיהלט דאס איהר לעבענס־וועג נעהמט איין אנדער ריכטונג.

א דונקעלעם געפיהל שרעקט זי פאר דאס אונבעשטימטע, און אין דער זעלבער צייט צוגיסט זיך איבער איהר קערפער א צערטליכקייט, א מחיה'דיגע פרישקייט, און זיסע טרוימען וויגען זי איין.

זי זיצט און עס שליינגלען זיך אין איהר מוח פערשיעדענע ביטערע, זיסע געדאנקען, אין איהר פיבער־ברענענדען קאפ שווימען דורך געלעבטע בילדער.

אין איהר פאנטאזיע טראגט זי זיך אוועק צוריק אין איהר געבורטס־לאנד, דארט צווישען צוויי ריעזיגע בערג, געדיכטען וואלד און גרינעם טהאל, אונטער די שאטענס פון מעכטיגע בוימער, סאמעט־ווייכע בלעטער — דארט שטעהט א הייזקע, דארט אין דעם רייכען נאטורס אוצר איז זי געבארען און אויפגעוואקסען.

אונטער א קלאהר ריינעם בלאהען הימעל, אונטער די גאלדענע שטראהלען פון דער געטליכער זון, צווישען דעם גרויסען וואלד, דעם

רופטנדרען אראמאט פון גרינע בלעטער, טיפע גראזען און שמע־קענדע ווילדע בלומען האט זי זיך אלס קינד זיערוזעהען.

א זארגלאזעס נאטורס־קינד איז זי געווען, איהרע באקען האבען געבליהט און געברענט פון דעם הייסען בלוט, וואס האט אין איהר געקאכט, איהרע אויגען האבען געקוקט פאר זיך מיט פרייד, איהר יונגער שטייפער קערפעריל האט געבלאזען מיט פרישען זאנפטיגען לעבען...

גליקליך איז בעקי געווען אין איהרע קינדער יאהרען, פריי, גליקליך, זארגלאז איז געשוואומען איהר לעבען אין דעם רייכען נא־טורס־אוצר, געפפלעגט און אויפגעפאסט פון א גוטען טאטע־מאמען.

איהר חברים און חבר'טעס זיינען געווען די ריעזען־בוימער, די רויצענדע אונשולדיגע בלומען, און די טיפע גראזען...

בעקי זעהט זיך עלטער, זי וואקסט קערפערליך און גייסטיג, און וואס עלטער זי ווערט אלץ שטארקער ווערט אין איהר דער פער־לאנג פאר גייסטיגע נאהרונג, א פלאמענדער חשק כאפט זי ארום, לערנען וויל זי, אבער זי זעהט ווי איהר גרויסער בעגעהר ווערט ווי געפאנגען אין א תפיסה ; אין דעם וואלד וואו זי לעבט און וואקסט איז ניטא קיינע מיטלען איהר וואונש צו פערווירקליכען, און אין איהר פאנטאזיע מאהלט זיך א בילד פון דעם שטאדטישען לעבען מיט אלע איהרע איינריכטונגען....

און בעקי דערמאהנט זיך, איהר פאטער האט געקראגען א בריעף פון א גוטען פריינד פון אמעריקא, מיט שעהנע רייכע פארבען מאלט ער דעם גרויסען האנדעל און פראגרעס, און צווישען אנדערעס שרייבט ער : „מיר דא אין אמעריקא האבען די בעסטע שולען, בילדונג איז דא פריי, און יעדער שוסטער, ווען ער האט נאר קאפ און חשק, קען די שעהנסטע פראפעסיאן ערלערנען.

בעקי געדיינקט יענעם הערליכען מאמענט. זי האט זיך גע־פיהלט ווי אויפגעהויבען פון דעם טהאל פון פינסטערנים, גליקליך איז זי געווען אין איהר בעוואוסטזיין, דאס עס איז דא אויף דער וועלט א פלאץ וואו בילדונג איז פריי...

אין א שעהנעם אבענד האט בעקי פאר די עלטערען אויסגע־גאסען איהר הארץ.

וואס וועט זיין דער תכלית פון איהר זיצען אין וואלד ? זיא וויל לערנען, א זעלבסטשטענדיגער מענש וויל זי ווערען. זי ווייס דאס דער גוטער פאטער האט ניט די מיטלען אום איהר צו געבען

די נויטיגע בילדונג, צו וועלכער זי שטרעבט, און דאַרום בעט זי טאַטע־מאַמע ערלויבען איהר אין אַמעריקא צו פאָהרען.

עס לעבט אויף אין איהר היים ברענענדען קאָפּ די סצענע... זי זעהט ווי דעם פאָטערס געזיכט ווערט ווי מיט א שוואַרצען וואָל־קען בעצויגען, און די אָרימע מאַמע איז נעבאך געבליבען זיצען א בלאַסע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, און דער טאַטע טענה'ט האַרציג:

„בילדונג, מיין קינד, איז א גוטע זאַך, נור דו ביזט דאָך ניט מעהר ווי א אידישע טאָכטער ; דיין מאַמע האָט אויך קיין ביל־דונג גענאָסען פון דעסטוועגען, אויף אלע אונזערע גוטע פריינד גע־זאָגט געוואָרען וואָס פאר א רוהיגען זיסען לעבען מיר פיהרען.

„שלאָג זיך ארויס פון דיין קעפּעלע די אַלע חלומות, לערען זיך בעסער צו זיין א גוטע בעל־הבית'טע, און גלעטענדיג איהרע האָר האָט ער א פאָטערליכען קוש אָפּגעפּרעסט אויף איהר הייסען שטערן...

בעקי האָט ניט מעהר גערעדט ; זי האָט ניט געוואָלט אָנטהאָן קיין יסורים איהרע ליעבע עלטערען. אָבער דער וואונש וועלכער איז אין איהר געבאָרען געוואָרען האָט מיט דאָפּעלטער מאכט ער־וואַכט אין איהר, און זיא, די פרעהליכע וואלדקינד איז פערטרונקען געוואָרען פון א שווערען אומעט. איינג איז איהר געוואָרען אין דעם גרויסען וואלד, ניט מעהר האָבען די ריעזען־בוימער זי געפּרייצט. נור פאַרקעהרט, א שרעק האָבען זיי אויף איהר ארויפגעיאָגט, זי האָט אין זיי געזעהן מצבות נאָך איהרע הערליכע וויגשע און טרוימען...

ענדליך נאָך א לאַנגען ישוב הדעת האָבען טאַטע־מאַמע מיט וואונדען אין הארצען און מיט א שווערען געמיטה בעקי'ן געגעבען א ברכה אויף איהר לאַנגען, שווערען וועג קיין אַמעריקא.

און אזוי האָט זי אויסגעביטען די רייכע, שעהנע נאַטור — אויף דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט־שטאָדט.

אנשטאָט ריעזען־הויכע בוימער, סאַמעט־ווייכע בלעטער, — אויף מעכטיגע ריעזען טענעמענט הייזער.

אנשטאָט די מיט גרין בעדעקטע פעלדער, די פרישע פּאַרפיו־מען פון דעם וואלד בלומען — אויף היים אָנגעגליהטע שטיינערנע טראָטואַרען און ענגע לופטלאָזע גאַסען.

אָנשטאָט א גוטען טאַטען, א טרייע מוטער און א רוהיגע היים, — אויף אַן עלענד לעבען פול מיט שטורם און שרעק...

דאָך, בעקי האָט זיך געפיהלט צופריעדען, מיט א טיעפען וועה פלעגט זי זיך דערמאָהנען אָן דער היים, אָן די גוטע עלטערען, שוועס־טער און ברידער, אָבער דער גרויסער וואונש צו לערנען פלעגט פאר־טרינקען יענע פרעסענדע געדאנקען, און שעהנע הערליכע פאנטאזיען האָט זי געזעהן. זי האָט געהאָפט צו עררייכען א הערליכע שטעלע אין דעם מענשליכען לעבען, זי האָט געטרוימט צו זיין א ציערונג, א שטאָלץ פאר איהרע גוטע עלטערען.

דריי יאָהר ווי זי איז אוועק פון די טרייע עלטערען, רוהיגע היים, און דעם געהיימניס־סודות'דיגען וואלד. זי, די נאטור־קינד. האָט אונטער דער אָנשטרייגענדער ארבייט, די שטיקענדע אטמאָס־פערע פערלאָרען די רויטע געזונטע פארב פון איהר שעהנעם געזיכט.

א בלאסע, א שוואכע איז בעקי, נור אין איהרע גרויסע שעהנע אויגען ברענט נאָך דער הייליגער פייער פון איהר נשמה.

מיט דעם געדולד פון א מארטירערין האָט זי איבערגעטראָגען דעם שווערען אומעט־לעבען, אָהנע צו בעקלאָגען זיך האָט זי זיך צו־געפאסט צו דער ניט־שכל'דיגער ארבייט — אָבער דערפאר האָט זי געהאט א גייסטיגע בעפריעדיגונג. —

זי לערנט... זי שטודירט.

פלוצלונג, און עטוואס האָט פאסירט אין איהר לעבען, וואָס האָט אָפגעשטעלט אלע איהרע פריהערדיגע פערלאנגען. עפעס שטאר־קערעס, זיסערעס איז אין איהר אויסגעוואקסען, אן אונבעקאנטער כישוף־געפיהל צוגיסט זיך איבער איהר קערפער, פערטרינקט איהר הארץ און באָדט עס אין א ים פון ווייכע לאסקעס...

ווי א שיכור'ע, וואקלענדיג זיך פון די פיס האָט זי זיך אויפגע־הויבען פון דעם טשער, א צובראָכענע האָט זי זיך אין בעט אריינ־געוואָרפען, און איינגראָבענדיג טיעפער איהר פיבער־ברענענדען קאָפּ אין די קישענס, האָט איהר קערפער מאָמענטענווייז אויפגע־טרייסעלט ווי פון א קאָנוואולסיווען שלוכצען...

* * *

ביי גוטע בעקאנטע האָט זי זיך מיט באָרים'ען געטראָפען. דעם ערשטען מאָהל אריינקוקענדיג אין זיינע גרויסע, קלוגע אויגען האָט אין איהר קאָפּ אויפגעשווינדעלט און איהר הארץ האָט זיך א צאפּעל געטהאָן... נאָך קיין מאָהל האָט א מאן אין איהר ארויסגע־רופען אזעלכע געפיהלען.

פיעלע מאָהל האָט זי זיך געפרעגט, וואָרום ווערט איהר אזוי

גאָט־מחיה'דיג, וואָרום ווערט איהר קערפּער ווי אָנגעצונדען פון א פלאַם, וואָרום ציטערט איהר דאָס הארץ ווען זי איז אין באָרים'ס געזעלשאַפט ? וואָרום פיהלט זי זיך אזוי עלענד, און א שרעקליכע בענקעניש כאַפּט זי אַרום ווען זי איז אליין ?

באָרים איז געווען א מאַן כמעט צוויי מאָהל אזוי אלט ווי בעקי, ער איז אַן אינטעליגענטער מאַן, זיין געזיכט איז עדעל, זיין קאָפּ בעציערט א וואלד מיט פעך שווארצע האָר, זיין הויכער שטערען שפּיגעלט אָפּ דיינקען, און די גוטע גרויסע אויגען דריקען אויס גוטסקייט ער, באָרים, איז א טאַטע פון קינדער, און די נאאיווע אָרימע בעקי, וועלכע האָט זיך גערעכענט אלס טוגענהאַפטע פריילין, האָט איהרע געפיהלען צו באָרים'ען צוגערעכענט — אלס רעספּעקט פאַר וויסען און עדעלקייט...

אבענדס ווען בעקי פלעגט ליעגען איבער די ביכער, האָט זי זיך געפיהלט אַן עלענדע, א צובראָכענע, דער גאַנצער לערנען האָט פאַר איהר פערלאָרען דעם הייליגען צויבער, מיט וויטאָג אין הארצען האָט זי זיך אָוועקגעקעהרט פון די ביכער, פון דעם לערנען. צו באָרימס געזעלשאַפט האָט איהר געצויגען, זיינע לאַסקענדיגע בליקען צו פיהלען אויף זיך האָט זי געגארט... עפּעס מאָדנע געדאַנקען פלעגען זיך צו דער אָרימער אין קאָפּ אריינרייסען. זי האָט זיך געשראָקען, געשעהמט פאַר זיי און האָט געזוכט מיט געוואלד דיעזע מאָדנע געדאַנקען צו פערטרייבען...

אָבער די געדאַנקען, וועלכע האָבען זי צוערשט געשראָקען — האָבען באַלד געפונען ניט נאָר ביי איהר אין קאָפּ, נור גאַנץ טיעף אינ'ם הארצען...

ענדליך איז דער סוד פון איהרע געפיהלען צו באָרים'ען קלאָהר געוואָרען, איהר הארץ ווערט פארצערט פון א ברענענדען ליעבעס־פלאַם אָפּט און עס פלעגט איהר אַרומכאַפּען א געדאַנק:

ניט פערצווייפלען... זי ליעבט באָרים'ען ערנסט, היים. אויך ער ליעבט זי פייערליך. וואָס קימערט איהר די וועלט, די מענשען, זי ליעבט און וועט געניסען.. פון דעם ליעבעס בעכער וועט זי טרינקען, אזוי לאַנג, אזוי פיעל ביז עס וועט זיך לאָזען, און דאַן... וואָס הארט איהר פאַר דעם רעזולטאַט?!...

אין אזעלכע מאָמענטען פלעגט אין איהר ברענענדען מוח עג־בערען שטורעמדיגע געדאַנקען. א ביטערער האַס פלעגט איהר אַרומכאַפּען צו אלעס, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישען איהר און

איהר ליעבען באַרים... אָבער עס פלעגט נאָר דויערן א מאָמענט און דאַן פלעגט זי צוזאַמענברעכען פון יסורים...

שוין פיעל מאָהל ווי זי האָט געפאָדערט פון באַרים'ען צו גע־פינען א וועג ווי ארויס פון דיעזען צויבער־נעץ... נור זי האָט עס פערלאַנגט מיט א האַלבען מויל, זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם גדאַנק, פיעלייכט וועט זי באַרים'ען פערטרייבען, ער וועט זי פער־לאָזען....

ענדליך האָט די אָרימע בעקי געפאַסט א פעסטען בעשלוס — לייגנער קען עס אזוי ניט זיין, זי פיהלט דאָס די גייסטיגע ליידען וועלען זי אין גאַנצען דערדריקען. — און יעצט ערוואַרטעט זי איהר ליעבען באַרים'ען, זי וועט פאַר איהם וויינען, בעטען, זאָל ער זי פערלאָזען אליין אין איהר שווערען אונגליק, זאָל ער געהן צו זיין פרוי, צו זיינע קינדער....

— יאַ, אזוי בלייבט עס, — רעדט זי צו זיך מיט א ציטערענדע שטימע, און איהר הארץ נאָיעט און ווערט צוריסען...

נעוואר מיינד! שטאַרקט זי זיך, אין דעם נאָמען פון זיין הייליגער ליעבע צו מיר וועל איך איהם בעטען מיך מעהר ניט בע־זוכען, אויסמיידען און פערגעסען מיך...

און זי פיהלט זיך עפּעס ווי העכער, ריינער, — ארויסגעריסען פון דעם כישוף־נעץ...

א קלאַפּ אין טהיר האָט די אונגליקליכע אויפגעוועקט פון די יאוש־גדאַנקען, אויף איהר ענטפער איז אין צימער אריין באַרים, וועלכער ווי אימער האָט זי מיט א העללאָא געגריסט, און האָט זיך שטיל אראָפּגעלאָזען אין א טשער, וועלכער איז געשטאַנען קעגען איבער דעם בעטעל וואו בעקי איז געלעגען...

בעקי איז געבליעבען זיצען אין א האַלב־ליעגענדער פּאָזע, און אויף באַרים' פראַגע וואָס עס הערט זיך, — האָט זי שטיל גע־ענטפערט. א שוויים האָט ארויסגעטראָטען אויף איהר שטערן, איהר קערפּער האָט אויפגעציטערט ביי דעם גדאַנק דאָס באַלד און זיא וועט באַרים'ען, איהר נשמה, אוועקשיקען... ארויסרייסען א שטיק הארץ וועט זי....

א שווערע, דריקענדע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם צי־מער. בעקי האָט זיך געמאַטערט, האָט ניט געוואוסט ווי אָנצופאַנ־גען, עפּעס האָט זי אינסטינקטיוו געפיהלט, דאָס איהר פריהערדיגער פעסטער בעשלוס וועגען אוועקשיקען באַרים'ען — וואַקעלט. זיא האָט געפיהלט דאָס זי איז עס ניט בכח צו טהאָן.

און באָרים האָט זיך אַלע מאָהל, ווען ער איז געווען אין איהר געזעלשאַפט, געפיהלט ווי אַ שרעקליכער מערדער, ער האָט זיך געהאַסט אַלס אַ פערדעטער צו זיין פרוי און נאָך מעהר האָט איהם פאר זיך געעקעלט דערפאר וואָס ער האָט זיך אריינגעריסען אין בעקי׳ס לעבען און האָט עס רואינירט... און דארום פלעגט ער אימער זיצען ווי אַ פעראורטהיילטער...

ענדליך האָט זי מיט אַ ציטערענדע שטימע, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, דערמאָהנט באָרים׳ן אָן זיין פפליכט. איך בעט דיך, טהייערער, טענה׳ט זי מיט אַ שטילער, אין טרערען־דערשטיקטער שטימע, פערלאָז מיך! געה צו דיין פרוי, געה צו דיין קינדער... לאָז מיך איבער מיט מיינע ליידען. איך ליעב דיך. אָבער אין דעם נאָמען פון אונזער ליעבע — אַנטלויף פון מיר ביז עס איז ניט שפּעט... איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַן אָרימע פערליעבטע פרוי... איך בין בערייט צו ליידען! זאָל מיין הארץ אויפגעפרעסען ווערען פון דעם פארצעהרענדען ליעבעס־פלאם... אָבער מיין געוויסען זאָל זיין ריין. זאָל אין מיינע אויערען ניט קלינגען די שטימע פון דיין פרוי און קינדער, וועלכע וועלען שעלטען די פערדאמטע פרוי, וועלכע האָט גערויבט פון זיי זייער בעשיצער, זייער אלעס.... לאָז מיך אליין מיט מיינע יסורים, מיט מיינע וועהען...

איהר געזיכט האָט אָנגעפאנגען צוקען, און די ווינקלען פון איהר מויל האָבען זיך אויסגעקרימט, און צובראָכען פון דאָס אימערלעבטע איז זי מאַכטלאָז אַ פאַל געטהאָן אין בעט און האָט אויסגעבראָכען אין אַ הערצרייסענדען שלוכצען...

באָרים איז געבליעבען זיצען ווי א פאראַליזירטער, עפּעס האָט זיך איהם ווי אָפּגעריסען אין הארצען, אין די אויגען האָט איהם אויפגעשווינדעלט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.. ביין איז ער געווען אויף זיך, אויף דער שוואכקייט פון זיין כאראקטער... זעהענדיג בעקי׳ן אזוי פערצווייפעלט, האָט אין איהם ערוואכט אַ בעגעהר זי צו כאפּען אין זיינע אָרעמס, אראָפּקושען די טרעהרען פון איהרע אויגען... קושען דעם בלאַסען מארטירער־געזיכט און מיט זיין שטארקער ליעבע בעצאָהלען איהר פאר איהרע יסורים... —

און ווי געשטופּט פון אַ העכערע קראפט, האָט זיך באָרים געזעגנט בעקי׳ן און האָט זי צוגעצויגען צו זיך...

בעקי האָט אויפגעטרייסעלט.... זי האָט געטרייעט זיך צו בעפרייען פון באָרים׳עס אומארמונג, נור די בעריהרונג פון זיין קער־

פער האט זי ווי עלעקטריזירט, זי האט נאך א מאהל געפרופט אפרייסען זיך פון באריס'ען און מיט שרעקליך־שווערער אנשטריינגונג האט זי זיך האלב־אויפגעשטעלט, נור פלוצלונג האט זי דערפיהלט א שטוים פון עפעם אונבעשטימטעס, עס האט זי ווי א שליידער געטהאן, איהר גאנצע בלוט האט איהר א שלאג געטהאן אין געזיכט, איהר גאנצער קערפער האט אויפגעטרייסעלט און זי איז מאכטלאז אריינגעפאלען אין באריס' ארעמס...

זי האט געפיהלט זיין הייסען ברענענדיגען אטהעם, א שטראם פון א שטארקען ליידענשאפטס־געפיהל האט זי ווי פערטרונקען... זי האט געברענט פון זיינע זודיגע קושען, און מיט פיבער־ברענענדע ליפען האט זי געקושט זיין געזיכט, דעם שטערען און האט מיט ציטערנדע הענד געגלעט זיין קאפ, די גרויסע שווארצע האר...

ערגעץ ווייט, ווי פון אונטער א שווארצען פארהאנג, פון זעהר ווייט, האט די ארימע בעקי געהערט א שטימע, וואס האט צו איהר געשעפטשעט פון פליכטען, פון איהר פעסטען בעשלוס. נור די שטימע איז געווען אזוי שוואך, אזוי קליין אין פערגלייך מיט דעם ווילד־ברויזענדען ליידענשאפטס־געפיהל, וועלכער האט זי ארומגעכאפט און האט זי ווי אנגעצונדען... פעסטער, שטארקער האט זי זיך געטוליעט צו באריס'ען, מיט פערמאכטע אויגען, צונטער רויטען געזיכט האט זי מיט איהרע פיבער ברענענדע ליפען געזוכט זיינע... און ווען זייערע ליפען האבען זיך געטראפען, זיינען זיי ווי צונויפגעוואקסען... פון צייט צו צייט האט איהר קערפער אויפגעציטערט פון הייסער עררעגונג... און שטיל האט זי געקרעכצט פון זיסער בעפרידיגונג...

געדאנקען פון א סטאָר קיפּער.

די וויזערס פון דעם גרויסען וואנד זייגער צייגען שוין עלף אוהר אין דער נאכט.

עס איז שטיל אין גאס.. שטיל אין סטאָר...

איך קוק אויף דעם זייגער, קוק אויף די וויזערס וועלכע רוקען זיך פאָרווערטס... באלד, און איך וועל ווערען פרייער מענש, באלד און איך וועל אויך קענען רוהיג זיצען א פאָר מינוטען, באלד און איך וועל זיין מ י י ן א י י ג ע נ ע ר.

עס איז שטיל — טויט שטיל אין גאס, די שרעקליכע היצען פון די לעצטע עטליכע טעג — האָבען אויסגעמאטערט די אָרימע מענשען, און זיי זיינען אנטלאָפען.

ווער אין קאָונטרי, אין שוים פון דער פרייער נאטור; ווער אין קוני־איילאנד, אין ראקאָוויי, ווער אין סענטראל פּארק, און ווער גאָר אויף דעם רוף... אלע זיינען אנטלאָפען פון דער שרעקליכער שטיקענדער אטמאספערע — זיי זיינען געלאָפען זוכען אביסעלע לופט — אָפּאָטהעמען זיך... און אין גאס איז שטיל, — שאַ!

דיזע שטילקייט שטיקט מיר אָבער נאָך מעהר פון די היטצען, זויער, משונה זויער אויפ'ן הארצען... און ס'רייסען זיך ביטערע מחשבות וועלכע זיינען אָנגעוואקסען אין מיין מארך.

ריכטיג איז דאָס ווערטיל: „קיינער וויים ניט וועמען דער שוך דריקט".

אָבערפלעכליך שיינט אונז אז די שטראָמענדע מענשען אין די גאסען זיינען אָלל־רייט. יעדערער לויפט צו זיין באשעפטיגונג — יעדערער שיינט אונז צו זיין צופריעדען מיט זיך, עס דוכט זיך אז אלעס בליהט אין דעם גאָרטען פון לעבען.

פּרופט אָבער אריינדרינגען אין דער נשמה פון יעדען — אַך וואָס פאר אשוידער וואָלט אייך ערשיטערט, זעהענדיג די בלוטענדע

וואונדען, די פּרעסענדע גיפּט וועלכע האָט זיך איינגעגעסען ביי יעדען בעזונדער אין הארצען.

אַ וועלט מיט מענשען לויפען. יאָגען, האווען — זיי זיינען ביזע.

ביזע — ביזנעס ליעגט ביי יעדען אויף דער צונג און עס דוכט זיך זיי זיינען צופרידען.

די רייכע זיינען ביזע מאַכענדיג פּלענער ווי מיט מעהר ערפאָלג ארויספּרעסען פון דאָס פאָלק גרעסערע פּראָפיטען און ווי בעקוועמער. רייצענדער איינריכטען זייער לעבען.

דער אָרימער איז ביזי רעכענענדיג דעם גרויסען מאַטעמאַטי־שען חשבון, ווי אזוי ער זאָל דערהאלטען די נשמות פון זיינע ליעבע מיט זיינע קליינע פערדינסטען.

די פרוי פון ארבייטער איז ביזי מיט די פינאַנסען — פון איהר מאַן׳ס „ווייזשעס“, באַנוצענדיג איהר גאַנצע פעהיגקייט ווי אָרום זי קען סעטלען די גראָסערי, בוטשער, מילך־מאַן, אינשורינג און לענדלאָרד בילס.

יונגע לייט זיינען ביזי, ווער אין אַ גלעזעל, ווער אין אַ פּינאָקעל, ווער ערנסט אין ביכער און ווער אין דעם שעהנעם געשלעכט.

פּריילינס זיינען ביזי, ווער מיט זייערע בלומען טעפּ אויף די קעפּ, מיט דרעסעס, לייסעס, ריבאָנס, ווער אין וויכטיגע ערנסטע פּיזיאָלאָגישע און עקאָנאָמישע פראַגען...

אַלע, אַלע זיינען ביזי, ווער איז אָבער גליקליך, ווער איז צו פריעדען, ווער איז דערגאַנגען דעם ריכטיגען סוד פון לעבען?!

איך בין אויך ביזי, ביזי מיט סיגאַרען, טאַבאַקאַ, מיט מאַכען געשעפטען.

מאַנכעס מאָהל דוכט זיך מיר אז די וועלט איז אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען, און נאָר איך און אַ גרויסער גראָבער סיגאַר זיינען די איינציגע ארטיקלען וועלכע זיינען פערבליבען... עס מאַכט זיך צייטען ווען מיין מארך ווערט איבערגעצויגען מיט אַ געדיכטען וואָל־קען רויך פון די סיגאַרען ; אַן אנדערס מאָהל צייגט מיר אויס דאָס אַלע דורכגעהער זיינען גאָר קיין מענשען — נור סיגאַרען סמו־קער, סיגאַרען קאַסטימער, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען מיט

דעם צוועק צו געבען צו לייזען און פערשאפען פערגעניגען אנדערע, און ווען זיי געהען בלויז פאראיבער און קויפען ניט, זיינען זיי ניט ווערטה וואס די ערד טראגט זיי...

אך וואס פאר א נודע! וואס פאר אן עקעל...

איך פיהל ווי מיין מארך שווימט ארום אין מיין קאפ אהן א ציעל אהן א צוועק...

איך פיהל ווי איך ווער א גייסטיגער קריפעל, איך קען ניט ערנסט דענקען, מיין מוח איז ווי פאראליזירט; שמייכעל צו יעדען, ווידערהאל דעם זעלביגען, גוט מארגען — אדער איוונינג.

„א גיים וועטער איז טו דיי!" איז א פראזע וועלכע ווערט אזוי ווי פון א מאשין ארויסגערעדט, ניט ווילענדיג ניט דיינקענדיג וועגען איהר בעדייטונג.

און דער פנים מוז זיין אימער איבערגעצויגען מיט א שמייכעל; עס ווילט זיך מאנכעס מאהל זיין אליין, ניט זייענדיג געשטערט, עס וואלט זיך אמאל אריינטראכטען אין עפעס גוטעס, איידעלעס, און פלוצלינג נא דיר, א וויכטיגע אורזאכע מר. מאקדאנאל וויל האבען א פעקעל האנעסט טאבאקא! איז עס ניט א וויכטיגע געשעהעניש צוליעב וואס עס לוינט זיך אלעס פערגעסען אלעס איבעררייסען?... ס'ווילט זיך אנשפייען איהם אין געזיכט אבער מיין ערנסטער פנים ווערט ווי דורך עלעקטריציטעט באצויגען מיט א שמייכעל:

— א גיים וועטער איז טו דיי!

אט אין אזעלכע מאמענטען וואלט איך געוואלט, דאס פון אלע סיגארען זאל ווערען איין גרויסער סיגאר, פון אלע פעקלאך טאבאקע — איין בארג מיט טאבאק, און מיט א גרויסען מעטש וואלט איך עס אנגעצונדען און זאל אלעס אוועק מיט דעם רויך!..

— איך בין דיר מקנא. — זאגט צו מיר מיינער א פריינד: — ענדליך זאגט ער, האסט דו זיך ארויס געריסען פון די נעגיל דער שקלאפעריי, ענדליך, און דו ביזט דיין אייגענער באס, ביזט א פרייער זעלבסטשטענדיגער מענש.

ווען ער זאגט עס ברענען זיינע אויגען פון קנאה...

אך נארען, גולם'ס וואס איהר זייט — מקנא זייט איהר מיר? הא! א פרייער אינדעפענדענט מענש בין איך?

א חלום! א ביטערער טעות.

איך בין דער זעלבער שקלאף — א מיאוסער שקלאף!

איך מוז שמייכלען, חנפה'נען יעדען, איך מוז זיך בריה'ן,

חכמה׳נען, אין דער צייט ווען איך פיהל ווי מיין הארץ ווערט צו שפּרינגען פון דער פּוסטקייט פון מיין עקזיסטענץ.

איך בין דאָך אויך איצט ניט מעהר ווי א שרייפּעלע א פּיצע־נאנינקע שרייפּעלע פון א מאשין, וואָס דרעהט זיך אָהן מיין ווילען, אָהן מיין וויסען — איך בין דאָך ניט מעהר ווי א טהייל, א צוגע־וואקסענער טהייל פון א שטענדיג ברענענדען, רויכענדען סיגאר...

שמייכעל, בויג דיין רוקען, ווייז זיך אונטערטהעניג, גלעט, לאשצע, בעדיען, טראָג אונטער דעם מעטש מיט א קנעכטישען פּנים — אזוי האָט ליעב דער קאָסטימער, דאָס גלייכט ער, און ווענמען איז נוגע דיין „איך“, דיין נשמה, דאָס צאַפּלען זיך פון דיין לעבער, פון דיין גאלל?...

און מען איז מיר מקנא פאר מיין פּריוויהייט, — איך בין אוים שקלאַף, הא ? מען איז מיר דערפאר מקנא !

בעפרייען זיך, פליהען אין דער הויך, ניט פויזען אויפ׳ן בויך, וויל דער קליינער ווערימל, עם עקזיסטירען אָבער קיין פליעגעל ניט פאר איהם, און אום צו שטילען זיין מאָגען מוז ער קריכען, פויזען און נעהמען אין אנבעטראכט די קליינינקע, שמאָלינקע אומ־שטענדען פון זיינע ד אמות...

— אך, וואָס פאר א נודע, וואָס פאר אן עקעל!...

ע נ ד ע.

אינהאלטס פערצייכעניס.

זייטע

1. א טאַטע 7
2. און זיא איז דאך עלענד 14
3. ער איז ענטוישט 19
4. וואס זאל זיא טהאן? 26
5. מיעד פון לעבען 31
6. דער ניגון 35
7. ראַבע 41
8. א טראפען בלוט 47
9. צו בעדויערען אדער צו פעראַכטען? 53
10. ניי יאהר געדאנקען 58
11. פון קאלעדזש אין משוגעים הויז 61
12. א חלום 66
13. בין איך משוגע? 70
14. מיין נאַכבאַרין אין שאפ 72
15. א ליכטיגער מאמענט 78
16. ער איז ביזי 84
17. דיא צושטערטע האפענונג 87
18. „און איהר שטעהט פון וויטען“ 92
19. זיין אדער ניט זיין? 96
20. א מאמע 99
21. דער שלומיאל 102
22. זאלץ אויף דיא וואונדען 106
23. נאכ'ן שאפ 108
24. ווער איז שולדיג 111

25. זיא קען זיך ניט ענטשליסען! 116
26. פערצווייפלונגס געדאנקען 122
27. א מאָנאָלאָג פון א שיכור 125
28. אונשולדיג 131
29. דיא פערעטהערין 137
30. פעראייניגט 142
31. א סיבה 148
32. ער וויל זיך ניט אונטערגעבען 155
33. א טעות 161
34. צו פריה געפרעהט זיך 169
35. געביטען דיא ראלען 175
36. סוף גנב לתליה 180
37. ביז וויא לאנג? 185
38. אויך א ביזנעס מאן 189
39. פאר אייך 194
40. פעני נעבאך 200
41. איינע פון פיעלע 208
42. האט זיך פערלארען 215
43. געדאנקען פון א סטאָר קיפּער 223